STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10064

GEKLIBENE SHRIFTN

Samuel Rosenfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ראָזענפֿעלד

געקליבענע שריפֿטן

(מאָנאָגראַפֿיעס)

ניו-יאָרק 1947

אַרויסגעגעבן פון ש. ראָזענפעלד בוך-קאָמיטעט
מיט דער הילף פון: ישראל מאַץ, נאַציאָנאַלער ארבעטער-פאַרבאַנד,
דוד פריש און יוסף און הענרי ראָזענפעלד

PRINTED IN U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 WEST 25TH STREET
NEW YORK CITY 1, N. Y.
166

דר. א. מוקדוני

שמואל ראָזענפעלד

(אַ ביאָגראַפיש־קריטישע שטודיע).

ערגעץ אין אַ דאָרף מיטן נאָמען הרוזסקאָיע, כערסאָנער גובער־ניע, ניט ווייט פון יעליסאַוועטגראַד, איז שמואל ראָזענפעלד אין יאָר 1869 געבוירן געוואָרן.

זיין פאָטער איז געווען דער שוחט, דער בעל־תפילה און דער רב אין דאָרף; דער דאָרף מיט דער ניט גאָר גרויסער צאָל יידישע ישובניקעס, האָט ניט געקענט אויסהאלטן אַ גאַנצן שטאַט מיט כלי־קודש, איז ראָזענפעלדס פאָטער געווען אַליין אַ גאַנצער שטאַט פון כלי־קודש.

אַ ראכמאסטריווקער חסיד איז געווען ראָזענפעלדס פאָטער, אָבער בטבע איז ער געווען אַ מתנגד, אַ קאַלטער, שטרענגער און פעלזיקער ירא־שמים און לערנער.

ער איז געווען פון די אַמאָליקע גראַניט־יידן, יידן, וואָס וויסן ניט פון קיין פשרות, יידן גאַנצע און פעלזיקע.

די געבאָטן פון רעליגיע זיינען לעבנס־נאָרמעס, רעליגיע איז איינגעשטעלטער און געהייליקטער שטייגער, און עס זיינען ניטאָ קיין לויזע, קיין וויניק־שטרענגע און מער שטרענגע געבאָטן.

אַ ייד איז 24 שעה אין מעת־לעת אַ ייד, ניטאָ קיין אָפּלאָז, ניטאָ קיין אָפּרו און ניטאָ קיין בלויזן, קיין ליידיקע און קיין פרייע פון רעליגיע צייט, רעליגיע פילט אויס יעדע שעה, יעדע מינוט און סעקונדע.

איז ניטאָ קיין צייט און קיין פלאַץ צו צערטלען קינדער, צו שפּילן זיך מיט זיי און צו פאַרשאַפן זיי פאַרגעניגן.

ווי נאָר זיי הויבט מען זיי אָן לערנען מאַכן אַ ברכה, צו נאָכזאָגן קריאת־שמע; אַ קליין קינד, ווערט ער שוין איינגעשפּאַנט אין דעם עול יידישקייט, און וואָס עלטער ער ווערט אַלץ שווערער ווערט דער דאָזיקער עול.

אין שטוב איז איינגעשטעלט אַ שטרענגער רעליגיעזער שטייגער, און דער שטרענגער פאָטער איז דער דיקטאַטאָר, ער פירט אַלץ מיט אַ שטאַרקער האַנט, ער גיט אַכטונג, אַז אַלץ און אַלע זאָלן אַריינגעפּאַסט ווערן אין דער אייזערנער רעליגיעזער דיסציפּלין, און האַרבע שטראָפן דערוואַרטן דעם, וואָס ברעכט די דאָזיקע דיסציפּלין, עס איז ניטאָ קיין רחמים, ניטאָ קיין משוא־פּנים און ניטאָ קיין יינגער און עלטער.

אין אַ שטרענג־דיסציפּלינירטער וועלט לעבט דאָס קינד שמואל, דער יינגל און דער בחור שמואל.

דערצו איז שמואל געווען אַ בן־יחיד; ער האָט געהאַט אַ גאַנצע כאָפּטע שוועסטערלעך, אָבער טאַטעס האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון מיידלעך, איז די גאַנצע דערציערישע אויפמערקזאַמקייט פון שמואלס פאָטער קאָנצענטרירט אויף אים.

אַ בן־יחיד, און דערצו אַ זייער פעאיקער, האָט דער פאָטער געוואָלט מאַכן פון אים אַ מוסטער פון אַ ירא־שמים און אַ בן־תורה.

דער בן־יחיד האָט ניט געטאָרט שטיפן, חלילה. בלויז איין מאָל האָט דער בן־יחיד זיך פאַרשטיפט מיט קינדער און ניט געקומען אין צייט לערנען מיט זיין פאָטער, און די דאָזיקע קינדישע שטיפעריי האָט אים געקאָסט אַן אויג.

דער פאָטער, באַשטראָפנדיק שמואלן פאַר דער דאָזיקער שטיפעריי איז איין קלאַפּ פון דעם האָגל קלעפּ, ניט ווילנדיק, פאַרשטייט זיך, געפאַלן אין איין אויג אַריין, דאָס אויג האָט אָנגעהויבן בלוטיקן, קיין ווען האָט מען ניט געמאַכט פון דעם, צו קיין דאָקטוירים איז מען ניט געלאָפן, און שמואל האָט פאַרלאָרן דאָס אויג. ער האָט אויף דעם אויג כמעט אינגאַנצן ניט געזען.

זיין פאָטער נעמט אים אַמאָל צום רבין, אָבער די חסידות מיט איר פרייליכקייט, מיט איר דעמאָקראַטישקייט און מיט איר לייכטקייט קלעפּן זיך צו ניט צום פאָטער און ניט צום זון, הפּנים

צוויי קאַלטע, טרוקענע מתנגדים האָבן פאַרבלאַנדזשעט אין דעם חסידישן לאַגער.

אין ש. ראָזענפעלדן איז ניט געווען קאַנטיק דער קלענסטער פונק פון חסידות, ער איז געווען אַ מתנגד און אַ ליטוואַק, וואָס איז צופעליק געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין אוקראַינע.

און קאָוונע, די הויפּט־שטאָט פון ליטע ווערט שפּעטער זיין אמתע, זיין נאַטירלעכע געבורט־שטאָט. אין קאָוונע לערנט ער, אין קאָוונע גייט ער אַריבער צו דער השכלה, פון דער ישיבה גלייך צו דער השכלה.

שמואל ראָזענפעלד, דער וועלטלעכער מענטש שפּעטער, ווערט דאָס געטרייע בילד פון זיין שטרענגן רעליגיעזן פאָטער, בלויז אין אַן אַנדער וועלט און אין אַן אַנדער שטייגער פון לעבן.

שמואל ראָזענפעלד איז געקומען אויף דער וועלט ווען דאָס יידנטום האָט איבערגעלעבט שטאַרקע אינערלעכע צעטרייסלונגען; נאָך דער גרויסער צעטרייסלונג, וואָס דער קאַמף קעגן חסידיזם האָט געבראַכט, איז געקומען דער גרויסער קאַמף פון דער השכלה מיטן טראַדיציאָנעלן יידנטום.

דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער און ער האָט זיך געלאָזט פילן אין איטלעכם יידיש הויז, אפילו אין די הייזער, אין וועלכע עס איז ניט געווען קיין קאַמף אין דער משפחה גופא, האָט זיך געפילט דער פאַרצווייפלטער קאַמף, ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שטרענגערער רעליגיעזער דיסציפּלין אין די דלד־אמות פון דער משפחה ביי די טראַדיציאָנעלע יידן.

דאָס הויז פון ראָזענפעלדס פאָטער איז געווען פאַרהאַקט און פאַרריגלט פאַר דער השכלה, אַזוי הערמעטיש פאַרריגלט און פאַרהאַקט, אַז אַפילו ידיעות וועגן דעם קאַמף זיינען ניט אַריינגעדרונגען אין הויז.

און אין אַ דאָרף איז ניט געווען שווער אָנצוהאַלטן אַזאַ אַבסאָלוטע איזאָלאַציע; די יידישע פּויערים אין כערסאָנער גובערניע, פּשוטע, שטילע און גאָטספאַרכטיקע האָרעפּאַשניקעס, זיינען זייערע דערפער ניט געווען און האָבן ניט געקענט זיין קיין קאַמף־פּלעצער צווישן דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום און דער השכלה, דאָס זיינען געווען

שוואַכע סטראַטעגישע פונקטן פאַר דער השכלה און זי האָט זיך ניט געקוואַפּעט אויף זיי.

אַזוי אַרום איז דער דאָרף געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „נאַטירלעכע" פעסטונג קעגן דער אַריינדרינגונג פון דער השכלה.

אָבער, האָט מיר אַמאָל ראָזענפעלד דערציילט, איז דאָך אים אַריינגעפאַלן אין די הענט שמ"רס אַ ראָמאַן, וואָס זיין מוטער האָט געליינט. מוטערס, אָדער סתם פרויען האָבן געמעגט ליינען אַלץ, אַפילו מעשה־ביכלעך. ער האָט אָבער אַפילו ניט חושד געווען, אַז דאָס איז אַ טריף־פסול, ער האָט דורכגעליינט און זיין ערשטע רעאַקציע איז געווען — אַ גרויסע קונץ, איך קען אויך אָנשרייבן אַזאַ ספר, עס איז זייער לייכט, און ער האָט אָנגעשריבן צוויי ראָמאַנען. ער האָט זיך אַליין באַוויזן, אַז ער קען אויך אַזאַ מלאכה. דאָס איז געווען זיין ערשטער שרייבערישער פּרואוו.

ער איז דאַן אַלט געווען 13 יאָר.

ער איז קיינמאָל אין קיין חדר ניט געגאַנגען, זיין שטרענגער פאָטער האָט מיט אים געלערנט ביז פופצן יאָר.

אָבער צו 13 יאָר האָט ער שוין געלערנט אַנדערע, ער האָט גע־קנעלט מיט די קינדער פון דאָרף.

ער האָט קיין פרייד פון יוגנט ניט פאַרזוכט, ער האָט ניט טועם געווען דעם טעם פון שטיפעריי, פון קינדישער שפילעריי און פון קונדסעריי; דער פאָטער פון איין זייט, דערנאָך די קנעלעריי פון דער אַנדער זייט, האָבן ניט דערלאָזט צו דעם אַלץ.

דאָס האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלייגט אויף זיין געמיט און אויף זיין גאַנצן מהות; ער האָט זעלטן געלאַכט, ער איז געווען שטענדיק ערנסט, ער האָט ניט ליב געהאַט קיין טומל אַרום זיך. איינזאַמקייט, זיין מיט זיך אַליין, איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור.

ער האָט אָבער געדענקט זיין טרויעריקע, איינזאַמע יוגנט, זיין יוגנט אָן פרייד און אָן געלעכטער און אָן שטיפעריי און ער האָט זיינע צוויי קינדער געגעבן די גרעסטע פרייהייט און מעגלעכקייט צו געניסן פול זייער יוגנט, און דער איינזאַמער ראָזענפעלד פלעגט קוקן מיט גליקלעכע אויגן אויף דער פרייד פון זיינע קינדער; זייער אינטערעס אין ספאָרט, זייערע שטיפערייען און זייערע קינדישע

קאַפּריזן האָבן אים פאַרשאַפט גליק. זיין יוגנט, זיין איינזאַמע, פרייד־לאָזע יוגנט, איז אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן.

זיין פאָטער האָט אים אַפילו ניט געלערנט שרייבן, דאָס האָט אים געלערנט זיין מוטער. דער פאָטער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן איבוד פון צייט.

צו פופצן יאָר איז שמואל ראָזענפעלד געווען אַ יונגער למדן, זיין פאָטער איז געווען זיכער, אַז ער האָט דערצויגן דעם ריכטיקן זון, אַ לערנער, אַ ירא־שמים און אַן ערנסטער ייד, ער איז שוין געווען אינגאַנצן זיכער מיט זיין שמואל, ער האָט אויסגעהאַמערט פון אים דעם אמתן מאָנאָליטישן ייד.

און אַזוי האָט עס אויסגעזען טאַקע.

אָבער הפּנים מען קען אַ קינד ניט אויסבאַהאַלטן פון דער אַרו־מיקער וועלט און אָפּהיטן אים פון דעם גייסט פון דער צייט, די צייט געפינט שוין אירע וועגן צוצוקומען דורך די פאַרהאַקטע און פאַרריגלטע פאַר איר טירן.

דער מענטש איז מער אַ קינד פון זיין צייט און ווייניקער אַ קינד פון זיין פאָטער און מוטער.

דער דאָרף הרוזסקאַיע האָט געהערט צו יעליסאַוועטגראַדער קרייז, איז, פאַרשטייט זיך, אַז יעדן איז אויסגעקומען צו זיין אין דער קרייז־שטאָט, און שמואל, דאָס יונגע מלמדל און דער לערנער האָט שוין געקענט אויף זיינע הוצאות פאָרן אין דער קרייז־שטאָט יעלי־סאַוועטגראַד, אין דער קרייז־שטאָט, וואו עס איז דאָ אַ רב אַ גרוי־סער מופלג, מיט וועלכן מען קען גוט דורכלופטערן אַ האַרבע שיטה אין תלמוד.

באַזוכנדיק יעליסאַוועטגראַד זיינען אים אַריינגעפאַלן צופעליק אין די הענט עטלעכע גאַנץ אומשולדיקע השכלה־ביכער ווי „עמק הארזים" פון א. ש. פרידבערג, אַ בוך פון סמאָלענסקין און אַ יאָר־גאַנג פון „היום".

אָבער פאַרכאַפּט האָט אים אַ קאָלעקציע ביכער פון דער יידי־שער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, וואָס ער האָט אַנטדעקט ביים יעליסאַוועטגראַדער רב ר' יהודה ליב עפּשטיין. די דאָזיקע ווערק פון מיטלאַלטער האָבן געמאַכט אויפן יונגן לערנער אַ געוואַלדיקן רושם.

דאָס, צוזאַמען מיט עטלעכע השכלה-ביכער, האָבן געמאַכט ממש אַן איבערקערעניש אין דער נשמה פון דעם פרומען מופלג שמואל, און ער איז געפאַנגען געוואָרן פון דער „השכלה בת-השמים".

אָבער דאָ איז ער געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט זיין שטרענגן און הארטן פאָטער. דער שטרענגער ירא-שמים האָט דערזען, אַז זיין געראָטענער זון ווערט נתפקר, ער גייט אַרויס לתרבות-רעה, און ער, דער טאַטע, איז ניט געווען פון די, וועלכע בויגן זיך, און זיין שמואל איז אין דעם פרט זיין טאַטנס אַ קינד, אַ שווייגער, אָבער אַן עקשן, אַ שטילער, אָבער אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש.

וועגן אַ פשרה צווישן פאָטער און זון האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין, דאָ האָט זיך די „קאָסע" אָנגעשטויסן אויף אַ שטיין.

עטלעכע יאָר האָט געדויערט דער קאַמף און קיינער פון די צוויי האָט ניט נאָכגעגעבן כחוט השערה, און דער זון האָט געמוזט פאַר-לאָזן זיין פאָטערס הויז.

דער דאָזיקער קאַמף איז, פאַרשטייט זיך, אַרויס אין גאַס און שמואל איז געוואָרן אַ מאַרטירער פון דער השכלה ביי די יעליסאַוועט-גראַדער משכילים, און זיי האָבן אים גענומען אונטער זייערע פליגלען.

נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת מיט זיינע נייע פריינט און מיט זיך אַליין איז געבליבן, אַז שמואל פאָרט קיין קאָוונע, אין דער ליטווישער הויפט-שטאָט, אין דער שטאָט פון באַרימטע ישיבות, ממשיך זיין לערנען פון תלמוד.

דער יונגער משכיל האָט געפלאַנט צו ווערן אַ רב, אָבער אַ רב ניט קיין פינצטערלינג, נאָר אַ רב מיט בילדונג, אַ רב, וואָס קען רוסיש, העברעאיש און די העברעאישע ליטעראַטור.

די דערציאונג אין זיין פאָטערס הויז 18 יאָר האָט זיך ניט געלאָזן אָפּמעקן, מיט זיין גאַנצער השכלה בלייבט ער אין תוך דער זעל-ביקער גאָטספאָרכטיקער און וואויללערנערישער בחור, ער וויל בלויז צוגעבן צום לערנען אַ ביסעלע בילדונג.

ביי די יעליסאַוועטגראַדער משכילים איז דאָס געווען אַ גרויסער געווינס: זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט אַ נשמה, וואָס ציט זיך צו השכלה, פון די הענט פון אַ פאָטער אַ מורד-אור, אַ פינצטערלינג. מיט דער הילף פון די דאָזיקע משכילים לאָזט זיך שמואל אַוועק

אין מרחקים, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ער לאָזט זיך אוועק קיין קאָוונע.

⁂

אין קאָוונע ווערט ער אַ פּרוש; ער וואַרפט זיך צוריק אַריין אין לערנען מיט אַ געוואַלטיקן ברען, ער איז איינער פון די גרעסטע מתמידים אין בית־המדרש, אָבער ער פאַרלאָזט ניט אויך די השכלה, ער לערנט רוסיש, העברעאיש, יידישע געשיכטע, אָבער דער עיקר לערנט ער תלמוד און מפרשים.

ער גילט צווישן די פּרושים און ישיבה־בחורים פאַר איינעם פון די שאַרפסטע, קלאָרסטע קעפּ און אויך פאַר אַ גרויסן בקי.

ער שרייבט שוין איצט ווי אַ שרייבער, ער דרוקט נאָך ניט, אָבער ער שרייבט. זיין שרייבן איז נאָך אַמאַטאָריש אָבער ער ווייזט גרויסע בריהשקייטן. אַזוי, למשל, שרייבט ער אָן אין דער צייט פון זיין קאַמף מיט זיין פאָטער זיין אויטאָביאָגראַפיע אין העברעאיש. די אויטאָביאָגראַפיע איז געווען אַ בוך פון צוואַנציק דרוק־בויגן און געשריבן דורכאויס אין גראַמען.

עס איז אַ צו לאַנגע ביאָגראַפיע פאַר אַ בחור פון 18 יאָר, וואָס איז כמעט ניט אַרויס מפתח ביתו; ער אַליין האָט מיר אַמאָל דערציילט וועגן זיין יוגנטלעך ווערק שפּאַסיק, הפנים יוגנט איז יוגנט אפילו ווען מען איז אַליין אַ שטרענגער ירא־שמים און מען האָט אַ שטרענגן פאָטער וואָס וואַכט איבער אים.

אין קאָוונע ווערט אויסגעפורעמט דער קומענדיקער קעמפנדיקער, דעם אמת־ליבנדיקער און אמת־זאָגנדיקער שמואל ראָזענפעלד; זיינע אויגן ווערן שאַרף און דורכדרינגענדיק, ער דערזעט און דערשפּירט די פאַלשקייט און טרייפקייט אונטער זיבן שלייערן, קיין זאַך קען ניט פאַרהוילן ווערן פון אים, ער באַקומט אַ קלאָרן און שאַרפן לשון און אַ טאַלאַנט צו שרייבן קורץ און צום פּונקט, דער שוויגער אין אים האָט פיינט געהאַט באַרעדעוודיקייט.

אין קאָוונע דערזעט ער ראשית כל די גרויסע אומאָרדענונג, וואָס הערשט אין דעם כולל פון די פּרושים און פון די ישיבות, ער הויבט שטיל אָן זאַמלען פאַקטן און עס וואַקסט אויס אַ גאַנצער באַשולדי־

קונגס-אַקט קעגן דער פירערשאַפט פון דער כולל פון די פרושים און פון די ישיבות, פאַר וועלכע מען האָט געזאַמלט געלט אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד און אין פוילן.

זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער פרעסע מאַכט אַ גרויסן רושם, ער דרוקט אַן אַרטיקל אין „המליץ" וועגן דער אומגליקלעכער אומ־אָרדענונג אין דער הנהגה פון דעם כולל פון די פרושים און די ישיבות.

דער דאָזיקער ערשטער אַרטיקל פירט צו אַ שאַרפן איבערברוך אין זיין לעבן, ער רייסט אינגאַנצן איבער מיט זיין לערנערישער קאַ־ריערע, פון דעם כולל פון די פרושים ווערט ער אויסגעשלאָסן, ער גייט אַוועק פון בית-המדרש און ווערט אַ העברעאישער לערער.

די קאָוונער משכילים נעמען־אויף דעם נייעם, אָפענעם קעמפער מיט אָפענע אָרעמס.

אַ גרינדלעכער קענער פון העברעאיש, פון דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור און דערצו אַ געוויסנהאַפטיקער מענטש, ווערט ער דער לערער אין די רייכסטע הייזער אין קאָוונע.

זיינע אַמאָליקע תלמידים האָבן אים געדענקט זייער גאַנץ לעבן און אים דערמאָנט מיטן גרעסטן יראת-הכבוד. אייניקע פון זיינע תלמידים זיינען שפּעטער געוואָרן גרויסע קענער פון העברעאיש און געלערנטע, איינער פון זיינע תלמידים איז געווען סאָלאָווייטשיק, דער יידישער מיניסטער אין די ערשטע יאָרן פון ליטווישער זעלבסטשטענ־דיקייט און דער ביבל-פאָרשער.

עטלעכע פרטים וועגן שמואל ראָזענפעלד אין זיין קאָוונער פּע־ריאָד, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון דער ישיבה, גיט מיר איבער דער העברעאישער דיכטער דר. א. ש. שוואַרץ, וואָס איז דאַן געווען אַ יונגער בית-המדרשניק:

ווען איך האָב אים געקאָנט איז ער אַלט געווען לערך 30 יאָר, אַ הויכער, אַ שטאַרקער און אַ בייניקער איז ער געווען, ער איז גע־ווען אַ טונקעלער און האָט געטראָגן שוואַרצע ברילן, אָבער דורך די שוואַרצע ברילן פלעגט ער דיר דורכשטעכן מיט זיין שאַרפן בליק.

ער איז געווען שיין געקליידט און פלעגט גיין אין גאַס אַ שטאָל־

צער און אַ שטרענגער, ער איז דאַמאָלסט געווען אין דעם סאַמע אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער עליה.

זיינע „מכתבים מערי השדה" האָבן זיך דאַן כסדר געדרוקט אין „המליץ", זיי זיינען געווען האַלב פובליציסטיש און האַלב פעליטאָ־ניסטיש־סאַטיריש.

און אויף וועמען האָט ער ניט אויפגעהויבן די בייטש פון זיין צאָרן און פון זיין סאַטירע? עס וועט ניט זיין קיין גוזמא ווען איך וועל זאָגן, אַז זיינע „בריוו פון פראָווינץ" האָבן געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויף אונזערע דאַמאָלסטיקע קהלסלייט, אויף די פירער אין דער פראָווינץ און אַפילו אין קאָוונע גופא.

איינער פון זיינע בריוו וועגן די מוסרניקעס און וועגן רבי יוזיל, דער מענטש מיט צוויי ושטס (אָדער „חורים"), איינער פאַר מילכיקס און איינער פאַר פליישיקס, האָט געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם אין דער יידישער וועלט, און אין קאָוונע און אין סלאָבאָדקע האָט עס געקאָכט ווי אין אַ קעסל.

און מיר יונגע בית־המדרשניקעס, וואָס זיינען געווען פאַרכאַפּט אין דער מעשה, מיר זיינען געווען ציוניסטן און העברעער, האָבן געקוקט אויף שמואל ראָזענפעלדן מיט גרויס יראת־הכבוד.

זיין פרנסה האָט ער געצויגן ניט פון „המליץ", נאָר פון העברע־אישער לערעריי. ער איז געווען אין קאָוונע דער העברעאישער לע־רער, ער איז געווען אַ לערער אין די רייכסטע הייזער. סאָלאָווייטשיק, דער שפּעטערדיקער ביבל־פאָרשער, איז געווען איינער פון זיינע גע־טרייסטע תלמידים.

ער איז געווען שטאַרק באַפריינדט מיט איזידאָר עליאַשעוו (בעל־מחשבות).

שמואל ראָזענפעלד, ווענלדיק ליב מאַכן ביי זיינע תלמידים די דאַמאָלסט נייעסטע העברעאישע פּאָעזיע, פלעגט ער לייענען מיט זיי יהודה ליב גאָרדינס „אהבת דוד ומיכל".

שמואל האָט אָבער ניט געוואָלט לערנען אַנדערע, ער האָט גע־וואָלט אַליין לערנען.

און ער האָט אָנגעהויבן זוכן תחבולות ווי צו אַוועקלאָזן זיך אין אויסלאַנד און אַנקומען אין אַן אוניווערזיטעט.

פאַר דער דאָזיקער צייט איז זיין רעפּוטאַציע ווי אַ העברעאישער קעמפּנדיקער זשורנאַליסט איינגעשטעלט געוואָרן.

זיינע „בריוו פון דער פּראָווינץ" (מכתבים מערי השדה), וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „המליץ" האָבן געמאַכט ממש אַן עפּאָכע; צום ערשטן מאָל האָט זיך באַוויזן דער אמתער פּובליציסט אין העב־ברעאיש, אַ פּובליציסט, וואָס רעדט קלאָר, ניטאָ קיין זכר פון מליצה. און ריידן רעדט ער צום פּונקט, און שאַרף־קעמפעריש איז ער, און ניט אַבסטראַקט קעמפעריש, נאָר קאָנקרעט. ער דעקט־אויף מוטיק בלוטיקנדיקע וואונדן אין דעם יידישן לעבן, ער דעקט זיי אויף מיט ווייטיק, מיט גרויסער מאָראַלישער ענטריסטונג און מיט שריפט־שטעלערישער קראַפט. ניט סתם אַ שרייבער האָט זיך באַוויזן אין דער העברעאישער פּרעסע, נאָר אַ מוכיח, אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענ־לעכקייט.

ער איז אַרויסגעטראָטן דער עיקרשט קעגן די תקיפים און קעגן אַ טייל רבנים, וואָס גייען מיט זיי.

די רבנים האָבן געמאַכט אַ טעות אָננעמענדיק, אַז ער טרעט אַרויס קעגן רבנים בכלל, ווי דער שטייגער פון די משכילים, דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכער טעות. ש. ראָזענפעלד איז אין תוך דאָן געווען איינער פון זיי, און ער איז עס געווען אפשר זיין גאַנץ לעבן, ביי אַלע גייסטיקע גלגולים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, איז ער גע־בליבן דער לערנער, דער למדן, דאָס הייסט, דער מענטש, וואָס איז נאָענט צו די רבנים און לערנער.

ער האָט געזען אין רב אַ מנהיג, און ער האָט געוואָלט, אַז דער דאָזיקער מנהיג זאָל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון שטאָטישע תקיפים, אַז דער רב זאָל זיין אַ מנהיג אין פולן זינען פון וואָרט, אַז קיין פלעק זאָל ניט פאַלן אויף אים, אַז ריין און מוטיק זאָל ער זיין.

זיין כוונה איז געווען צו הויבן דעם שטאַנד פון רב דורך אויסיעטן דעם ווילד־גראָז, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אויפן פעלד פון רבנות.

דאָס איז ניט קיין סברא און ניט קיין אַפּאָלאָגיע פאַר שמואל ראָזענפעלדן, עדות זיינען זיינע וואונדערלעכע אַרבעטן וועגן ר' ישראל סאַלאַנטער, מנשה איליער א"אנד.

עס איז דאָ גרויסע ליבע און טיפע אַכטונג צו די גרויסע רעליגיעזע פירער, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געקומען צו יידן מיט נייע דרכים, אָבער טיף רעליגיעזע.

אָט דער פריינט פון רבנים איז געוואָרן דער סטראַשידלע פון רבנים אין רוסלאַנד און פוילן.

אַזוי פּאַסירט עס שטענדיק — די געטראָפענע ווילן מאַכן זייער קעגנער פאַר אַ קעגנער פון אַלע פון זייער קלאַס, זיי ווילן מיט דעם זיך באַהאַלטן פון די פיילן, וואָס זיינען געצילט נאָר קעגן זיי, זיי ווילן האָבן אַנגעזעענע שותפים. עס איז אַן אַלטע טאַקטיק אין קאַמף מיט אַ קעגנער.

שמואל ראָזענפעלד האָט זיך אָבער קיין מאָל ניט אָפּגעשראָקן, ער איז געווען שטענדיק אַ מוטיקער און אַ בראַווער קעמפער.

דערפאַר האָבן געיובלט די משכילים, זיי האָבן באַקומען אַ מיט־קעמפער מיט באַקציינער, אַ מיטקעמפער מיט גרויסן מוט און מיט גרויסער מאָראַלישער קראַפט.

די „בריוו פון דער פּראָווינץ” האָבן איינגעשטעלט די רעפּוטאַציע פון שמואל ראָזענפעלד ווי אַ פּובליציסט. אויף זיינע אַרטיקלען איז געוואָרן אַ גרויסע נאָכפראַגע, און די העברעאישע רעדאַקטאָרן האָבן אים אַפילו געצאָלט האָנאָראַר: דאָס איז געווען דער גרעסטער חידוש, ווייל געוויינלעך זיינען געווען אַ סך בעלנים, וואָס זיינען געווען גרייט צוצוצאָלן דעם רעדאַקטאָר, און אָנערקענטע שרייבער אַפילו האָבן קיינמאָל ניט געחלומט וועגן האָנאָראַר.

אָבער דער לערנער, דער מתמיד שמואל ראָזענפעלד האָט זיך געריסן צום לערנען.

צווישן די פיל שווערקייטן איז געווען איין שווערקייט, וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף זיין וועג, און דאָס איז געווען זיין פרוי.

ער האָט אומגליקלעך חתונה געהאַט, זיין פרוי איז געווען אַ זייער איינפאַכע, אַ זייער אומוויסנדיקע און אַ זייער פּראָסטע פרוי *).

*) זע רב צעיר: מסכת זכרונות. עסיי — שמואל ראָזענפעלד.

זי האָט זיך געשטעלט קעגן זיין פאָרן אין אויסלאַנד לערנען, אָדער שטודירן, אויף איר איז ממש אָנגעפאַלן אַ פּחד: איר מאַן פאָרט אַוועק ווערן אין גאַנצן אַ גוי, ער פאָרט אַוועק און לאָזט זי אַן עגונה, אַן אייביקע עגונה.

און ווען ראָזענפעלד האָט איר געגעבן די ברירה צו גטן זיך, איז די יללה געוואָרן נאָך גרעסער; דאָ זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז ער וויל איר מאַכן פאַר אַן עגונה.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ביטערסטע צייט פאַר שמואלן.

אָבער ער האָט באַשטימט צו פאָרן אין דער שווייץ און ער איז געפאָרן, אָבער באַלד איז געקומען זיין פרוי צו אים און האָט אים געמאַכט סצענעס, ווילדע סצענעס, זי וויל ניט ער זאָל שטודירן, זי וויל ער זאָל פאָרן צוריק מיט איר אין רוסלאַנד, ווייטער זיין אַ לערער און שפּייזן זי, ווי עס פירט זיך ביי ליטווישע יידן.

ש. ראָזענפעלד האָט געזען, אַז ער האָט בלויז איין אויסוועג פאַר זיך און נעמלעך — גטן זיין פרוי קעגן איר ווילן.

אָבער אויף דעם איז נויטיק אַ פּסק, אָדער די הסכמה פון הונ־דערט רבנים, הונדערט רבנים קענען אָפּגטן אַ פרוי קעגן איר ווילן.

אָבער ווי מאַכט מען עס? אויסער די אַלע טעכנישע שוועריקייטן האָט ש. ראָזענפעלד זיך אָנגעשטויסן אויף גאָר אַן אַנדער שוועריקייט און נעמלעך — אויף דעם כעס פון די רבנים אויף אים פאַר זיינע שאַרפע אַרטיקלען קעגן זיי, פאַר זיי איז ראָזענפעלד גע־ווען אַן אַפּיקורס, אַ פּרוש, וואָס איז נתפקר געוואָרן.

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט אויך פריינט צווישן די רבנים און זיי זיינען געווען גרייט צו העלפן אים.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן איבער רוסלאַנד זוכן די רבנים, וואָס זאָלן אים גטן מיט זיין פרוי, און מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן די הסכמה פון הונדערט רבנים; עס איז, פאַר־שטייט זיך, ניט געטאָן געוואָרן אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך, אָבער ער איז ענדלעך געוואָרן אַ פרייער מענטש, וואָס קען נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט.

ער פאָרט צוריק קיין בערן, אין דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ,

און וואַרפט זיך אַרויף מיט התמדה אויף דעם שטודיום פון פילאָזאָ־פיע און געשיכטע. ער איז אַ פרייער מענטש, ער איז ניט געפּענטעט און ניט געבונדן, ער קען לערנען און לערנען.

אין בערן האָט ער זיך געחברט מיט זיין גלייכן — מיט די סטו־דענטן לומדים, ציוניסטן און העברעער; צווישן זיינע נאָענטע פריינט זיינען געווען א. מ. באָרוכאָוו, אַ סטודענט אויך אַ באַווייבטער, אַ סטודענט מיט אַ זיידן בערדל, מיט זיידענע מאַנירן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בן־הרב. ער פלעגט זינגען סענטימענטאַל רוסישע ראָמאַנסן, אויף וועלכע עס איז געווען אַ גרויסע גערעטעניש אין יענער צייט, ראָמאַנסן וועגן דעם וואָס מען ווייס ניט פאַרוואָס עס איז אַזוי אַר־מעטיק, פאַרוואָס זיינען די נעכט אַזעלכע שטילע אאז״וו.

צו דעם קרייז האָט אויך געהערט מאַסענזאָן, אַ גרויסער, גע־זונטער העברעער, שפּעטער דער גרינדער פון דער שול „הרצליה״ אין תל אביב, אַ מענטש אַ בעל־גוף אין אַלע פּרטים, ניט קיין גרויסער קאָפּ און גאָר ניט קיין גרויסער למדן, אָבער אַן אַגרעסיווער ציו־ניסט און העברעער.

צו דעם דאָזיקן סטודענטן־קרייז האָבן אויך געהערט באַגראַטשאָוו, דער פאַנאַטישער העברעער, דער קומענדיקער פאָטער פון דער „גדוד־השפה״ אין ארץ ישראל; מעטמאַן־כהן, אַ שטילער, בנעימות־דיקער מענטש, און דאָ איז אויך געווען כיסין, אָדער חיסין, איינער פון די בילוצעס, ער איז אַמאָל געווען אַ סטודענט פון דעם מעדיצי־נישן פאַקולטעט אין איינעם פון די רוסישע אוניווערזיטעטן, האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אָן די בילוצעס און איז אַוועק אין פּאַלעסטינע, האָט דאָרט געאַרבעט אַ היפּשע צייט, דערנאָך איז ער אַוועק אין דער שווייץ ענדיקן זיין שטודיום נאָך אַ לאַנגן איבעררייס. ער איז געווען פון די עלטסטע סטודענטן אין דער קאָלאָניע, ער איז געווען פון אַלעמען באַליבט, אַפילו פון די קעגנער פון ציוניזם.

דערקלערט האָט זיך עס מיט זיין צוּבערלעכער פּערזענלעכקייט, מיט זיין גוטן הומאָר, מיט זיין אויפריכטיקער פריינטלעכקייט און דער עיקרשט מיט דעם וואָס ער איז לויט זיין רוסישער בילדונג גע־ווען נעענטער צו די סאָציאַליסטישע סטודענטן און בכלל צו די „רו־סישע סטודענטן״.

דאָס איז געווען ראָזענפעלדס קרייז אין בערן.

געלערנט פילאָזאָפיע האָט ער ביים פּאָפּולערן יידישן פּראָפעסאָר לודוויג שטיין, אַלע רוסישע סטודענטן האָבן זיך געלערנט ביי דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר. געלערנט האָבן זיי ביי אים ניט פילאָזאָפיע נאָר די דייטשישע שפּראַך, ער איז געווען אַ וואונדערלעכער רעדנער, אָבער אַ פילאָזאָף ניט קיין גאָר גרויסער און טיפער.

ער איז געווען רייך, האָט געפירט גרויסע געשעפטן, האָט גע-האַט גאַנצע בלאָקס הייזער אין בערלין און ער פלעגט באַפרייען די „רוסישע" סטודענטן, דאָס הייסט — די יידישע סטודענטן פון שכר-לימוד אויף זיינע לעקציעס. געטאָן האָט ער עס ניט באַזונדערס שיין; דער סטודענט פלעגט דאַרפן, פאַרשטייט זיך, פריער איינצאָלן אין דער אוניווערזיטעט-קאַסע דעם שכר-לימוד, דערנאָך פלעגט ער דאַרפן קומען צו אים אַהיים מיטן סטודענטן-ביכל, וואו עס איז געווען פאַר-שריבן דער שכר-לימוד פון אַלע לעקציעס, און ער פלעגט אויסצאָלן פאַר זיין לעקציע צוריק.

געוואוינט האָט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר אין אַ רייכער ווילע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, און אַהין פלעגן זיך ציען יידישע סטודענטן ניט בלויז צו באַקומען צוריק דעם שכר-לימוד פאַר זיינע לעקציעס, נאָר אויך באַקומען פון צייט צו צייט אַ סובסידיע אין אַ גרויסער נויט.

קומען פלעגט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר אויף זיין לעקציע אין אַ קאַרעטע מיט צוויי זאַטע, גלאַנציקע פערד.

און דאָס איז געווען אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צו דער אָרעמ-קייט, איינפאַכקייט און דעמאָקראַטישקייט פון די אַלע איבעריקע שווייצאַרישע פּראָפעסאָרן.

מען האָט דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר ניט ליב געהאַט אין דער שווייץ, ער איז געווען צו שרייענדיק, צו אויבערפלעכלעך און צו פּאַרווע-ניואיש.

אָבער זיינע לעקציעס, אויב זיי האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט טיפקייט, האָבן זיי פאַרמאָגט עלעגאַנץ פון שפּראַך און גראַציע פון פאָרם.

אַ צווייטער פּראָפעסאָר, ביי וועלכן ראָזענפעלד האָט געלערנט געשיכטע, איז געווען וואקער. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר איז געווען ממש דער קאָנטראַסט פון פּראָפעסאָר לודוויג שטיין, ער איז געווען אָרעם, איר האָט עס געזען פון זיין אָרעמער קליידונג און פון זיין גאַנצן באַנעמען. ער האָט דערמאָנט מיט זיין אויסזען אַ יידיש מלמדל, ער איז געווען קליינגעוויקסיק, באַבערדלט ווי אַ מלמדל. אויף די לעקציעס פלעגט ער קומען אין אַן אַלטן סורדוטל, שטענדיק פאַר־שפּיליעט ניט אויפן ריכטיקן קנעפּל און כסדר איז איין פּאָלע פון סורדוט געווען העכער פון דער אַנדערער.

אַ גרוי און מוראדיק ניט־קאָנטיק מענטשל אויסערלעך.

אָבער אַן אַנדער מענטש ממש איז ער געווען ווען ער פלעגט האַלטן זיין לעקציע; ער פלעגט ממש אַפּפייערן אַ לעקציע, ער פלעגט ריידן מיט ברען, מיט פייער. ער האָט געהאַט זיינע ליבלינגס אין דער וועלט־געשיכטע, און אַזעלכע וואָס ער האָט געהאַסט. גע־האַסט האָט ער נאַפּאָלעאָנען און די פּויפּסטן.

ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט און אַ בייסיקע איראָניע, ער פלעגט מאָלן די שאַרפסטע קאַריקאַטורן פון נאַפּאָ־לעאָנען.

ער האָט געמאָלט מיט בייסיקער קאַריקאַטוריסטישער איראָניע די קורצע פיס נאַפּאָלעאָנס, און ווי קאָמיש ער האָט אויסגעזען ווען ער איז געזעסן אויף אַ הויכן פערד. ער האָט קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט פאַר נאַפּאָלעאָנען ווי „קאָרפּאָראַל באָנאַפּאַרטע".

אָבער נאָך מיט מער פייער, נאָך מיט שאַרפערער איראָניע און האָס פלעגט ער ריידן וועגן די פּויפּסטן. ער איז געווען אַ נעאָ־קאַטאָ־ליקער, די נעאָ־קאַטאָליקער זיינען קעגן די פּויפּסטן.

איז וואו נאָר אַ ליבע, וואָס אַ פּויפּסט האָט געפירט, וואו נאָר אַן אינטריגע אַ פּויפּסטלעכע האָט ער זיי באַשריבן מיט אַלע איינצל־הייטן און מיט ביטערקייט, זיין קליין קערפּערל פלעגט ממש זיך טרייסלען און ציטערן פון האָס און אַנטריסטונג.

דאָס זיינען געווען די צוויי באַליבטע פּראָפעסאָרן ראָזענפעלדס; ער פלעגט אָפט דערמאָנען מיט גרויסער דאַנקבאַרקייט דעם פּראָ־פעסאָר וואקער, ער האָט באמת פיל געלערנט פון דעם דאָזיקן פּראָ־

פעסאָר, ער האָט געלערנט, אַז געשיכטע איז אַ שטיק פּובליציסטיק, אַז צו היסטאָרישע געשעענישן מוז מען האָבן אַ לעבעדיקן צוגאַנג ווי צו אַקטועלע פּובליציסטישע פּראָבלעמען.

ער איז ווי אַ סטודענט אויך געווען אַ פּרוש, ער איז געזעסן און געלערנט, זיך ניט געטומלט און ניט געשטיפט ווי די יונגע, לעבע־דיקע סטודענטן און סטודענטקעס.

ער איז אייגנטלעך געווען זיין גאַנץ לעבן אַ פּרוש.

אין בערן איז ראַזענפעלד געקומען אין יאָר 1899, און אין וועלכע דריי יאָר אַרום האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן זיין דאָקטאָר־אַרבעט, אָדער דיסערטאַציע „נחמן קראָכמאַל ווי אַ העגעליאַנער״ ער האָט אָבער זיין דאָקטאָר־עקזאַמען ניט דורכגעמאַכט; די אָרעמ־קייט האָט אים געצוואונגען כסדר צו פּאַרנעמען זיך מיט זשורנאַ־ליסטישער אַרבעט, וואָס האָט זיך דאַן זייער קאַרג באַצאָלט.

זיין דאָקטאָר־אַרבעט איז געבליבן אין זיין קליינעם אַרכיוו.

ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען פון די ערשטע צוזשטיין צום פּאָ־ליטישן ציוניזם.

יידיש הויבט ער אָן צו שרייבן ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דער־שיינען דאָס וואָכנבלאַט „דער יוד״, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. לוריע. אין דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט באַווייזט ער זיך צום ערשטן מאָל ווי אַ זשורנאַליסט אין יידיש. ער ווערט דער שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט און זיין רעפּוטאַציע ווי אַ יידישער זשורנאַליסט ווערט גרויס, זי ווערט אַזוי גרויס, אַז ער ווערט אַרויסגערופן פון דר. טעאָדאָר הערצל צו רעדאַקטירן דאָס יידישע וואָכנבלאַט „די וועלט״, וואָס איז דערשינען צוגלייך מיט דער דייטשישער „די וועלט״. ער איז אָבער ניט לאַנג געבליבן רע־דאַקטאָר פון „די וועלט״, אַרום און אַרום איז ער געווען רעדאַקטאָר וועלכע דריי חדשים.

זייענדיק אין ווין הערט ער לעקציעס אין דעם ווינער אוני־ווערזיטעט.

ער באַזוכט, פאַרשטייט זיך, די ציוניסטישע קאָנגרעסן און שרייבט וועגן זיי אין די ציוניסטישע צייט־שריפטן.

זיינע באַריכטן וועגן דעם 2טן און 3טן קאָנגרעס, געדרוקט אין

בוך־פאָרם, אויסגאַבע „אחיסף‟, זיינען ממש מוסטערן פון גוטער, קלאָרער און שאַרפער זשורנאַליסטיק.

אין דער דאָזיקער צייט איז ער אַ פובליציסט אויף ביידע שפּראַכן, אין יידיש און העברעאיש, און אַזאַ איז ער געבליבן ביז זיין טויט — אַ יידישער און העברעאישער פובליציסט.

ער איז דאַן פון די איינציקע אמתע פובליציסטן אין ביידע שפּראַכן אויף דער יידישער גאַס.

און ווען עס הויבן אָן צו דערשיינען צוויי צייטונגען אין פּעטער־בורג (אין יאָר 1903) „דער פריינד‟ און דער „הזמן‟ ווערט ער איינ־געלאַדן ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין ביידע צייטונגען, און אין 1903 איז ער אין פּעטערבורג.

***

דאָ פאַלט אַריין ש. ראָזענפעלד גאָר אין אַ נייער פאַר אים וועלט, ער פאַלט אַריין אין דער וועלט פון דער רוסישער פּרעסע, דאַן די שענסטע, די ערלעכסטע, די פּראָגרעסיווסטע פּרעסע אויף דער וועלט.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין ש. ראָזענפעלדס לעבן ווי אַ זשורנאַליסט.

„דער פריינד‟ און דער „הזמן‟ זיינען טאַקע געווען צוויי יידי־שע צייטונגען אויף די צוויי יידישע שפּראַכן, וואָס האָבן זיך אָפּ־געגעבן הויפּטזעכלעך מיט יידישע פראַגן און פּראָבלעמען, אָבער די יידישע פּראָבלעמען און פראַגן זיינען געווען ענג פאַרבונדן און פאַר־קניפּלט מיט די רוסישע פראַגן און פּראָבלעמען, איר האָט זיי ניט געקענט אָפּטיילן איינע פון די אַנדערע.

סיי פאַר די רוסן און סיי פאַר די יידן זיינען געשטאַנען די זעל־ביקע פראַגן און פּראָבלעמען: יידן זיינען געווען רעכטלאָז אונטער דעם צאַריזם, אָבער די רוסן זיינען אויך געווען רעכטלאָז אונטער דעם צאַריזם; יידן זיינען מער אויסגעשטאַנען פון דעם צאַריזם, דאָס איז אמת, אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן מער און ווייניקער,

גאַנץ רוסלאַנד איז געפּייניקט געוואָרן פון אַ ברוטאַלער, פינצטערער מאַכט.

און געקומען איז ער אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט אין דער סאַמע ברענענדיקער פאַר אַ פּובליציסט צייט, ער איז געקומען ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905.

עס איז געווען ערב דעם גרויסן שטורעם.

די רוסישע פּרעסע איז געוואָרן דרייסטער, זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן אָפענער, זי האָט געשטעלט פאָדערונגען דער רעגירונג, קלאָרע, אָפענע פאָדערונגען.

עס איז געווען די צייט ווען גרויסע ליבעראַלע צייטונגען האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין רוסלאַנד.

און זשורנאַליסטן מיט גרויסן וויסן און מיט גרויס פאַראַנט־וואָרטלעכקייט האָבן זיך באַוויזן אין דער רוסישער פּרעסע, פּראָ־פעסאָרן האָבן זיך גענומען פאַר דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע, געלערנטע האָבן פאַרלאָזן זייערע קאַבינעטן און זיך אַריינגעוואָרפן אין פּובליציסטישער צייטונגס־אַרבעט. אַרטיקלען וואָגיקע און ביז גאָר קאָמפּעטענטע האָבן באַהאַנדלט טאָג־טעגלעכע פראַגן און פּראָב־לעמען, און די טאָג־טעגלעכע פראַגן אין יענער צייט זיינען געווען היים־רעוואָלוציאָנערע.

די רוסישע פּרעסע, וואָס איז פון אייביק אָן, מיט קליינע אויס־נאַמען, געווען די ערלעכסטע און פּרינציפּיעלסטע, האָט זיך אין דער דאָזיקער הרת־עולם־צייט אַ הויב געטאָן צו אַזאַ הויך וואָס קיין פּרעסע אין דער וועלט האָט זיך ניט אויפגעהויבן.

און דאָ ערשט האָט ש. ראָזענפעלד באַקומען זיין אמתע דער־ציאונג ווי אַ זשורנאַליסט.

דאָ זיינען אַראָפּגעפאַלן פון אים די רעשטלעך פון ישיבה־בחורישקייט, די רעשטלעך פון בטלנישן העברעאיזם און פון דעם ענגן ציוניזם.

עס איז געווען אַ גרויסע צייט פאַר אַ זשורנאַליסט. יעדער זשור־נאַליסט האָט געפילט, אַז ער העלפט צעטרייסלען די גרעסטע רעאַק־ציאָנערע פעסטונג אין דער וועלט, אַז זיין וואָרט איז געבונדן מיט טאַט, וואָרט און טאַט זיינען דאַן געווען אַ סיאַמישער צווילינג.

ניטאָ די „המליץ"־פּובליציסטיק, וואָס האָט געטאָן און געקריגט זיך מיט די רבנים און קליינשטעטלדיקע תקיפים, ניטאָ די פּי־משינקע פּראָגעלעך, ניטאָ בכלל די פּובליציסטיק פון וווערטער־קייעריי, עס איז דאָ אַ פּובליציסטיק פון טאַט.

דער פּראָווינציעלער ש. ראָזענפעלד דאַרף דאָ ווערן אַ פּעטער־בורגער פּובליציסט, און דאָס ווערט מען ניט איבער נאַכט, אָדער מיטן רוח־הקודש, מען דאַרף אַרבעטן, מען דאַרף דעראָבערן וויסן.

און ער וואַרפט זיך אַרויף אויף ביכער, אויף די צייטונגען און די בייכיקע, ערנסטע רוסישע זשורנאַלן.

ער לייענט, ער לערנט און שרייבט איןביידע צייטונגען אין דעם העברעאישן „הזמן" און אין דעם יידישן „דער פריינד".

ש. ראָזענפעלד ווערט דאָ ממש ניי־געבוירן.

און עס דויערט ניט לאַנג און ש. ראָזענפעלד ווערט אַ יידיש־רוסישער פּובליציסט; דער פּרוש פון סלאָבאָדקע, דער העברעאישער סטודענט אין בערן ווערט אַ וועלט־מענטש און אַ פּובליציסט אין דער רעוואָלוציאָנערער הויפּט־שטאָט, אין פּעטערבורג.

אין יאָר 1904 ווערט ער איינגעלאַדן אין „פריינד" ווי דער הויפּט־פּובליציסט און מיט־רעדאַקטאָר, אַזוי וויים איז דער נעכ־טיקער ישיבה־בחור אַוועק אין זיין אַנטוויקלונג ווי אַ פּובליציסט.

גאָר אַן אַנדער ראָזענפעלד זעען מיר אין „פריינד" זינט 1904.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן יידיש־רוסישן פּובליציסט.

ער האָט זיך שנעל אַריינגעלעבט אין די אַלע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט.

„דער פריינד" איז געווען די בעסטע צייטונג וואָס יידן אין רוס־לאַנד און פּוילן האָבן אַמאָל געהאַט, עס איז געווען אַ צייטונג באַ־הויכט מיטן אמתן און עכטן רוסישן ליבעראַליזם, זי איז געווען ערלעך, פּרינציפּיעל. זי איז צוגעגאַנגען צום יידישן לייענער ערנסט, זי האָט אים געלערנט, דערצויגן און אים געגעבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס זי האָט נאָר געקענט קריגן.

„דער פריינד" איז געווען די דערפאָלגרייכסטע צייטונג, יידן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער ערשטער יידישער צייטונג מיט

גוואַלדיקער נייגעריקייט; „דער פריינד" אָבער האָט די גרויסע רווחים ניט אַריינגעלייגט אין קעשענע: ניין, די גרויסע רווחים זיינען געגאַנגען אויף דער פאַרבעסערונג פון דער ציטונג. אַלץ וואָס האָט טאַלאַנט און וויסן אויף דער יידישער גאַס איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער ציטונג, אַלע מיטאַרבעטער און אַלע אַרבעטער האָבן באַקומען גוטע פאַר יענער צייט געהאַלטן.

און דאָ האָבן מיר געזען ווי מען קען מאַכן אַ יידן לייענען אַן ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע ציטונג; קיין ציטונג אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע צאָל אַבאָנענטן, יערלעכע אַבאָנענטן, ווי „דער פריינד".

און ליב האָט מען געהאַט די ציטונג, זי איז געווען דער געטרייער לערער, דער איבערגעגעבענער ערנסטער פריינט און חבר.

עס איז געווען דער גוטער מזל פון דער ערשטער יידישער צייטונג צו האָבן דעם ריכטיקן פאַרלעגער, אָדער באַלעבאָס.

שבתי ראַפּאַפּאָרט איז געווען אַ פּעטערבורגער סוחר, אַ מענטש מיט רוסישער ברייטקייט, אַ מענטש וואָס איז אי אַ גוטער ייד און אי אַ גוטער ליבעראַל, ער איז געווען אַ ציוניסט, און ער איז געשטאָרבן אין ארץ-ישראל, אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטן קוק אויף דער וועלט.

ער האָט ליב געהאַט די ציטונג זיינע און אירע מיטאַרבעטער.

דער צווייטער רעדאַקטאָר פון „פריינד" איז געווען דער היסטאָריקער שאול גינזבורג.

די צוויי רעדאַקטאָרן פון דער ציטונג זיינען געבליבן אויף זייער גאַנץ לעבן די איבערגעגעבנסטע פריינט. מיר איז פיל מאָל אויסגעקומען צו זיין ביי די באַגעגענישן פון די דאָזיקע צוויי אַלטע פריינט, עס איז ממש געווען רירנד די ליבע און אַכטונג וואָס איינער האָט געהאַט פאַרן אַנדערן. און ניט נאָר די צוויי רעדאַקטאָרן זיינען געווען אַזוי צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, נאָר די פאַמיליעס זייערע זיינען געווען אַזוי צוגעבונדן איינע צו דער אַנדערער.

שאול גינזבורג איז געווען שוין פון יאָרן אַ פּעטערבורגער, ער איז געווען לויט זיין בילדונג אַ יוריסט, אָבער אים האָט געצויגן צו פאַר-

שונג, צו זשורנאַליסטיק און צו אַנדערע האַלב־ליטעראַרישע און האַלב־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

געשטאַמט האָט ש. גינזבורג פון גאָר גרויסן יידישן יחוס, געקו־מען קיין פעטערבורג איז ער פון מינסק פון אַ דורכאויס יידישער שטאָט און פון אַ דורכאויס יידישן הויז.

ער האָט מיטגעבראַכט קיין פעטערבורג דאָס יידישע מינסק און עס אויסגעמישט מיט פעטערבורגער ברייטקייט און ליבעראַליזם און עס האָט זיך באַקומען אַ וואונדערלעכער געמיש.

די צוויי רעדאַקטאָרן האָבן אין „פריינד" געדרוקט די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור. אַ ניי בוך, איז עס ראשית כל געדרוקט געוואָרן אין „פריינד". אַ נייע דערציילונג, אַ ניי ליד, איז עס געדרוקט געוואָרן אין „פריינד".

„דער פריינד" איז געוואָרן דער ערשטער פאַרלעגער פון דער יונגער און בליענדיקער יידישער ליטעראַטור.

אַלע שרייבער זיינען געווען מיטאַרבעטער פון „פריינד", מענ־דעלע, שלום־עליכם, פרץ, אַש, רייזען, יונה ראָזענפעלד, א. מ. וויי־סענבערג, ביאַליק און אַ סך אַנדערע העברעאישע שריפטשטעלער, אַלע האָבן זיי געהערט צו דער משפחה פון „פריינד".

פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון „פריינד" איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ח. ד. הורוויץ, וואָס פלעגט שרייבן אונטער דעם פסעוו־דאָנים „אַ סוחר" פּאָפּולערע עקאָנאָמישע אַרטיקלען (אַגב אַ ברודער פון ז. ליבין).

אין „פריינד" פלעגן שרייבן בונדיסטן, א. ליטוואַק איז געווען כמעט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

דער פּרינציפּ איז געווען — דער וואָס האָט עפּעס צו זאָגן און קען עס זאָגן אין אַ גוטער ליטעראַרישער פאָרם דער קען און דאַרף שרייבן אין „פריינד".

ש. ראָזענפעלד האָט ניט נאָר באַקומען אַ גוטע פּובליציסטישע דערציאונג אין פעטערבורג, ער האָט אויך באַקומען אַ גוטע רעדאַק־טאָרישע דערציאונג אין פעטערבורג.

פון דעם אַמאָליקן ראָזענפעלד, פון דעם ראָזענפעלד, וואָס האָט

געשריבן „מכתבים מערי השדה", די האַלב־משכילישע און האַלב־יאַבעדיקע אַרטיקלען איז קיין זכר ניט געבליבן.

געבליבן איז זיין איינגעבוירענע שאַרפקייט און קלאָרקייט.

זיין פובליציסטיק ווערט פּרעציז ווי מאַטעמאַטיק, ניטאָ קיין איבעריקער וואָרט, ניטאָ קיין זכר פון מליצה, ער גייט־צו צו אַ פראַגע דירעקט, אָן אומוועגן און אָן הקדמות, ער נעמט די פראַגע ביי די הערנער.

ער שרייבט וועגן זאַכן וואָס ער ווייס, און דער עיקרשט וועגן זאַכן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ש. ראָזענפעלד האָט קיינמאָל ניט געשריבן סתם אין דער וועלט אַריין, ער האָט פריער געמוזט איבערלעבן די טעמע, זי אויסוואַרעמען און זי איבערקאָכן, די טעמע האָט פריער באַדאַרפט אַרויסרופן ביי אים מאָראַלישע אָנטריסטונג, ער האָט באַדאַרפט אַריינפאַלן אין גרימצאָרן אויף עפּעס, אָדער אויף אימיצן.

און ניט אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין געטרויט.

פלעגט ער אויספּרובירן אויף די מיטאַרבעטער, אויף חברים, ער פלעגט זיי איבערגעבן די טעמע ווי סתם אַ שמועס און פלעגט נאָכקוקן זייער רעאַקציע; און אויב זי איז געווען די זעלביקע וואָס זיינע, פלעגט ער זיך זעצן שרייבן.

ער איז געווען בטבע אַ מוכיח, ער פלעגט מוזן זען פריער אַן עוולה, אַן אומרעכט, סתם שרייבן, סתם אַרומריידן אַן ענין איז פאַר אים געווען אומפּרוכטבאַרע פובליציסטיק.

אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין ש. ראָזענפעלדס וועלט־אָנשויאונג, ער איז כמעט געוואָרן אוים ציוניסט, ד. ה., ער האָט זיך פון זיינע ציוניסטישע פּרינציפּן נישט אָפּגעזאָגט, ער איז אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן גייסט. דער אַרויסגעבער שבתי ראַפּאָפּאָרט איז אויך געווען אַ ציוניסט, אָבער לעבנדיק אין פּעטערבורג האָבן אים די גרויסע רוסישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אין עצם אויך געווען יידישע פּראָבלעמען, פאַרכאַפּט אינגאַנצן; די רוסישע רעוואָלוציע איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג, און זי האָט געפאָדערט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, מען האָט זיך ניט געקענט העלפן. מער פון אַלעמען האָט זיך ניט

געקענט העלפן אַ פּובליציסט, ער האָט געמוזט רעאַגירן טאָג־טעג־לעך אויף די פראַגן פון רעוואָלוציע, און אַזוי אַרום זיינען די ציונים־טישע פראַגן און פּראָבלעמען אָפּגערוקט געוואָרן אַן אַ זייט.

„דער פריינד" איז געווען אַ דורכאויס רוסיש־יידישע צייטונג, ד. ה. זי איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ליבעראַלער רוסישער פּרעסע.

דער רעוואָלוציאָנער איז געוואָרן דער וואָרט־זאָגער, דער העלד און דער פּאַקטישער גייסטיקער בעל־דעה אין לאַנד, ער איז געווען דער געוואונטשנסטער אין אַלע צייטונגען, זיין וואָרט האָט געהאַט וואָג און האָט גערעדט צו די הערצער פון אַלע רוסישע מענטשן.

איז „דער פריינד" אויך געוואָרן אַ האַלב־רעוואָלוציאָנערע צייטונג.

און ש. ראָזענפעלד איז דערוויטערט געוואָרן אויך פון העברע־איש, ער איז געוואָרן אַ יידישיסט.

צווישן אים און א. ליטוואַק זיינען כמעט קיין חלוקי־דעות ניט געווען, ווייל צווישן אים און דער רוסישער רעוואָלוציע איז קיין חלוקי־דעות ניט געווען.

קיין מענטש קען זיך ניט איזאָלירן פון זיין צייט און פון זיין נאָענטער אומגעבונג, בפרט נאָך אַ פּובליציסט.

דער קאָוונער פּרוש, דער בערנער סטודענט מיט זיין שווייצאַ־רישן פּראָווינציאַליזם, דער פּאַרטייאישער ציוניסט און דער העברע־איסט זיינען געוואָרן עפּעס אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

איצט איז טאָג־טעגלעך אַרויסגעקומען אַ יידיש־רוסישער לי־בעראַלער פּובליציסט, אַ פּובליציסט מיט אַ ברייטן קוק אויף דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט.

עס איז ממש געווען וואונדערלעך צו זען ווי דער פּרוש און דער ישיבה־בחור איז געוואָרן אַ וועלטלעכער מענטש אין אַ קורצער צייט.

עס איז כמעט ניט געווען קיין שום געמיינזאַמעס צווישן אים און די העברעאישע פּובליציסטן.

דאָס איז געווען דער כוח פון פּעטערבורג, דאָס איז געווען דער כוח פון דער רוסישער פּרעסע, די ערלעכסטע, די סאַמע ערנסטעסטע

און די סאַמע טאַלאַנטפולסטע פּרעסע, דאָס איז געווען דער כוח פון דער רעוואָלוציע.

„דער פריינד" איז געווען די בעסטע יידישע טעגלעכע צייטונג, וואָס יידן האָבן אַמאָל געהאַט, עס איז געווען אַ צייטונג, וואָס האָט ניט געמקחט וממכרט מיטן וואָרט, וואָס האָט ניט גענאַרט אירע לייע־נער; פּונקט פאַרקערט—זי איז געווען מיט זיי אויסערסט ערלעך און אויסערסט ערנסט, זי האָט די לייענער געגעבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין דער ליטעראַטור, פּובליציסטיק און וויסנשאַפט.

עס איז ממש ניט געווען קיין איין טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, קיין איין ערנסטער פּובליציסט און קיין איין מענטש מיט וויסן וואָס איז ניט צוגעצויגן געוואָרן צום „פריינד".

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט אין דעם פּרט, דער אַרויסגעבער ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַזוי ערלעך און אַזוי ערנסט ווי די רעדאַקציע.

„דער פריינד" איז געווען אַ רוסישע ליבעראַלע צייטונג לויט איר ערנסט און גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ יידישע צײ־טונג לויט איר אינהאַלט.

און מערקווירדיק — די דאָזיקע ערנסטע צייטונג האָט געהאַט מער געטרייע און מער איבערגעגעבענע לייענער ווי וועלכע עס איז צייטונג ביי יידן.

און זי איז ניט געווען צו שווער, צו לאַנגווייליק, צו ערנסט און צו טיף.

מען האָט זי געלייענט און פאַרשטאַנען, מען האָט זי געלייענט און צוגעבונדן זיך צו איר.

***

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן.

עס איז געווען אַ ביטערער דורכפאַל, ער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך עפּעס אַ ציניש יאוש, עפּעס אַ בייזן, צולהכעיסדיקן יאוש.

אין דער אידעאַליסטיש ריינער און קעמפנדיקער רוסישער

ליטעראַטור האָט זיך אַריינגעריסן דער הפקרדיקער אייראָפּעאישער באַהעמיזם מיט אַלע זיינע שאָטן-זייטן, אַ קראַנקער דורשט נאָך פּי־זישן גענוס האָט אַרומגעכאַפּט דעם אַסקעטישן רעוואָלוציאָנער און פרומען שריפטשטעלער; אַרציבאַשעוו מיט זיין „סאַנין" האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ליטעראַטור, און דער עולם האָט זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף די דאָזיקע ביכער.

דער דאָזיקער ציניש׳ער יאוש האָט אַרומגעכאַפּט די רוסישע אינ־טעליגענץ און אויך די יידישע אינטעליגענץ.

די רעוואָלוציע האָט אָפּגענאַרט, זי איז שוין געווען אַזוי נאָענט, זי איז שוין געווען אין אַלע גאַסן, מיטאַמאָל האָט זי אַלעמען אַרויס־געשטעלט אַ צונג...

יאָ, עס איז געווען אַ שרעקלעכער דורכפאַל.

ער האָט אָנגעהויבן צו צעווערימען דאָס רוסישע לעבן, און, פאַרשטייט זיך, אויך דאָס יידישע לעבן.

די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס זיינען עפּעס ווי אויסגעשטאָרבן, די באַלעבאַטישע בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיי־נען זיך צעלאָפן און זיך אַ וואָרף געטאָן זוכן תכליתים און קאַריערעס. מען האָט אָנגעהויבן זוכן גוטע שדוכים, מען האָט חתונה געהאַט מיט אַ תכלית און מען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מאַכן געלט.

מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס טויזנטער און טויזנטער באַלעבעסלעך, טויזנטער און טויזנטער קאָקעטישע פרויען און אויסגעפוצטע סטודענטן.

און די נעכטיקע „רעוואָלוציאָנערן" האָבן געשפּיגן מיט קלעק אויף רעוואָלוציע און רעוואָלוציאָנערן.

די בעסערע רוסישע און יידישע אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן תשובה טאָן, מען האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט רע־ליגיע, יעזוס איז געוואָרן אַ טעמע פאַר רעפעראַטן און דיסקוסיעס, און אויך אויף דער יידישער גאַס איז די היימישע רעאַקציע געוואָרן האָפּערדיק, גאָר האָפּערדיק. און דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן איינצלנע בעלי־תשובות.

יאָ, די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן, אָבער קליינע שטיקלעך און ברעקלעך קאָנצעסיעס האָט מען ארויסגעריסן ביים צאַריזם.

די פּרעסע איז געוואָרן אַ ביסל פרייער.

און עס איז געוואָרן לייכטער צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף ארויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג.

שוין ערב דער רעוואָלוציע איז מען געוואָרן אין די צאַרישע קאָנצעלאַריעס אַ ביסל ליבעראַלער אין דעם פּרט.

אין פּוילן, וואו דער ראשו ורובו פון דעם רוסישן יידנטום האָט געלעבט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן יידישע צייטונגען.

יידישע צייטונגען לויטן מוסטער פון די פּוילישע צייטונגען און לויט דעם הפקרדיקן יאוש-גייסט, וואָס האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן.

דאָס זיינען געווען גאָר אַנדערע צייטונגען.

לייכטע, שרייענדיקע, שאַכער-מאַכערדיקע און די פּאַלעס פון דעם לייענער רייסנדיקע צייטונגען זיינען זיי געווען.

אין רוסיש האָבן זיך אויך באַוויזן אַזעלכע צייטונגען, קאָפּיקענע צייטונגלעך, ביליקע, קליינינקע, אָבער גוואַלדיק קוויטשענדיקע זיינען זיי געווען.

און דאָס נעמלעכע פּוילישע צייטונגען אין פּוילן.

אַ ניים האָט געמוזט האָבן אַ קוויטש, עס האָט געמוזט זיין סענסאַציאָנעל, דאָס סאַמע ערנסטע שטיקל ניים פלעגט באַקומען אָט-דעם קוויטש, אין יעדער רעדאַקציע זיינען געווען ספּעציעלע בריהם צו מאַכן דעם קוויטש.

אַזוי אַרום איז די צייטונג אין פּוילן ניט געווען קיין ספּעציפיש יידישע.

דער כלל — ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך — איז אין דעם פאַל שטאַרק באַשטעטיקט געוואָרן.

דער עולם, אַ קינד פון דער הפקר-צייט, האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף די דאָזיקע נייע קוויטשענדיקע צייטונגען מיט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט.

און באַלד האָט זיך עס, פאַרשטייט זיך, אָפּגערופן אויפן „פריינד"; די צירקולאַציע פון דעם „פריינד" האָט אָנגעהויבן איינצושרומפּן.

אַחוץ די דערמאָנטע סיבות איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט אָנגעהויבן אונטערגראָבן די עקזיסטענץ פֿון „דעם פֿריינד״; „דער פֿריינד״, וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג פֿלעגט דערגרייכן דעם יידישן לייענער אויפֿן דריטן טאָג; די נייע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין וואַרשע פֿלעגט דער לייענער באַקומען דעם זעלביקן טאָג און די לייענער אין דער פּראָווינץ פֿלעגן זיי באַקומען אויף מאָרגן.

הכלל — עס זיינען געווען אַ סך סיבות.

אין יאָר 1908 פֿאַרלאָזט שאול גינזבורג זיין אַמט פֿון אַ רעדאַק־טאָר פֿון „דעם פֿריינד״ און שמואל ראָזענפֿעלד ווערט דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון „דעם פֿריינד״, וואָס איז שוין געווען כמעט אין דער לאַגע פֿון אַן אונטערגייענדיקער שיף.

אין אַ קורצער צייט אַרום, סוף פֿון דעם יאָר 1909, פּעקלט זיך „דער פֿריינד״ אַריבער קיין וואַרשע, און ראָזענפֿעלד, דער רעדאַק־טאָר, קומט מיט דער צייטונג אין וואַרשע.

פֿאַר דער צייט פֿון זיין לעבן אין פּעטערבורג האָט ש. ראָזענ־פֿעלד חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל. זיין צווייטע פֿרוי איז געווען אַ טיפּיש פּעטערבורגער יידיש מיידל, דורכאויס רוסיש לויט איר דערציאונג, אַ פֿאַרליבטע אין דעם רוסישן טעאַטער, אין דער רוסי־שער ליטעראַטור, אַ לעבנסלוסטיקע, אַ שמייכלענדיקע, אַ זאָרגלאָזע און אַ ביסעלע אַ לייכטזיניקע.

די יונגע פּעטערבורגער לעבנסלוסטיקע מיידל און דער ערנסטער שמואל ראָזענפֿעלד זיינען ניט געווען קיין פּאָר לויט זייערע כאַראַק־טערן און לויט זייערע טעמפּעראַמענטן, אָבער ראָזענפֿעלד האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פּעטערבורגער שיינע פֿרוי, אפשר ווייל זי איז געווען אַנדערש פֿון אים.

ער, דער שווייגער, דער ערנסטער און שטענדיק באַזאָרגטער, איז געווען גליקלעך צו הערן ביי זיך אין הויז דעם הילכיקן, זאָרג־לאָזן געלעכטער פֿון זיין פֿרוי, און זען איר הויכע, שיינע, שמייכלענ־דיקע געשטאַלט.

שמואל ראָזענפֿעלד איז ביז זיין טויט געווען פֿאַרליבט אין זיין פּעטערבורגער פֿרוי.

ער, דער עקשן, דער שטרענגער און דער קעמפנדיקער מענטש האָט אַלץ נאָכגעגעבן זיין שענער און זאַרגלאָזער פרוי.

זיין פרוי איז געווען אויף דעם רוסישן שטייגער גאַסטפריינד־לעך, און די איינצלנע פריינט זיינע האָבן זיך געפילט ביז גאָר היי־מיש אין זיין הויז.

סוף 1909 לאָזט זיך אַראָפ אין וואַרשע „דער פריינד", ד. ה. דער רעדאַקטאָר שמואל ראָזענפעלד, דער אַרויסגעבער שבתי ראַפּאַפּאָרט, דער געשעפט־פאַרוואַלטער יאפּע (באַוואוסט אין דער רוסישער לי־טעראַטור מיט זיין פסעוודאָנים „דעבארין").

גאָר אַנדערע מענטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַרשע, גאָר אַן אַנדער רעדאַקטאָר, גאָר אַן אַנדער אַרויסגעבער און גאָר אַן אַנ־דער געשעפטס־פאַרוואַלטער.

אַלע דריי זיינען גרויסע אינטעליגענטן, דערהויפּט דער געשעפט־פאַרוואַלטער, ער איז אַ סאָציאַליסט, אַ פאָרשער פון מאַרקסיזם, אַ פילאָזאָפיש געבילדעטער מענטש, שרייבט אָפט ערנסטע, וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן אין די גרויסע, בייכיקע רוסישע זשורנאַלן. אונזער שמואל ראָזענפעלד איז דער יידישער תלמיד־חכם און דער אַרויסגעבער ראַפּאַפּאָרט, אַ רוסישער אינטעליגענטער סוחר, ברייט און אָפן ווי אַ רוסישער מענטש.

דער דאָזיקער דריילינג זיצט אָפ גאַנצע טעג ביי פרצן און מען שטעלט צוזאַמען די רעדאַקציע.

איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין ספּעקטאָרס ציימונג „דער נייער וועג", איך ווער איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער, נעם אָן און פאַרלאָז ספּעקטאָרס ציימונג.

אין דער רעדאַקציע ווערט איינגעלאַדן ה. ד. נאָמבערג, א. ווײ־טער, א. ליטוואַק א.אַנד.

אויף די ערשטע זיצונגען ווערט באַשטימט, אַז אין וואַרשע וועט „דער פריינד" בלייבן ביי זיין פּראָגראַם און ביי זיינע פּרינ־ציפּן וואָס אין פּעטערבורג, דער אַריבערגאַנג פון פּעטערבורג קיין וואַרשע איז בלויז אַ טעכנישער, מען וויל זיין נענטער צום יידישן לייענער.

און גוטע, געטרייע משגיחים זיינען געווען איבערגעגעבן צו אכטונג־געבן אויף דער כשרות פון דעם „פריינד".

ראשית כל שמואל ראָזענפעלד אליין, ער האָט געקוקט ממש אויף די פינגער פון די אים ווייניק באַקאַנטע מיטאַרבעטער, קיין פרי־וואָליטעט, קיין קלות־ראש, קיין לייכטזיניקייט און קיין מאָראַלישע און עטישע נאַכלעסיקייט.

א. ווייטער איז געווען אַ שוואַכער צייטונגס־מענטש, אָבער ווי אַ מאָראַלישע פּערזענלעכקייט איז זיין מיטאַרבעטערשאַפט געווען גאָר ניט אָפּצושאַצן; מיט זיין קומען אין רעדאַקציע, מיט זיין שווייגן, האָט ער געווירקט.

ה. ד. נאָמבערג, דער באַהעמער, דער פרייער קינסטלער און דער שטיפער, האָט געשריבן זיינע גלענצנדיקע וועכנטלעכע פעליעטאָנען אונטער דעם פּסעוודאָנים „נון". דאָס זיינען געווען ערנסטע און גייסטרייכע פעליעטאָנען און קיינער פון די שטרענגע משגיחים האָט ניט געפונען קיין שמץ פון פריוואָליטעט אין זיי.

אָבער ה. ד. נאָמבערג פלעגט אָפּט זאָגן, אַז „דער פריינד" ווערט עפּעס אַ מין מאַנסבילשער מאָנאַסטיר, וואו אַ שמייכל, אַ הלצה און אַ באָן־מאָ איז אַ בלוטיקע זינד.

ער האָט ניט גורם געווען א. ווייטערן און א. ווייטער האָט אים ניט גורם געווען, די צוויי זיינען קיינמאָל קיין פריינט ניט געוואָרן. א. ווייטער איז געווען אַ בעל־תשובה, אַ שטרענגער און אַן איינגע־שלאָסענער אין זיך, און ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַ צעשאָטענער אַ ניט־אָרגאַניזירטער מענטש, דאָס זיינען געווען די צוויי שאַרפע קאָנטראַסטן אין דער רעדאַקציע.

אַ גרויסן איינפלוס אויף דער רעדאַקציע האָט געהאַט דער גע־שעפטס־פירער יאפע, אָדער דעבאָרין, אָבער ניט ווי אַ געשעפטס־פי־רער, נאָר ווי איינער פון די סאַמע געבילדעטע און סאַמע ערנסטע מענטשן.

ער איז געווען אַ שטרענגער און געלערנטער מאַרקסיסט. ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָרגאַניזירט די באַרימטע אַקאַדעמיע, אָדער דעם קאַרל מאַרקס אינסטיטוט, פאַר פאָרשונג פון מאַרקסיזם, איז ער

געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דעם דאָזיקן אינסטיטוט.

יידישע ענינים האָבן אים ווייניק אינטערעסירט, אָבער אַלגע־מיינע פּאָליטיק איז געווען, אַזוי צו זאָגן, זיין טעגלעך ברויט.

אָבער אין וואַרשע, לעבנדיק אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם יידישן לעבן, איז ער נאָענטער געוואָרן אויך צו די יידישע פראַגן און פּראָבלעמען.

ער פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסקומען מיט אַן אַרטיקל אין „פריינד", די אַרטיקלען זיינע זיינען געווען שווערלעכע, אָבער אויסערסט ערנסטע און איבערצייגנדיקע.

ער האָט פאַרטראָטן שבתי ראַפּאָפּאָרטן, דעם אַרויסגעבער, וואָס האָט געלעבט אין פּעטערבורג, און ביי שבתי ראַפּאָפּאָרטן איז די כשרות פון „פריינד" געווען דער עיקר.

אַ גרויסן איינפלוס אויף דער צייטונג האָט געהאַט י. ל. פּרץ, צו וועלכן אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ.

אַזוי אַרום איז די כשרות, די ריינקייט און דער ערנסט פון „דעם פריינד" געווען פאַרזיכערט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, זי איז געווען אין זיכערע הענט.

מען האָט זיך אַזוי שטאַרק באַוואָרנט מיט שטרענגע משגיחים, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר דעם דעמאָראַליזירנדיקן איינפלוס פון די אַנדערע יידישע צייטונגען, וואָס זיינען געווען געל, קוויטשעדיק און הפקרדיק.

יעדער האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, זיין פּונקט, אויף וועלכן ער האָט באַזונדערס אַכטונג געגעבן. א. ווייטער, למשל, האָט באַזונדערס אַכטונג געגעבן אויף די יידיש־פּוילישע באַציאונגען; ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז פּוילן זאָל באַהאַנדלט ווערן פאָרזיכטיק, מיט גרויסער איינזעעניש און מיטגעפיל. — אַ געדריקט פאָלק מעג זיין אומגערעכט אויך, פלעגט ער טענהן ווען מען פלעגט אים אָנווייזן אויף דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, מען איז צו אים אַזוי הימל־שרייענדיק אומגערעכט, איז פאַרוואָס זאָל ער זיין גערעכט?

דער עיקר האָט ער געקעמפט קעגן דער רוסיפיקאַציע פון פּוילן און קעגן די יידן, וועלכע העלפן די רוסיפיקאַציע מיט זייער ריידן

רוסיש בקול רם און דווקא אויף די גאַסן, וואו פּאָליאַקן וואוינען.

ער פלעגט בלייך ווערן פון פּאַרדרוס ווען ער פלעגט הערן אַ יידן ריידנדיק רוסיש אין די גאַסן פון וואַרשע.

אַזוי אַרום איז „דער פריינד", וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, געוואָרן די איינציקע יידישע צייטונג וואָס האָט געקעמפט אין פוילן קעגן רוסיפיקאַציע.

בעל־מחשבות איז שפּעטער אַ ביסל געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פריינד", אָבער ער איז געווען אַ דרויסנדיקער מיטאַרבעטער.

אַ קורצע צייט איז לאַמעד שאַפּיראָ געווען אַ מיטאַרבעטער. ער האָט איבערגעזעצט אַ ראָמאַן פון וויקטאָר הוגאָ (די איינציקע הנחה, וואָס „דער פריינד" האָט געמאַכט), ער האָט געדרוקט דערציי־לונגען זיינע און האָט געשריבן, ד. ה. איבערזעצט נייס.

משה כץ איז געווען אַ קורצע צייט אַ מיטאַרבעטער, ער איז נאָך געווען דעמאָלט אַ זשורנאַליסטישער לערן־יינגל, אָבער אים האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוגעבן פון צייט צו צייט אויך אַן אַרטיקל.

איינער פון די טשיקאַווסטע מיטאַרבעטער, וואָס איז שפּעטער אַ ביסל צוגעקומען, איז געווען חיים טשעמערינסקי, „ר' מרדכילע".

דער דאָזיקער ר' מרדכילע האָט געהאַט דעם רייכסטן יידישן וואָקאַבולאַר, זיין שפּראַך איז געווען רייכער ווי דעם זיידן מענדעלעס, אָבער ער איז געווען אַ ניט־אָרגאַניזירטער, אַ צעשויבערטער מענ־דעלע, ער פלעגט ממש דערטרונקען ווערן אין דער שפע פון זיין יידישן לשון.

ער איז דער עיקר געווען אַ פאַבל־שרייבער, אָבער ער האָט ניט געשריבן זיינע פאַבלען, ער פלעגט זיי האָבן אין קאָפּ און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זיי פאַרלעזן פון זכרון.

צוליב דער שפּראַכלעכער שפע זיינער זיינען זיינע פאַבלס געווען צו לאַנג, זיין לייב, אָדער זיין פוקס פלעגן אויסשיטן ממש גאַנצע ווערטערביכער און ביכער פון יידישע ווערטלעך.

אַ מיטאַרבעטער איז ער געווען אַ שלעכטער, די קלענסטע נאָ־טיץ, אָדער שטיקל נייס איז געווען דריי־פיר הונדערט שורות לאַנג.

ביי אים האָט עס געהייסן, ער שרייבט „פאַר אָפּפאַל", דער רע־דאַקטאָר דאַרף דאָך מעקן איז גרייט ער לכתחילה צו מעק־שטאָף.

מען האָט זיך אויף אים ניט געקענט פאַרלאָזן, ער האָט איינמאָל פאַרפּלאָנטערט די צייטונג אין אַ זייער שווערן צענזאָרישן סקאַנדאַל. די צייטונג האָט מיט גרויס מי זיך אַרויסגעראַטעוועט, אָבער זי האָט געמוזט ענדערן איר נאָמען פון „פריינד" אויף „דאָס לעבן".

די מעשה איז געווען ביים סאַמע אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די רוסישע נײַעס פון פראָנט זײַנען געווען צרהדיקע, אָבער זיי האָבן ניט געטאָרט זיין קיין צרהדיקע, אַלע מפּלות האָבן באַדאַרפט ווערן זיגן, גרויסע זיגן.

די צייטונגען האָבן שוין געהאַט זייערע מעטאָדן ווי אַזוי צו איבערגעבן די נייעס ווי זיי זײַנען אין דער אמתן, עס איז שוין געווען כמעט אַ נוסח; אויב די דייטשן פלעגן צעשלאָגן אַ רוסישע דיוויזיע פלעגט מען שרייבן אַזוי: די ליגנערישע דייטשן באַרימען זיך, אַז זיי האָבן צעשלאָגן איין רוסישע דיוויזיע און גענומען געפאַנגען אַ צווייטע, אָבער דאָס איז שקר וכזב, עס איז שקר וכזב ווי אַלע דייטשישע נצחונות.

איין מאָל איז ר' מרדכילע געווען אָוונט אליין אין רעדאַק־ציע און ער האָט אָנגעשריבן אַ שטיקל נייעס פון אַ דייטשישן קוואַל, די נייעס האָט געזאָגט, אַז די דייטשן באַרימען זיך, אַז זיי האָבן גענומען געפאַנגען צען טויזנט קאָזאַקן. ער האָט אָבער ניט צוגעשריבן דעם אָנגענומענעם רעפרין, אַז דאָס איז אַ ליגנערישע דייטשישע באַריי־מעריי, ער האָט נאָך אָוועקגעשטעלט אַ קעפּל מיט לבנה־אותיות „צען טויזנט קאָזאַקן גענומען געפאַנגען".

מען האָט זיך געכאַפּט ווען דער נומער איז שוין געווען אין דער ראָטאַציאָנס מאַשין אַ שעה צייט, און די צייטונגס־פאַרקויפער פון די ווייטע וואַרשעווער געגנטן האָבן שוין צוגענומען עטלעכע טויזנט עקזעמפּליאַרן.

מען האָט באַלד אָפּגעשטעלט די ראָטאַציאָנס־מאַשין, געלאָזן זיך צו די צייטונגס־פאַרקויפער, אָבער יענע האָבן שוין באַוויזן צו פאַר־קויפן אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן, און איין עקזעמפּליאַר איז אַריינ־געפאַלן אין דער צענזור.

ר׳ מרדכילע האָט געהאַלטן, אַז ער איז בטבע אַ סוחר, ער האָט טאַקע געפירט ווילדע געשעפטן, ווינטער פלעגט ער פאַרקויפן דווקא ווייסע זומער־שיך. דער חשבון איז דאָך אַ פשוטער: ווייסע שיך קען מען ווינטער קויפן ביליקער, אָבער די קויפער האָבן אפנים ניט מסכים געווען מיט ר׳ מרדכילעס סוחרישער שיטה.

ער האָט געהאַט נאָך אַ ליידנשאַפט, אויסער מסחר, און נעמלעך, שפּילן „אָן אָקע״. ער איז געווען אַ מאַדים אין דעם דאָזיקן שפּיל, קיינער האָט ביי אים ניט געקענט געווינען.

אים איז ניט געגאַנגען אָבער אין געווינען. ער האָט כסדר געזוכט גוטע שפּילער, שפּילער פון זיין קאַליבער, פלעגט ער זיך פּלוצלונג אויפהויבן און אַוועקפאָרן קיין פּינסק שפּילן „אָן אָקע״, דאָרט זיינען געווען, לויט זיין באַהויפּטונג, די אמתע שפּילער.

ער פלעגט אָן אַ וואָרנונג פאַרפאַלן ווערן אויף דריי־פיר טעג און אַמאָל אויף אַ גאַנצער וואָך.

צוריק פלעגט ער קומען ווי אַ פאַרזינדיקטער חדר־יינגל.

איין־איינציקע אידעאָלאָגישע ליידנשאַפט האָט ער געהאַט און דאָס איז געווען — טעריטאָריאַליזם.

און אים האָט זיך שטענדיק געוואָלט אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן טעריטאָריאַליזם, אָבער זיין אַרטיקל איז אַרויס אָדער צו לאַנג אָדער סתם ניט אָרגאַניזירט, און ער האָט ניט געפּועלט ביי ראָזענפעלדן, ער זאָל אים לאָזן דרוקן אַן אַרטיקל זיינעם וועגן טעריטאָריאַליזם, ראָזענפעלד האָט פּרובירט מעקן, אויספאַרריכטן, אָבער עס איז גאָר־ניט אַרויס.

און ר׳ מרדכילע האָט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען זיינעם אַן אַרטיקל וועגן טעריטאָריאַליזם אין „פריינד״.

איינמאָל האָט אימיצער אַריינגעקוקט אין ראָמאַן פון וויקטאָר הוגאָ (וויימער הוגאָ), וואָס ר׳ מרדכילע האָט איבערגעזעצט, און האָט דערזען, אַז איינער פון וויקטאָר הוגאָס העלדן רעדט מיט ברען וועגן טעריטאָריאַליזם.

מען האָט עס געוויזן ראָזענפעלדן און ער האָט זיך צעלאַכט פון אָנהויב, אָבער שפּעטער האָט ער גענומען ר׳ מרדכילען אויף אַ פאַרהער:

—טשעמבערלעין (אזוי פלעגט מען אים רופן, טשעמערינסקי האָט אַן ענלעכקייט אויף טשעמבערלעין), וואָס איז דאָס אַזוינס?

דער גרויסער, לאַנגער און באַבערדלטער ר' מרדכילע איז געשטאַנען ווי אַ פאַרזינדיקטער ייִנגל און ער האָט שטיל געמורמלט:

אַ מענטש דאַרף זיך אַרויסזאָגן וועגן דאָס הייליקסטע אין אים, לאָזט איר ניט, האָב איך עס געטאָן אין ראָמאַן, וועלכן קיינער אין דער רעדאַקציע לייענט ניט, אָבער עס לייענען אים פיל ייִדן, עס איז דער ריכטיקער אָרט אַ רעד צו טאָן צו ייִדן...

אחוץ דעם אַלץ האָט ער געהאַט אַ פּלאַן פון אַ רעגירונגס-לאָטערייע, וואָס קען אַריינברענגען דער רוסישער רעגירונג אַ סך מיליאָנען און איר וועט עס ממש אַ גראָשן ניט קאָסטן.

אַלע יאָר פלעגט ער אָנטאָן אַ סורדוט און פאָרן קיין פעטערבורג צו יעדן נייעם פינאַנץ-מיניסטער פאָרלעגן זיין לאָטערייע.

קאָקאָווצעוו, דער באַוואוסטער רוסישער פינאַנץ-מיניסטער, האָט אים איינמאָל אויפגענומען, אָבער דערזעענדיק דעם גרויסן פּאָרטפעל מיט מאַטעמאַטישע טאַבעלעס האָט ער פאָרגעלייגט ר' מרדכילען, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ מין סינאָפּסיס פון די פּרינציפּן און ער וועט זיך באַקענען מיטן קורצן סינאָפּסיס און ער וועט אים געבן אַן ענטפער.

אָבער שרייבן קורץ האָט ר' מרדכילע ניט געקענט אפילו אין רוסיש, ער האָט נעבעך געהאָרעוועט און געהאָרעוועט און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ביז עס איז געקומען אַ ליבעראַלער מיניסטער מיטן נאָמען קאַטלער און ער האָט זיך גענומען די צייט און מי צו באַקענען זיך מיט ר' מרדכילעס לאָטעריי, וואָס דאַרף גליקלעך מאַכן די רוסישע רעגירונגס-קאַסע.

מען האָט אַרויסגערופן ר' מרדכילען קיין פעטערבורג.

דער מיניסטער האָט אים באַגעגנט אַ לאַכעדיקער:

ניין, רוסישע פינאַנסן האַלטן נאָך ניט אַזוי שמאָל, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַזאַ אַוואַנטורע ווי איר לייגט פאָר.

און מיט דעם האָט זיך געענדיקט ר' מרדכילעס קאַריערע ווי אַ פינאַנסיסט.

ליגנדיק אין בעט בשעת זיין קראַנקהייט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון וועלכער ער איז, אגב, געשטאָרבן, האָט ער אָנגעשריבן זיין איין־איינציק ביכל אין העברעאיש. דאָס ביכל הייסט „עירתי מאָטעלע”, דאָס איז אַ באַשרייבונג פון זיין געבורטס־שטעטל מאָטעלע, וואָס איז, אַגב, אויך דאָס געבורטס־שטעטל פון חיים ווייצמאַן. אין דער באַשרייבונג פון דעם שטעטל שפּילט די ווייצמאַן־פאַמיליע אַ גרויסע ראָלע.

אָבער דער עיקר איז דער רייכער העברעאיש, אָדער צו־רייכער העברעאיש, אַזאַ עשירות האָט אַפילו מענדעלע ניט פאַרמאָגט.

ש. ראָזענפעלד, דער רעדאַקטאָר, איז אין וואַרשע געבליבן דער זעלביקער וואָס אין פּעטערבורג. ער האָט אַנדערש ניט געקענט זיין, ער האָט געהאַט אַ רעדאַקציע פון גאַנצע און האַלבע ראַדיקאַלן, וואָרעם אַפילו דער בעל־תשובה א. ווייטער איז אין עצם געווען אַ ראַדיקאַל.

„דער פריינד” איז אַזוי אַרום אין וואַרשע געבליבן די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע צייטונג. מיט א. ליטוואַקן אין צייטונג און די ראַדיקאַלע ליניע איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

צי איז ש. ראָזענפעלדן, דעם ציוניסט און דעם העברעער, געווען צום האַרצן די דאָזיקע ליניע פון „פריינד” איז שווער צו זאָגן, איך גלויב אָבער אַז ער איז געווען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער דאָזיקער ליניע.

„דער פריינד” איז געווען יידישיסטיש. ער איז ניט אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן העברעאיש, אָבער ער איז געווען פאַר יידיש. דערמאָלט זיינען נאָך, אַגב, ניט געווען אַזוי שאַרף די ליניעס, דער אמתער יידישיזם איז דעפינירט געוואָרן שפּעטער פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

צום „פריינד” האָט זיך געטוליעט דער „בונד” און אַלע אַנדערע יידישע ראַדיקאַלע פּאַרטייען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען שטרענג קאָנספּיראַטיוו, אָבער די צאַרישע אָכראַנקע האָט געוואוסט פון דעם און זי האָט געהאַלטן אַן אויג אויפן „פריינד”.

לערך זעקס יאָר בין איך מיט ש. ראָזענפעלדן געזעסן אין איין

צימער און געאַרבעט, און איך האָב קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז ער זאָל זיך פילן ניט היימיש אין „דעם פריינד".

אַ ביסל פריקרע איז עס געווען — דער אַרויסגעבער שבתי ראַפּאַפּאָרט איז געווען אַ ציוניסט, ש. ראָזענפעלד איז אויך אין תוך געווען אַ ציוניסט, און אי דער אַרויסגעבער און אי דער רעדאַקטאָר האָבן זייער צייטונג געגעבן אַ ראַדיקאַל-נאַציאָנאַלע ריכטונג.

אָבער אַזוי איז עס געווען, די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט דיקטירט אַלעמען איר ליניע.

און ש. ראָזענפעלד ווי אַ לעבעדיקער פּובליציסט, ווי אַ פּובליציסט וואָס מוז נעמען אַ שטעלונג צו טאָג-טעגלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, האָט געמוזט אָננעמען די ראַדיקאַלע ליניע, ווייל זי איז געווען די איינציקע ריכטיקע אין רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט געמוזט זיין רעוואָלוציאָנער און יידן אוודאי און אוודאי, יידן זיינען געשטאַנען קעגן זייער בלוטיקן שונא, קעגן דעם בלוטיקן צאַריזם.

קיין אַנדער ליניע האָט אַן ערלעכע און ערנסטע צייטונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן ניט געקענט אָננעמען.

אַפילו די געלע יידישע צייטונגען זיינען געווען רעוואָלוציאָנער בנוגע דעם צאַריזם, מער ניט זייער רעוואָלוציאָנערישקייט איז ניט געווען אויסגעהאַלטן, מען איז געווען רעוואָלוציאָנער בנוגע דעם צאַריזם, אָבער אין דער היימישער פּאָליטיק איז מען געווען רעאַקציאָנער—דאָס וואָס מען באַמערקט גאָר אָפט אויך אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע.

ש. ראָזענפעלד איז געווען דער געוויסנהאַפּטיקסטער רעדאַקטאָר וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

לאָמיר דאָ דערציילן אַ פּאַקט וואָס איז ווייניק באַקאַנט, (איך גלויב, אַז דער צד, וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען, וועט אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן).

שלום אַש האָט געבראַכט אין רעדאַקציע זיין ראָמאַן „מערי", דער ראָמאַן האָט צו טאָן מיט רוסלאַנד, מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיט רוסישער פּאָליטיק און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און עס איז נאַטירלעך געווען פאַר אַזאַ יונגן פּויליש-יידישן שרייבער, ווי אַש איז דאַן געווען, צו מאַכן פיל טעותן און זיין ניט גענוג פאַר-

זיכטיק מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַקטן. דערצו זיינען געווען אין ראָמאַן אַ היפּש ביסל סטיליסטישע נאַכלעסיקייטן.

פאַרריכטן דאָס אַלץ אין טעקסט איז געווען שווערלעך, עס וואָלט די זעצער פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייטן ביים זעצן און עס וואָלט נאָך פאַרגרעסערט די צאָל פון גרייזן און טעותן.

האָט ש. ראָזענפעלד זיך גענומען איבערשרייבן דעם גאַנצן ראָ־מאַן, נעכט פלעגט ער זיצן איבער דעם מאַנוסקריפּט און אים אי־בערשרייבן.

און ער האָט געגעבן זעצן זיין מאַנוסקריפּט, זיין מאַנוסקריפּט מיט זיין פערלדיקער האַנטשריפט און מיט זיין גרויסער פּינקטלעכ־קייט.

און כמעט קיינער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם, איך ספק צי אַש אַליין האָט געוואוסט וועגן דעם.

ש. ראָזענפעלד פלעגט, פאַרשטייט זיך, שרייבן די לייט־אַרטיקלען, ער האָט געשאַפן די פאָרם פון דעם יידישן לייט־אַרטיקל, דעם קורצן 20—30 שורותדיקן אַרטיקל.

ער איז געווען אויסערגעוויינלעך קלאָר און שאַרף, ער האָט גע־האַט קורצע אַפּאָריזמען־ענלעכע זאַצן, ער איז געווען אַן הקדמות, אַן אַריינפירן איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו דער פראַגע און געגעבן אַ שאַרפן און קלאָרן ענטפער.

אָפט פלעגט ער שרייבן גרעסערע אַרטיקלען. ער פלעגט אויך שרייבן קליינע פעליעטאָנען אונטער דעם פּסעוודאָנים „לאָגאָס”. די פעליעטאָנען האָבן אפשר פאַרמאָגט וויניק הומאָר, אָבער איראָניע און סאַטירע איז געווען אין זיי אין אַ פולער מאָס.

ער פלעגט אויך שרייבן פון צייט צו צייט ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען אונטער דעם פּסעוודאָנים „שמאי”, דער דאָזיקער פּסעוו־דאָנים האָט אייך געוואָרנט, אַז איר האָט דאָ פאַר אייך אַ מחמיר.

און ער איז געווען טאַקע אַ מחמיר אין דער קריטיק, ער האָט געשטעלט הויכע פאָדערונגען דעם שרייבער.

האָט ער אָבער געפונען אין רעדאַקציע איינעם, וואָס קען טאָן

די דאָזיקע זשורנאַליסטישע אַרבעטן, פֿלעגט ער אים אַריינציען אין דער אַרבעט און ער פֿלעגט זיך צוריקציען פֿון איר.

דער קליינער פֿעליעטאָן, למשל, איז געווען אין דער רוסישער פּרעסע דער פּיקאַנטסטער לייען־שטאָף. דער קליינער פֿעליעטאָן איז געווען הומאָריסטיש, אָבער אין דער זעלביקער צייט טויט־ערנסט. ער האָט אָנגערירט אַן ערנסטע פּאָליטישע פֿראַגע אויף אַ שאַרף־הומאָריסטישן שטייגער. די רוסישע פֿעליעטאָניסטן פֿלעגן שאַרפֿער, ביטערער אַטאַקירן דעם צאַריזם. דער קליינער פֿעליעטאָן פֿלעגט אויסזען אומשולדיק פֿון אויבנאויף, אַזוי אומשולדיק, אַז די צענזור פֿלעגט זיך אָפֿט גאָר ניט כאַפּן וואָס עס שטעקט אונטער דער דאָזיקער אומשולדיקייט.

אַ רוסישער פֿעליעטאָניסט מיטן נאָמען אַמפֿיטעאַטראָוו, למשל, האָט אָנגעשריבן די ביטערסטע סאַטירע אויף דער צאַרס פֿאַמיליע ראָמאַנאָוו, אונטער דעם נאָמען „סעמיאַ אָבמאַנאָוויך" (די פֿאַמיליע שווינדלער). די צענזור האָט זיך געכאַפּט ווען דער פֿעליעטאָן איז שוין געווען אַ געדרוקטער אין די הענט פֿון מיליאָנען און מיליאָנען לייענער.

האָט „דער פֿריינד" געזוכט אַזאַ יידישן פֿעליעטאָניסט און ניט געפֿונען. האָט ראָזענפֿעלד אַליין פּראָבירט, אָבער איז ניט געווען צופֿרידן מיט זיינע קליינע פֿעליעטאָנען. עס איז געווען שאַרפֿקייט, אָבער עס איז ניט געווען אין זיי קיין הומאָר.

און איין מאָל האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט צו שרייבן דעם קליינעם פֿעליעטאָן, און ווען ער האָט באַקומען דעם ערשטן קליינעם פֿעליעטאָן פֿון מיר האָט ער זיך דערפֿרייט — האָט ער ענדלעך געפֿונען דאָס, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט.

ער האָט אַליין צוגעטראַכט מיין פּסעוודאָנים „קאַליף" פֿאַר מיינע קליינע פֿעליעטאָנען און האָט זיך געעוסקט אַרום זיי מיט ליבע און פֿרייד.

*
**

„דער פֿריינד" האָט קיין גליק ניט געהאַט אין וואַרשע. דער פּויליש־יידישער לייענער איז געווען נאָך גרין און ביז גאָר נאַאיוו;

די יידישע צייטונג איז געווען די ערשטע צייטונג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לייענען; ער האָט גענומען ערנסט אַפילו דעם שונד־ראָמאַן, פאַר אים איז עס געווען אַן אמתע מעשה ווי אַלע אַנדערע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין דער צייטונג, און היות ווי דער שונד־ראָמאַן איז געווען שפּאַנענדיק האָט זיך דער לייענער אַרויפגעוואָרפן אויפן שונד־ראָמאַן.

ש. י. יאַצקאַן האָט איבערגעמאַכט ממש געקראָגן פאַר זיין „היינט" אַ צירקולאַציע פון הונדערט טויזנט לייענער דורך אַ ראָמאַן. אַן אָרים און עלנט צייטונגל מיט אַ צירקולאַציע פון אַכט טויזנט איז איבערגעמאַכט געוואָרן די רייכסטע יידישע צייטונג אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד אַ דאַנק אַ שונד־ראָמאַן, וואָס האָט געהייסן „אין נעץ פון זינד".

„דער פריינד" האָט ניט געקענט לאָזן זיך אויף דעם דאָזיקן וועג און ער האָט אָנגעהויבן גוסן, מאַטערן זיך.

און ווי עס פּאַסירט מיט יעדער אומגליקלעכער סחורה האָט מען געזוכט אַ קונה, מען איז גרייט געווען צו פאַרקויפן זי בחצי חנם.

און אַזאַ קונה האָט זיך אָפּגעזוכט.

אַ רייכער פּוילישער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ „שלים־מזל", דאָס הייסט — אַ זון אַ סאָציאַליסט, אַ זון וואָס טוט און קהלט זיך און וויל ניט ווערן קיין געשעפטס־מאַן, האָט אָפּגעקויפט דעם „פריינד" פאַר זיין זון.

דער זון איז געווען באַקאַנט אין די ראַדיקאַלע קרייזן מיטן נאָמען „זלמן בורזשוי", ער איז געווען אַן ס. ס. אַ ציוניסט־סאָציאַליסט און דערנאָך אַ ס. ט., אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט.

ווען זיין פאָטער האָט אָפּגעקויפט די צייטונג פאַר אים איז שוין אַזוי גוט ווי קיין טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט געווען, אָבער עס זיינען אים געבליבן פון דער ראַדיקאַלער צייט לאַנגע, גוט געקאַליעטע האָר, וואָס האָבן זיך ניט געפּאַסט צו זיין גוטער קליידונג און זיין רייכער אויסגעקאַליעטקייט. ער האָט זיך הפנים מיט די לאַנגע האָר ניט געקענט שיידן, זיי זיינען געווען אַ מין אַטעסטאַט פון זיין אינטעליגענץ און דעמאָקראַטיש־קייט.

דער נייער באַלעבאָס האָט ני טגעקענט ראַטעווען „דעם פריינד“, ער האָט אים אויך ניט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ ביליקער צייטונג.

דער נייער באַלעבאָס האָט ניט געקענט ראַטעווען „דעם פריינד“, אַ האַרטער סוחר, אַ ייִד, וואָס ווייסט, אַז אין אַ געשעפט דאַרף מען אַריינלייגן וואָס ווייניקער געלט און אַרויסנעמען וואָס מער.

אין דער דאָזיקער קריטישער צייט פאַרן „פריינד“ האָט ראָזענפעלד אַרויסגעוויזן מוט און עקשנות, ער האָט מיט שרעק געוואַכט איבער דער צייטונג, אַז זי זאָל ניט פּסול ווערן.

שטיל, אָבער עקשנותדיק האָט ער געוואַכט איבער דער צייטונג.

פאַר איטלעכם שטיקעלע הנחה צו דער גאַס האָט מען געמוזט קעמפן מיט אים לאַנג, לאַנג, און צום סוף האָט מען גאָרניט געפועלט ביי אים, ער האָט די הנחה עלימינירט שטיל אָן קריגערייען און מאָראַלישע דרשות.

די ליידן ראָזענפעלדס זיינען געווען גרויס, ער האָט ליב געהאַט „דעם פריינד“, אין דער דאָזיקער צייטונג איז ער געוואָרן דער אייראָפּעאישער זשורנאַליסט, דער פּובליציסט מיט אַ ברייטן קוק און צוגאַנג צו פּאָליטישע פראַגן און פּראָבלעמען.

ער האָט שטאַרק געליטן, אָבער שטיל, שווייגנדיק געליטן, ווי זיין שטייגער איז געווען.

מיט דער גסיסה פון „פריינד“ הויבט זיך אָן פאַר ש. ראָזענפעלדן אַ צייט פון אומזיכערקייט, פון זאָרגן מאַטעריעלע און גייסטיקע.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז „דער פריינד“ אַריבער צו דעם פאַרלאַג „צענטראַל“, וואָס האָט געהאַט דריי שותפים, דער קאָנטיקסטער צווישן זיי איז געווען בן־אביגדור.

די דאָזיקע פאַרלעגער זיינען געווען האַרטע סוחרים, דער האַרטסטער צווישן זיי איז געווען דווקא דער שטיל־און־ווייך־ריידנדיקער בן־אביגדור.

ער האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען „דעם פריינד“ (דאָן שוין „דאָס נייע לעבן“) אין אַ „הײנט“, אָדער אין אַ „מאָמענט“, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף ממש אויף לעבן און טויט; שמואל ראָזענפעלד

האָט ווייניק גערעדט, אָבער ער האָט ניט געלאָזט פאַרבילי̈קן די צייטונג זיינע, בשום אופן ניט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, לאַנגע דיסקוסיעס, זיצונ־גען, אָבער ראַזענפעלדן האָט מען ניט געקענט ברעכן.

דאָ איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלץ.

דער פריינד״ איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג, וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. די צאַרישע אָכראַנקע האָט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דער צייטונג, איז ווי נאָר עס איז דערקלערט געוואָרן קריג איז זי אָפּגעשטעלט געוואָרן, שפּעטער אַ ביסל זיינען אָפּגע־שטעלט געוואָרן אַלע אַנדערע יידישע צייטונגען און עס איז בכלל אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פאַרבאָט אויף יידיש.

„דער פריינד״ איז פאַר ראַזענפעלדן ניט געווען סתם אַ צייטונג, „דער פריינד״ איז געווען זיין גייסטיק קינד, זיין איינציק גייסטיק קינד, און מיט דעם טויט פון „פריינד״ האָט ער עפּעס קיין תקומה ניט געהאַט ביז זיין טויט אין אַמעריקע.

ער איז ניט געווען אַ מענטש וואָס פּאַסט זיך לייכט צו; ווי יעדע שטאַרקע פּערזענלעכקייט איז אים געווען שווער צוצופּאַסן זיך צו ווּעמען עס איז און צו וואָס עס איז.

„דער פריינד״ איז געווען זיין זשורנאַליסטישע שול, „דער פריינד״ אין פּעטערבורג האָט אים פּובליציסטיש אַרויסגעפירט אויף די ברייטע שליאַכן פון דער יידישער און וועלט־פּאָליטיק, ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן „פריינד״ און צוזאַמען מיט פּעטערבורג.

אין וואַרשע האָט ער זיך געפילט ווי אַ פרעמדער, און אַזוי האָט ער זיך געפילט שפּעטער אין אַמעריקע. ער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן ניט צו וואַרשע און ניט צו אַמעריקע, צו אַמעריקע נאָך ווייני־קער ווי צו וואַרשע.

ער האָט געהאַסט די געלע יידישע פּרעסע, קיינער האָט זי אַזוי ניט געהאַסט ווי ער און קיינער האָט ניט אַזוי ביטער געקעמפט קעגן איר.

אחוץ די פיל אַרטיקלען און פעליעטאָנען וועגן דער געלער פּרעסע

איז נאָך אים געבליבן אַ פּאַמפלעט „דער פלעט-צעטל״, אַ שאַרפער, בייסיקער און זאַכלעכער פּאַמפלעט.

געווען אַ צייט אין וואַרשע ווען די צייטונגען זיינען ממש געווארן פלעט-צעטלען, מען פלעגט פלעטן פלעצער, הייזער און וואָס ניט, דער לייענער פלעגט ניט קויפן קיין צייטונג, ער פלעגט קויפן אַ לאָטעריי-צעטל.

דער פּאַמפלעט איז שאַרף, ביטער און בייסיק, אָבער עס איז דאָ אין אים אויך ווייטיק און טיפער צער.

דער פּאַמפלעט איז דערשינען אין יאָר 1913, ווען די געלע פּרעסע אין פּוילן איז געווען שרעקלעך דעמאָראַליזירט, און דער קאַמף קעגן דער דעמאָראַליזאַציע פון „פריינד״, וואָס ער האָט געפירט, איז געווען ביז גאָר ביטער און פאַרצווייפלט.

די ערשטע וועלט-מלחמה מאַכט צייטווייליק אַ סוף צו דעם קאַמף קעגן דער געלער פּרעסע.

פון וואַרשע פאָרט ראָזענפעלד צוריק קיין פּעטערבורג, פּעטערבורג איז געווען פאַר אים, ווי אַ פּובליציסט, דאָס וואָס עס איז געווען פאַר אים קאָוונע ווען ער איז געווען אַ פּרוש.

אָט די צוויי שטעט האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף אים, ער איז געווען און געבליבן אַ קאָוונער פּרוש און ער איז געווען און געבליבן אַ פּעטערבורגער פּובליציסט.

די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פולער האַרמאָניע ביי אים, רעליגיעזער רעגאָריזם האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט וועלטלעכער שטרענגער מאָראַל און זיינען געוואָרן איינס.

די צוויי קאָנטראַסטן האָבן געשאַפן אַ מאָנאָליטישע געשטאַלט.

די דאָזיקע צוויי שטעט זיינען געווען די צוויי גרויסע עטאַפּן אין זיין לעבן.

און נאָך זיי האָט ער קיין מנוחת-הנפש ניט געהאַט, ער האָט געוואַנדערט צוריק קיין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ער האָט פון פּוילן געוואַנדערט קיין אַמעריקע, ער האָט אין ערגעץ קיין מנוחת-הנפש ניט געהאַט.

צוריק אין פּעטערבורג.

עס איז געווען פּעטערבורג אָן „פריינד״, אָבער פּעטערבורג טוליעט אים צו, ער קריגט אַרבעט אין דער חברה מפיצי־השכלה, ער איז אַ צייט אַ באַפולמעכטיקטער פון דעם פּעטערבורגער הילפס־קאָמיטעט „יעקאָפּאָ״, פאַר די געליטענע פון דער מלחמה, אָדער ריכ־טיקער פאַר די געליטענע פון די צאַרישע גזירות און פון די באַפעלן פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם צאַרס לאַנג־פּיסיקער פעטער, וואָס האָט אַרויסגעשיקט די יידישע באַפעלקערונג פון אַלע שטעט און שטעטלעך ביי די גרענעצן פון דייטשלאַנד.

ער האָט געהאַט פיל ביטערע דערפאַרונגען און ביטערע אַנטוי־שונגען אין דער דאָזיקער אַרבעט, ער קומט צוריק קיין פּעטערבורג ווען עס גרינדעט זיך אַ יידישע צייטונג „פּעטראָגראַדער טאַגעבלאַט״ (1917).

די דאָזיקע צייטונג לעבט ניט לאַנג, די פּאָליטישע געשעענישן אין רוסלאַנד לאָזן זיך אַראָפּ ווי אַ שטורעם, עס קומט די רעוואָלוציע, באַלד נאָך איר קומט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, און דער גאַנצער רוסישער און יידישער נעכטן ווערט אָפּגעווישט.

ניטאָ קיין נעכטן, און נייע מענטשן באַווייזן זיך, די מענטשן פון דער צוקונפט, מאָדנע מענטשן, גאָר אַנדערע מענטשן, מענטשן ביי וועלכע דער נעכטן איז טריף און פּסול.

אין דער צייט פון דער מלחמה און דער ערשטער רעוואָלוציע קערט ער זיך צוריק אום צו העברעאיש, ער רעדאַקטירט צוזאַמען מיט שאול גינזבורגן צוויי היסטאָרישע זאַמלביכער א״נ „העבר״.

בכלל קומט פאַר אַ טיפער איבערברוך אין ש. ראָזענפעלדס מענטאַליטעט אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. בטבע אַ מענטש, וואָס וואָרצלט טיף אין דעם יידישן עבר, אַ מענטש, וואָס איז דורכאויס יידיש, און געבליבן דורכאויס יידיש אַפילו אין זיינע אָפּנויגונגען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם טאָ־טאַלן איבערדרייס מיטן יידישן נעכטן.

ער האָט פּשוט ניט געקענט באַנעמען וואָס דאָ טוט זיך.

„הייסט עס״ פלעגט ער ריידן כמעט צו זיך אַליין, „יידישקייט הויבט זיך אָן איצט פון ליטוואַקאָוון, פון מ. ראַפעס און אַנדערע, ניטאָ קיין יידישער נעכטן, אָן אימה״.

און אוים שרעק פאַרן באָלשעוויזם, וואָס האָט פאַרלייקנט אינ־גאַנצן דעם נעכטן, האָט ער זיך צוריקגעקערט צום ציוניזם, צו העב־רעאיש און אַפילו אין אַ געוויסער מאָס צו יידישער רעליגיעזער טראַ־דיציע, הכלל — צום נעכטן.

ער האָט זיך אַפילו דערשראָקן פאַר זיין אייגענער „פריינד״־עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געפלירטעוועט מיט ראַדיקאַליזם, אָדער ריכטיקער מיטן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַליזם.

ער איז געוואָרן צוריק אַ העברעער, ער איז געוואָרן צוריק אַ ציוניסט, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער ציוניסט.

ער האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין די שמחה מיט די יידישע בעלעטריסטישע גרויסע ווערק, וואָס האָבן זיך באַוויזן באַלד נאָך דער מלחמה אין פּוילן און אין אַמעריקע.

„דאָס איז בעלעטריסטישע יידישקייט״, פלעגט ער זאָגן מיט ביטול און מיט צאָרן.

און די דאָזיקע ביטולדיקע באַצייכענונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור האָט ער איבערגעחזרט הונדערטער און הונדער־טער מאָל.

אין יאָר 1919 דערשלאָגט ער זיך צוריק צו פּוילן, ער פאַרלאָזט זיין פּעטערבורג, פון זיין אַמאָליקער פּעטערבורג איז קיין סימן ניט געבליבן.

ער קומט צוריק קיין וואַרשע און ווערט אַ מיטאַרבעטער פון „היינט״, פון דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַסט און באַקעמפט.

דער „היינט״ איז ציוניסטיש, און דאָס איז פאַר אים גענוג.

די באַלעבאַטים פון „היינט״ הויבן אָן אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל א״נ „דער חודש״ און שמואל ראָזענפעלד ווערט באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר.

בלויז דריי נומערן זיינען דערשינען אין יאָר 1921 פון דעם דאָ־זיקן חודש־שריפט.

אין די דריי נומערן זעט מען ניט ש. ראָזענפעלדן, אויסער וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט י. דינעזאָנס אַרכיוו און האָט דאָרט גע־דרוקט י. דינעזאָנס בריוו.

דער זשורנאַל גופא האָט עפּעס קיין פּנים ניט געהאַט, ער איז

געווען עפּעס אַ יוצא־דופן אין דער ייִדיש־פּוילישער ליטעראַטור אויפ־לעבונג נאָך דער מלחמה.

עס איז געווען אַ צייט פון טומלדיקער ליטעראַרישער אויפלע־בונג אין פּוילן. יונגע דיכטער און שריפטשטעלער האָבן זיך באַוויזן איינע נאָך די אַנדערע און אָנגעפילט די לופט מיט נייען, פרישן ליטעראַרישן טומל. צו דעם אַלץ האָט ש. ראָזענפעלד קיין שייכות ניט געוואָלט האָבן און ניט געקענט האָבן.

זיין זשורנאַל איז געווען אַ האַלב־וויסנשאַפטלעכער און אַ האַלב פּובליציסטישער, און אינגאַנצן עפּעס אַ זייטיקער. ער האָט ניט גע־האַט צו טאָן מיט דעם היינט פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן.

ער האָט עס אַליין איינגעזען, ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס קענען זיך אַליין זאָגן דעם ביטערן אמת.

אין פּוילן ווערט ער פאַר אַ קורצער צייט דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה".

ש. ראָזענפעלד, וואָס איז אין תוך געווען דורכאויס אַ העברעער, האָט קיינמאָל ניט רעדאַקטירט קיין העברעאישע פּעריאָדישע און טעגלעכע שריפטן, ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ ייִדישער פּובלי־ציסט און אַ רעדאַקטאָר פון ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבן.

און ווי עס ווייזט אויס איז ער ווי אַ רעדאַקטאָר פון דער העב־רעאישער „הצפירה" ניט געווען קיין גאָר גרויסער דערפאָלג.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אָט דער העברעער זאָל זיין גאַנץ לעבן זיין דווקא אַ ייִדישער שריפטשטעלער און רעדאַקטירן נאָר ייִדישע אויסגאַבעס.

⁂

פון פּעטערבורג איז ער געלאָפן קיין וואַרשע, אָבער ער האָט אויסגעפונען, אַז וואַרשע איז אויך ניט די זעלביקע וואָס זי איז גע־ווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואַרשע איז איצט געוואָרן ראשית כל די פּוילישע הויפּט־שטאָט; פון דער אַמאָליקער ליטעראַ־רישער וועלט אין וואַרשע איז כמעט קיינער ניט געבליבן, פּרץ און דינעזאָן זיינען טויט און די אַנדערע נאָענטע פריינט און קאָלעגן זיי־נען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

אין וואַרשע, ווי אין פּעטערבורג, איז אויך פאָרגעקומען אַ רע־וואָלוציע, און די דאָזיקע רעוואָלוציע איז אים געווען פרעמד ווי די רעוואָלוציע אין פּעטערבורג.

און אין יאָר 1923 קומט ער קיין אַמעריקע.

ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג" ביז זיין טויט.

שמואל ראָזענפעלד איז ניט געווען גליקלעך אין אַמעריקע, דאָס יידישע אַמעריקע איז אים געווען און געבליבן אַ פרעמד אַ פריקרע, די יידישע פּרעסע איז אים געווען פרעמד מיט איר טומל, מיט איר שרייענדיקער בריהשקייט, מיט איר פּרינציפּלאָזיקייט און מיט אירע „פּרינציפּיעלע" רייסערייען.

אין די רעדאַקציעס האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זייער פאַר־פּלאָנטערטער פּאָליטיק־פּירערײַ. אַלע פירן פּאָליטיק. ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ קנויל פון קליינינקע אינטריגעלעך, פון הינטער־פּיס־לעך און פון שושקערײַ און רכילות.

און דער קלוגער ש. ראָזענפעלד איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער בריה אין אַזעלכע וועלטלעך.

אַחוץ דעם איז אַמעריקע געווען אַ צו האַרטער ביסן, ער האָט אַמעריקע ניט געקענט צעקייען און ניט פאַרדייען.

איז זיין פּאָזיציע ווי אַ פּובליציסט געווען אַ טראַגישע. עס לעבט אַ פּובליציסט אין אַ לאַנד און קען כמעט גאָרניט זאָגן וועגן די פראַגן און פּראָבלעמען פון לאַנד.

איז ער געוואָרן בלויז דער יידישער פּובליציסט.

איז אָבער דאָס יידישע לעבן, די יידישע פּאָליטיק און געזעל־שאַפטלעכקייט אַזוי פאַרפּלאָנטערט און אַזוי פאַרדרייט, אַז מען דאַרף זיין אַ פּובליציסטישער אַקראָבאַט, מען מוז באַלאַנסירן ווי אַ גייער אויף אַ שטריק, אויב ניט פאַלסטו אַראָפּ.

די בעסטע טעמעס פאַר אַ פּובליציסט זיינען „טאַבו", טאָרסט זיי ניט אָנרירן. די זיינען „אייגענע" מענטשן, די מוז מען שטיצן, די מוז מען פאַרשווייגן און די מוז מען דעמאָנסטראַטיוו איגנאָרירן.

איז שמואל ראָזענפעלד געוואָרן דער ציוניסטישער פּובליציסט,

און ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין פּאָזיציע, ווייל ער איז געווען אַן אמתער ציוניסט, דורך און דורך אַ ציוניסט.

ער איז געווען שרעקלעך איינזאַם אין אַמעריקע.

ער האָט געפונען אין אַמעריקע אַ מין „פּאַקטישן יידישן באַל־שעוויזם", ווי ער פלעגט עס רופן, עם־הארצות און אַסימילאַציע האָבן אין אַמעריקע געטאָן דאָס נעמלעכע וואָס דער באָלשעוויזם האָט געטאָן, לויט זיין מיינונג, אין רוסלאַנד.

זיין גרויסע זאָרג איז געווען, ווי ראַטעווען זיינע צוויי קינדער? מיט זיינע צוויי יינגלעך איז ער געלאָפן פון רוסלאַנד, פון פוילן און אין אַמעריקע האָט ער געפונען אַ יידישן תוהו ובוהו, אַ שאינו־יודע־לשאולדיקע אַסימילאַציע און אַ שרעקלעכע עם־הארצות.

האָט ער זיינע צוויי קינדער געלאָזן לערנען אין אַ ישיבה, און געלערנט האָבן זיי אַלץ אין העברעאיש.

דאָס איז געווען אַ קאַמף מיט זיך אַליין און אַ קאַמף מיט דער אַרומיקער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

און ער האָט דעם קאַמף געוואונען, פאַרשטייט זיך, ניט אינגאַנצן, אָבער טיילווייז האָט ער אים געוואונען.

ער פלעגט מיר אָפט וויייזן די העברעאישע בריוולעך פון זיינע קינדער ווען זיי פלעגן זומער זיין אין אַ „קעמפּ".

ער איז געווען גליקלעך מיט די עטלעכע העברעאישע ווערטער, וואָס די צוויי קינדער פלעגן אָנשרייבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל.

אין אַמעריקע האָט ער געשריבן העברעאיש רעגלמעסיק, ער פלעגט שרייבן אין „הדואר", אָבער דער עיקרשט פאַרן „דבר"; די העברעאישע אַרבעטער־צייטונג פלעגט פאַרצוקערן זיינע ספּע־ציעלע אַרטיקלען, די אַרטיקלען פון אַ קאָנסערוואַטיוון אַלגעמיינעם ציוניסט.

וואָרעם דאָס איז געווען שמואל ראָזענפעלד אין אַמעריקע.

ער איז געקומען צוריק צו דעם אָרט, פון וועלכן ער איז אַוועק מיט מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

ער איז געקומען צוריק צו זיין שורש.

היינט וואָלט ראָזענפעלד געהייסן — בעל־תשובה, אָבער ראָ־

זענפעלד האָט ניט ליב געהאַט קיין קלינגענדיקע נעמען פאַר שטילע, אינערלעכע איבערלעבונגען און איבערברוכן.

אָבער ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און ער איז געשטאָרבן אַ בעל־תשובה.

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך די פּעטערבורגער שיינע זשור־נאַליסטישע יאָרן, דאָס זיינען געווען די שענסטע יאָרן זיינע, אָבער ער האָט געוואָלט פאַרגעסן זיין פּעטערבורגער ראַדיקאַליזם.

דער בעסטער און שאַרפסטער פּובליציסט פון דער יידישער פּרע־סע אין רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקע, איז ער בטבע גאָר געווען אַ שטילער, זייטיקער און איינזאַמער מענטש, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקהלט, קיינמאָל קיין געזעלשאַפטלעכע ערן־אַמטן און באַצאָלטע אַמטן ניט אָנגענומען אין זיין לעבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער קען ווערן פּאַרטייאיש, פּאַוואָריטיש און האָבן אַ באַזונדערע באַציאונג צו וועמען עס איז.

ער איז די לעצטע עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר געווען אַן איבער־געגעבענער ציוניסט, אָבער ער איז נישט געווען קיין ציוניסטישער עסקן, אָדער טוער, ער איז געווען בלויז אַ ציוניסט לויט זיין איבער־צייגונג.

ער פלעגט פאָרן אויף אַלע ציוניסטישע קאָנפערענצן אין אַמע־ריקע, אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין אויסלאַנד.

אַ שטוב־זיצער, אַ יושב אוהל בטבע האָט ער געמאַכט עטלעכע רייזעס קיין ארץ־ישראל, און ער פלעגט קומען פון די דאָזיקע רייזעס אַ געשמאַרקטער אין זיינע ציוניסטישע איבערצייגונגען און אין זיין גאַנצער ציוניסטישער וועלט־אָנשויאונג.

אַ שטרענגער אמת־זאָגער, אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט און וויל ניט וויסן פון קיין קהלניש און פון קיין געזעלשאַפטלעכע דולעניש, האָט אים קיינער קיין באַנקעטן ניט געמאַכט, קיינער האָט אים ניט געיובלט, קיינער האָט זיינע ווערק ניט אַרויסגעגעבן און קיינער האָט דעם טרייען דינער פון ציוניזם און דעם מוטיקסטן פּובליציסט אונזערן ניט געהאַט אין זינען. מען האָט געפייערט און מען פייערט אייגענע מענטשן, מענטשן, וואָס גיבן און נעמען, אָבער ניט אַזעלכע

הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן ווי שמואל ראָזענפעלד, אַזעלכע ווייכט מען אויס ביי אונז.

איז ער געשטאָרבן איינזאַם.

זיין טויט איז געווען באמת טיף־טראַגיש; אין דעם מאָמענט ווען דער טויט האָט זיך דערנענטערט צו אים איז ער געבליבן איי־נער אַליין אויף דער וועלט; זיין פרוי איז אים געשטאָרבן פּלוצלונג, איין זון איז געווען אין דער אַרמיי און דער אַנדערער זון לעבט אין דער פּראָווינץ.

בלויז צוויי־דריי פריינט און זיין עלטערער זון יוסף האָבן גע־זוכט צו פאַרלייכטערן די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

שטיל איז ער געשטאָרבן, קיינער איז ניט געווען ביי זיין בעט בשעת דער קורצער גסיסה, קיינער...

***

איך האָב נאָך זיין טויט איבערגעקוקט זיינע פּאַפּירן; ער האָט ניט געלאָזן קיין יידישע אָדער העברעאישע כתב־ידן נאָך זיך, צו גרויס איז געווען די נאָכפראַגע אויף זיינע אַרטיקלען און אַרבעטן, זיי פלעגן פריש פון שרייב־טיש אַוועק אין פאַרשיידענע רעדאַקציעס, ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער גאַנצער יידישער און העברע־אישער פּעריאָדיק.

די פּרעסע האָט אים איינגאַנצן פאַרשלונגען.

ער האָט אין זיין לעבן מיטגעאַרבעט אין 15 העברעאישע פּע־ריאָדישע אויסגאַבן און אין 10 יידישע.

אָבער פון צייט צו צייט רייסט ער אָפּ אַ פרייע מינוט און שרייבט עפּעס אַזוינס וואָס איז אים נאָענט און עפּעס אַזוינס וואָס גייט אַרויס פון דעם גדר פון פּובליציסטיק.

יעדער שרייבער האָט זיינע העלדן, אַפילו דער פּובליציסט, אַפילו דער תלמיד־חכם און אַפילו דער פאָרשער. שמואל ראָזענפעלד האָט אויך געהאַט זיינע העלדן, ער האָט געהאַט מענטשן אין דער נייסטער יידישער געשיכטע, וואָס זיינען געווען זיינע העלדן.

און ווענן זיי האָט ער געשריבן מיט גרויסער ליבע און גרינד־לעכקייט.

קליינע, אָבער פילזאָגנדיקע ביכלעך האָט ער געשריבן וועגן זיי.

ער האָט אָנגעשריבן דאָס בעסטע און גרינדלעכסטע ביכל וועגן דעם פאָטער פון די מוסרניקעס, ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

ער האָט אָנגעשריבן די בעסטע מאָנאָגראַפיע וועגן רבי מנשה איליער, וועגן משה־ליב ליליענבלום א״אַנד.

די מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט ער געדרוקט דווקא אין „פריינד״ און דערנאָך איז זי אַרויס אין בוך־פאָרם (1910).

עס איז זייער טשיקאַווע; אין דעם פעריאָד פון זיין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַליזם דווקא האָט ער אָנגעשריבן די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע. הפנים אַז אין די טיפענישן פון זיין נשמה איז ער געבליבן דער פרוש און דער למדן, און ער האָט געזוכט כסדר עפּעס אַ געלעגנהייט צו אויסלאָדן זיינע אינערלעכע בענקענישן, אָדער זיין פאַרשטילטן מהות.

די מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז דאָס בעסטע וואָס עס איז אַמאָל געשריבן געוואָרן וועגן פאָטער פון די מוסרניקעס.

עס איז אַן אויסערסט גרינדלעכע אַרבעט, עס איז אויסערסט אַ קלאָרע אַרבעט. איר האָט דאָ פאַר זיך מיט דעם גרעסטן צמצום און מיט דער גרעסטער קלאָרקייט די פילאָזאָפיע פון דער מוסר־באַוועגונג, איר האָט דאָ שאַרף דעם פאָרטרעט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער און די מענטשן, פון וועלכע ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן. אויף 55 זייטלעך האָט איר אַלץ קלאָר און שאַרף.

קלאָרקייט און פּרעציזקייט זיינען געווען די הויפּט־כאַראַקטער שטריכן זיינע: אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז ממש קיין איבעריק וואָרט, קיין שום רמז אויף מליצה ניטאָ, אַפילו אין זיינע העברעאישע אַרבעטן איז ניטאָ קיין זכר פון מליצה. אין דעם פּרט איז ער געווען איינער פון די זעלטענע אין דער העברעאישער פּובליציסטיק.

די געשטאַלט פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער קומט אַרויס אין זיין ביכל ממש אַ שטראַלנדיקע, און אין דער זעלבער צייט אַ דורכאויס רעאַליסטישע.

די מוסר־באַוועגונג איז פאַר ש. ראָזענפעלדן ניט קיין צופאַל, זי וואַקסט אַרויס פון דעם „געשפּאַנט לעבן", וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט געלעבט. ר' ישראל סאַלאַנטער פילט אויס, אַזוי צו זאָגן, אַ היסטאָרישע שליחות.

דאָס רוסישע יידנטום האָט געפירט אַ מלחמה אויף טויט און לעבן אויף צוויי פראָנטן,—אויף דעם חסידישן פראָנט און אויף דעם השכלה־פראָנט. ביידע נייע באַוועגונגען האָבן געשפּאָלטן דאָס רוסישע יידנטום אין צוויי קעמפנדיקע מחנות.

אין מיטן שטרייט צווישן חסידות און מתנגדות איז אויפגעקומען דער ביטערער קאַמף קעגן דער השכלה־באַוועגונג.

די השכלה אין דער געשטאַלט פון ד"ר ליליענטאַל האָט געפּרעדיקט — קעגן די וועלט.

און ר' סאַלאַנטער האָט געפּרעדיקט — קעגן זיך אַליין!

ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געפאָדערט — קאָנצענטרירט זיך אין זיך, נעמט זיך צונויף אין דעם ענגן שטח פון אייער האַרץ, און איר וועט זען ווי נאַריש, ווי נישטיק די וועלט איז און ווי עס איז ניט כדאי צו יאָגן זיך נאָך איר.

דאָ האָט איר אויספירלעך ווער עס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף ר' ישראל סאַלאַנטער, ווער ס'איז געווען דער רבי זיינער. דער רבי זיינער איז געווען אַ ייד אַ קרעמערל מיטן נאָמען ר' יוסף זונדל, אַ ייד אַ תמים און אַ נחבא אל הכלים. ר' זונדל האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז וואָס מער גלות און בזיונות אַ ייד לעבט דורך און נעמט זיי אָן פאַר ליב און מיט שמחה אַלץ גרעסער איז זיין שכר. ער האָט זיך ניט אַרויסגעשטעלט פאַר אַ למדן און פאַר אַ ירא־שמים, אָבער דער יונגער סאַלאַנטער איז אים נאָכגעגאַנגען און איינמאָל האָט אים דער אָפּגעריסענער ר' זונדל געזאָגט: ישראל, לערן מוסר און זיי אַ ירא־שמים.

ר' ישראל סאַלאַנטער האָט שפּעטער געזאָגט וועגן אָט דעם נסתר ר' זונדל, אַז ער, ר' ישראל סאַלאַנטער, קומט ניט צו זונדלס קנעכלעך.

ר׳ זונדל איז געווען אַ צדיק פאַר זיך, אָבער ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז געווען אַ מענטש מיט גרעסערע השגות און מיט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, איז ער דעריבער געוואָרן אַן אָפענער צדיק. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט ניט געזוכט קיין רבנות, ער איז געווען אַן אמתער צנוע און עניו. ער האָט פלייסיק געאַרבעט אויף צו פאַרבעסערן זיין אייגענעם מהות — דאָס גוטע זאָל ביי אים ווערן אַ טבע־זאַך.

צום אָנהויב האָט ער געוואָלט אָננעמען דעם דרך פון פרישות, אוועקגיין פון מענטשן, געפינען אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע, וואו קיינער זאָל אים ניט קענען און דאָרט פאַרנעמען זיך מיט תורה און יראה, אָבער ער האָט זיך באַלד אָפגעזאָגט פון דעם, ווייל אויב אַזוי וועט ער דאָך פאַר אַ צווייטן גאָרניט טאָן, און דאָס איז דאָך ניט דער ריכטיקער דרך.

ער האָט געחלומט צו פאַראייניקן, צו מאַכן שלום צווישן חסידות און מתנגדות. מתנגדות דאַרף האָבן אַ ביסעלע פאַנטאַזיע און חסידות דאַרף האָבן אַ ביסעלע ערנסט, האָט ער געוואָלט די מתנגדות אָפּפרישן מיט אַ ביסל פּאָעטישן דמיון, אָדער מיט רעליגיעזן געפילסלעבן, און דאָס נייע מיטל האָט געהייסן — מוסר.

דער חסידיזם האָט געאַסרט עצבות און ער האָט געאַסרט שמחה. חסידות הייסט, מען זאָל דינען גאָט פון פרייד, דער מוסר זאָגט — מען זאָל גאָט דינען ערנסט, זייער ערנסט. עצבות, זאָגט חסידיזם, ברענגט צו סילוק־שכינה, שמחה ברענגט צו לייכטזיניקייט, זאָגט דער מוסר.

אָבער זיין הויפּט־צוועק איז געווען צו בויען פעסטונגען קעגן דער השכלה, אַריינצוציען דעם יידן, וואָס האָט זיך געריסן צו דער גרויסער וועלט אין זיך אַליין, צוריק אין זיין אייגענעם גבול אַריין.

און ער האָט געוואָלט זען אין דער פּראַקטיק מוסר־יידן, יידן גרויסע בעלי־מידות, יידן וואָס האָבן ממש ליב דעם אָרעמען און יידן, וואָס אַרבעטן אויף זיך, זיך אַליין בעסער און שענער מאַכן. יעדער ייד מוז פילן, אַז ער וועט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר זיינע מעשים.

„יעדער מענטש״, שרייבט ר׳ ישראל סאַלאַנטער, „דאַרף זיך

שטענדיק פילן ווי ווען אַ שאַרפע שווערד וואָלט אים ליגן צווישן זיינע דיכן און הינטער אים איז אָפן דער גיהנום".

אַט אַזוי קלאָר און אַזוי פּרעציז גיט איבער ש. ראָזענפעלד ר' ישראל סאַלאַנטערס שיטה אין מוסר.

און היות ווי ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געפּרעדיקט גוטע און פרומע מעשים, דאָס הייסט די פּראַקטיק איז ביי אים געווען דער עיקר, דערציילט ש. ראָזענפעלד אויספירלעך וועגן דאָס מוסר־לעבן, וואָס ר' ישראל סאַלאַנטער אַליין האָט געפירט. דאָ זעט איר אי זיין תורה און אי די דורכפירונג אין לעבן דורך אים אַליין.

און דאָס גיט אייך קלאָר אי די פילאָזאָפיע און אי די פּראַקטיק פון דעם מוסר.

שמואל ראָזענפעלד אַליין איז קיין מוסרניק ניט געווען ווען ער האָט געלעבט אין קאָוונע, אָבער ער איז געווען אַ מוסרניק אין דער פּראַקטיק, ער איז געווען און געבליבן אַ מוסרניק זיין גאַנץ לעבן.

ער שרייבט וועגן ישראל סאַלאַנטער ניט ווי אַ טרוקענער, זיי־טיקער וויסנשאַפטלער, ניין, ער שרייבט וועגן ר' ישראל סאַלאַנטער און זיין מוסר מיט גרויס ליבע און דער עיקרשט — מיט גרויס אַכטונג.

שמואל ראָזענפעלד האָט קיינמאָל ניט געשריבן סתם אַרבעטן, אָדער אַרטיקלען וועגן סתם ענינים; ער האָט געמוזט האָבן אַ קלאָ־רע פּרינציפּיעלע באַציאונג און אַ טיף־דורכגעווייטיקטע שטעלונג צו אַן ענין, אָדער אַ פּראַגע, וועגן וועלכער ער האָט געשריבן.

איך האָב ניט איינמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ווי ער זאָגט זיך אָפּ צו שרייבן וועגן דער אָדער יענער פּראַגע מיט דער פּשוטער זעלבסטפאַרשטענדלעכער דערקלערונג — איך האָב ניט קיין שטעלונג צו דער דאָזיקער פּראַגע, מיין פּרינציפּיעלע באַציאונג צו דער דאָזיקער פּראָבלעם איז אַ מטושטשדיקע, ניט קיין קלאָרע און איך קען וועגן דעם ניט שרייבן.

און אַזוי איז אויך מיט די דריי מאָנאָגראַפיעס, וואָס ווערן גע־דרוקט אין דעם דאָזיקן געדענק־בוך.

שמואל ראָזענפעלד האָט ניט געשריבן וועגן מענטשן צו וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין באַציאונג, אָדער שטעלונג.

די מענטשן אין די דריי מאָנאָגראַפיעס זיינען שמואל ראָזענ־

פעלדס העלדן, יידישע מוסטער-מענטשן, פערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געווען פאַר אים מוסטערס און אידעאַלן, אָדער זיי האָבן אים דערמאָנט זיין אייגן לעבן, זיינע אייגענע געראַנגלס און זיינע אייגענע קאַמפן.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער, למשל, איז געווען פאַר אים דער מוסטער פון אַ יידישער עטישער פערזענלעכקייט, אַן אידעאַל פון יידישן מענטשן, וואָס וויל אויסהאָדעווען, אָדער אויסבילדן יידישע מאָראַלישע פערזענלעכקייטן און מיט דעם, פאַרשטייט זיך, שטאַרקן און הויבן די מאָראַל פון יידישן כלל.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט ניט געטאָן ווי אַנדערע יידישע מאָראַלישע פערזענלעכקייטן, וואָס זאָרגן בלויז פאַר זייער אייגענער מאָראַלישער השלמה און די מיליאָנען יידן גייען זיי ניט אָן, זיי זיינען בלויז פאַרטאָן אין זיך און מיט זיך.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געזאָרגט דער עיקרשט פאַר דער מאָראַל פון יידישן כלל, ער האָט זיך באַטראַכט בלויז ווי אַ שפּליטערל פון כלל און די אינטערעסן פון כלל זיינען געווען זיינע אינטערעסן.

שמואל ראָזענפעלד איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ מאָדערנער ר׳ ישראל סאַלאַנטער; ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין אייגענער מאָראַלישער ריינקייט און מיט זיין עטישקייט, ער האָט זיי געפּריידיקט, ריכטיקער—געמאָנט ביי יידן, געפאָדערט פון יידן אין זיין פובליציסטיק. שמואל ראָזענפעלד האָט געפילט ממש אַ קרבת-הנפש צו ר׳ ישראל סאַלאַנטער; ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין מוסרניק, ניין, זיין אַ מוסרניק האָט געהייסן פאַר אים שפּילן אַ ראָליע, אָננעמען אַ פּאָזע, מאַכן אַקטיאָרישע שטיק און הוועיות.

און פּאָזע, שפּיל איז ראָזענפעלדן געווען ממש פיזיש דערווידער.

אָט איז אַ קליינער ביישפּיל:

שמואל ראָזענפעלד איז געווען אַ גרויסער קענער פון העברעאיש, ער איז אויך געווען אַ העברעאישער שריפטשטעלער, ער איז געווען אַ ציוניסט, אַ שטרענגער, אויסגעהאַלטענער ציוניסט. פלעגט ער אָפט מאַכן רייזעס קיין ארץ-ישראל.

האָב איך אים אַמאָל געפרעגט:

— איר רעדט דאָך זיכער העברעאיש אין ארץ-ישראל?

— וואָס פּאַלט אייך איין, — האָט ער געענטפערט מיט דער גרעסטער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, — איך בין ניט קיין אַקטיאָר, קיין פּאָזע־מאַכער, איך רייד די שפּראַך, אין וועלכער איך בין אויפגעבראַכט געוואָרן, די שפּראַך, וואָס איז נאַטירלעך פאַר מיר. ריידן העברעאיש איז פּאָזע, שפּיל, און איך קען עס ניט, איך קען עס פיזיש ניט.

דער מענטש אין שמואל ראָזענפעלד איז הפּנים געווען שטאַרקער פאַרן העברעער און ציוניסט.

***

און רבי מנשה איליער, (בן־פּורת), דער אָביעקט פון שמואל ראָזענפעלדס צווייטער מאָנאָגראַפיע, איז אויך געווען שמואל ראָזענפעלדס אַ העלד, אָדער ריכטיקער — שמואל ראָזענפעלדס אַן אידעאַל.

רבי מנשה איליער איז געווען אַ מין ווילנער גאון, אַ גוואַלדיק קלאָרער און שאַרפער מוח, אַ שונא פון פּלפּול און פון פאַרטויבנדיקער מיסטיק. איינער פון די גרעסטע לומדים פון זיין צייט, איז ער אויך געווען אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און אַ גרויסער אָנהענגער פון פאָרשונג, פון וויסנשאַפט. ער האָט געהאַלטן, אַז פאָרשונג און וויסנשאַפט קען אונז שטאַרק העלפן צו פאַרשטיין בעסער דעם תנ״ך און דעם תלמוד.

דערצו איז מנשה איליער געווען אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַ רבנות־שטעלע, אָט ריכטיק ווי דער ווילנער גאון, ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן עני מדורא.

אגב, דער ווילנער גאון האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואו פון מנשה איליער.

אָבער דער ווילנער גאון האָט זיך פאַרמויערט אין אַ חדרל און האָט געהיט זיין מאָראַלישקייט און גאָטספאַרכטיקייט ווי אַן אבן־טוב, אים איז שטאַרקער אָנגעגאַנגען בלויז זיין אייגענע מאָראַלישע השלמה; די יידישע גאַס, די מאָראַל פון דעם יידישן פאָלק איז אים ניט אָנגעגאַנגען אַזוי שטאַרק, אפשר, ווייל ער איז געווען צו פאַר־

נומען מיט זיין מאַראַלישער השלמה און מיט זיין אייגענער גאָטס־פאַרכטיקייט.

מנשה איליער איז אָבער בטבע געווען אַ טוער, ער איז בטבע געווען אַ רעפאָרמער, אָדער ריכטיקער — אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט געוואָלט זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען ברענגען צום פאָלק און דורכפירן זיי אין לעבן.

און, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אַלע גוטע און פרומע לייט, זיי האָבן געזען אין אים אַ פורץ־גדר.

דערשראָקן פאַר אים האָבן זיך אין עצם בלויז די פּראָסטע פרומאַקעס, די גרויסע לומדים האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין גרויסער לומדות, פאַר זיין שאַרפן מוח און פאַר זיין שטאַרקער לאָגיק.

און דווקא די גרויסע לומדים האָבן אים כסדר אַרויסגעראַטעוועט פון די אַטאַקעס פון די פרומע פּראָסטאַקעס.

מנשה איליער האָט געהאַט גרויסע פריינט צווישן די גרויסע יידישע סוחרים און שתדלנים, איינער פון זיינע הייסע פריינט איז געווען דער גרויסער סוחר און שתדלן ר׳ יהושע צייטלין פון שקלאָוו.

ר׳ יהושע צייטלין האָט אים ניט איינמאָל אַרויסגעראַטעוועט פון דער פוריע פון די פרומע פּראָסטאַקעס.

שמואל ראָזענפעלדן האָט אימפּאָנירט די גרויסע פערזענלעכקייט פון ר׳ מנשה איליער; ר׳ מנשה איליער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן, וואָס איז געווען אינגאַנצן געווידמעט יידישקייט און מענטשלעכקייט, ער האָט יום־ולילה געטאָן און געלערנט יידישקייט און וויסנשאַפט, און ביידע האָבן געלעבט בשלום ביי אים: די יידישקייט האָט ניט אָפּגעשטויסן די וויסנשאַפט און די וויסנשאַפט האָט ניט אָפּגעשוואַכט די יידישקייט.

אָט די דאָזיקע אינערלעכע האַרמאָניע, די פעסטקייט פון יידישקייט, וואָס וויסנשאַפט קען זי ניט אונטערגראָבן און די פעסטקייט פון וויסנשאַפט, וואָס יידישקייט קען זי ניט פסלען, האָט שמואל ראָזענפעלדן שטאַרק אימפּאָנירט.

ער האָט געחלומט זיין גאַנץ לעבן פון אַזעלכע יידן.

ער האָט אַליין געוואָלט זיין אַזאַ ייד, ער האָט שטענדיק געוואָלט משדך זיין תורה און חכמה, ער האָט געוואָלט זיין אַ גאַנצער ייד און אַ גאַנצער וועלטלעכער מענטש.

אים האָט זיך עס אָבער ניט איינגעגעבן אין אַ פולער מאָס.

און דעריבער האָט ער אַרויפגעקוקט אויף ר׳ מנשה איליער ווי אויף אַ העלד, ווי אויף אַן אידעאַל.

ער האָט אין מנשה איליער געזען די גרויסע יידישע מאָראַלישע פערזענלעכקייט, דאָס וואָס שמואל ראָזענפעלד האָט גאָר באַזונדערס באַוואונדערט.

וואָרעם שמואל ראָזענפעלד איז געווען בטבע אַ מאָראַליסט, און אַלץ וואָס ער האָט געשריבן זעט איר און פילט דעם מאָראַליסט.

זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען זיינען צום גרעסטן טייל מאָ־ראַלישע ענטוויסטונגען קעגן אָפענער און באַהאַלטענער פאַרשוועכונג פון דער מאָראַל.

ר׳ מנשה איליער האָט געשריבן פיל ספרים, צווישן זיי פיל מאַ־טעמאַטישע ספרים, אָבער אין זיין לעבן איז כמעט קיין איינער פון זיינע ספרים ניט געדרוקט געוואָרן.

ער האָט איבערגעלאָזן 35 קאַסטנס מיט כתב־ידן.

אָבער נאָך זיין טויט זיינען זיי אַלע פאַרברענט געוואָרן, צי בשוגג, צי במזיד איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, גיכער איז עס געטאָן געוואָרן במזיד, אַזוי מיינט שמואל ראָזענפעלד.

די מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ מנשה איליער איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין יידיש אין דער „צוקונפט" אין יאָר 1913, זי איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש.

די דאַטע איז דאָ זייער און זייער וויכטיק. —

שמואל ראָזענפעלד איז אין יענע צייטן געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן „פריינד", ד"ה אין סאַמע ברען פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. אין דער צייט ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט אין רעדאַקציע פון „פריינד" פון פאַרשיידענע ראַ־דיקאַלן, פון בונדיסטן, פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן און פון אַנדערע ראַ־דיקאַלן האָט ער שטיל געאַרבעט אויף דער מאָנאָגראַפיע פון מנשה

איליער, ער האָט באַשריבן זיינעם אַ העלד, זיין אידעאַל פון אַ יידישן מענטשן.

דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער — שמואל ראָזענפעלד איז אונטער אַלע אויסערלעכע ענדערונגען געבליבן אין תוך דער זעל־ביקער — אַ מין מנשה איליער; דאָס לעבן האָט אים געשטערט צו זיין אַ גאַנצער ר׳ מנשה איליער.

אין שמואל ראָזענפעלדס מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ מנשה איליער איז דאָ שטילע באַוואונדערונג, דער שאַרפער שמואל ראָזענפעלד געפינט ניט קיין שום פלעק, קיין שום שאָטן אין דער פערזענלעכקייט און אין דער טעטיקייט פון מנשה איליער.

ר׳ מנשה איליער איז אַ גאַנצער מענטש, ממש אַן אויסגעהאַמער־טער פון אַ שטיק ריינסטן גינגאָלד.

עס איז אַפילו ניטאָ קיין סימן פון רוגזה און כעס אין זיין טעטי־קייט, אין דעם פרט איז ער אַוועק ווייטער פון דעם ווילנער גאון, דער ווילנער גאון איז אַרויס קעגן די חסידים מיט חרמות און מיט שטאַרקע שטראָף־רייד.

ר׳ מנשה איליער האָט הפנים ניט גורם געווען די גאַנצע מחלוקת, ער האָט דווקא געזען עפּעס גוטס און שענס אין דער באַוועגונג פון חסידות.

אָט דער דאָזיקער קעמפער האָט קיין בייז וואָרט פון זיין מויל ניט אַרויסגעלאָזן קעגן קיינעם; און דאָס איז דער גרעסטער וואונדער אין דער פערזענלעכקייט פון ר׳ מנשה איליער — אַ קעמפער דאָס גאַנצע לעבן און קיין מאָל האָט זיך פון זיין מויל ניט אַרויסגעריסן קיין בייז וואָרט. אַזוי מיסטיש־ריין און אַזוי שטאַרק איז געווען די פערזענלעכקייט, וואָס הייסט ר׳ מנשה איליער.

***

די דריטע מאָנאָגראַפיע אין דעם דאָזיקן געדענק־בוך איז וועגן משה ליב ליליענבלום.

משה ליב ליליענבלומס ביאָגראַפיע אין די יונגע יאָרן איז טייל־ווייז ענלעך אויף שמואל ראָזענפעלדס ביאָגראַפיע, האָט די דאָזיקע

מאָנאָגראַפּיע טיילווייז דעם כאַראַקטער פון שמואל ראָזענפעלדס אויטאָביאָגראַפּיע אין די יונגע יאָרן זיינע.

משה ליב ליליענבלומס ביאָגראַפּיע איז געשריבן גאָר אַנדערש ווי די צוויי פריערדיקע מאָנאָגראַפּיעס; זי איז כמעט ניט קיין פאָרשערישע אַרבעט, זי איז מער אַ ליטעראַרישע אַרבעט, זי איז צום גרעסטן טייל בעלעטריסטיש אין טאָן, אין סטיל און אויך אין פאָרם.

משה ליליענבלום האָט אַליין געשריבן אויטאָביאָגראַפישע ביכער; זיין בעלעטריסטיק, אויב מען קען זי אַזוי באַצייכענען, זיין „חטאות נעורים", „קהל רפאים" א. א. זיינען דורכאויס אויטאָביאָגראַפישע ווערק.

משה ליב ליליענבלום איז גאָר ניט געווען קיין קריגערישער און קיין קעמפערישער מענטש, ער איז בטבע געווען אַ שטילער און שווייגעדיקער.

אָבער ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטעטל קיידאַן, אַ ליטוויש פינצטער שטעטל, פאַר אַן איידים צו גראָבע מענטשן, און דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער שטילער לערנער און האַלבער משכיל זאָל אויפהויבן אַ שטורעם אַרום זיך מיט זיינע אומשולדיקע משכילישע מיינונגען און דרכים.

דער פרידלעכסטער משכיל איז געוואָרן דער שטורעם-צענטער אין קיידאַן.

דער שטילער לערנער און משכיל איז אַזוי אויפגערייצט געוואָרן פון די רדיפות און די נגישות פון די פרומע פראָסטאַקעס, אַז ער האָט אָנגעשריבן זיין שוואַך, אָבער אין זיין צייט זייער באַרימט און אַרויספאָדערנדיק בוך „חטאות-נעורים".

און ווי נאָר דער שטורעם אַרום אים איז איינגעשטילט געוואָרן איז ער געוואָרן אַ שטילער טשינאָווניק, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן גוטע, קלאָרע און ביז גאָר לאָגישע פובליציסטישע אַרטיקלען.

מיט אים האָט פּאַסירט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַ סך שטורמישע אינטעליגענטן אין די אַמאָליקע קליינע יידישע שטעטלעך, זיי זיינען געווען רעוואָלוציאָנערן אין זייער שטעטל, אָבער ווי נאָר זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט זיינען זיי באַלד

געוואָרן אויס רעוואָלוציאָנערן, וואָרעם דאָס, פּאַרוואָס זיי האָבן געקעמפט אין זייער קליין שטעטל איז שוין לאַנג, לאַנג אַריין אין טאָג-טעגלעכן לעבן אין דער גרויסער שטאָט און מען באַטראַכט עס גאָרניט פאַר עפּעס אַזוינס פאַרוואָס מען זאָל קעמפן.

משה ליב ליליענבלום דער שטורעם-צענטער אין דעם העק קיידאַן איז אין אָדעס גאָר קיין רעוואָלוציאָנער ניט געווען.

פונקט פאַרקערט — אין אָדעס איז ער געווען אַ קאָנסערוואַטי־ווער משכיל אין פאַרגלייך מיט די אָדעסער יידישע אינטעליגענטן.

און ער איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן קאָנסערוואַטיווער פון אַלע אין דער אָדעסער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געאַר־בעט.

אין אָדעס איז ער געוואָרן אַ חוזר-בתשובה, מיינען אַנדערע, אָבער איך האַלט, אַז עס איז אַ טעות, ער איז קיינמאָל קיין חוזר-בתשובה ניט געוואָרן, בלויז זיין קיידאַנער רעוואָלוציאָנערישקייט איז געווען תשובה אין אָדעס.

שמואל ראָזענפעלד פאַרנעמט זיך אין זיין מאָנאָגראַפיע וועגן משה ליב ליליענבלום מער מיט דער פּראָווינציעלער סביבה, מיט קיידאַן און מיט דעם ימש-חשך, וואָס האָט געהערשט אין דעם אַמאָ־ליקן יידישן לעבן אין די פּראָווינציעלע, פאַרוואָרפענע שטעטלעך.

און נאָר אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונט זעט אויס משה ליב לי־ליענבלום ווי אַ רעוואָלוציאָנער.

שמואל ראָזענפעלדן האָט הפנים מער אינטערעסירט די קליינ־שטעטלדיקע סביבה, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט, ווי משה ליב ליליענבלום גופא.

ער האָט קלאָר איינגעזען, אַז משה ליב ליליענבלום איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער בלויז אין קיידאַן, אָבער ווי ער פאָרט אַרויס פון קיידאַן קיין אָדעס ווערט ער פון זיך אַליין אויס רעוואָלוציאָנער.

שמואל ראָזענפעלד האָט געוואָלט געבן אַ שטיק יידישע זיטן־געשיכטע פון דער צווייטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, דאָס איז געווען דער עיקר ביי אים.

שמואל ראָזענפעלד ענדיקט ליליענבלומס ביאָגראַפיע און בכלל

זיין גאַנצע מאָנאָגראַפיע ווען משה ליב ליליענבלום באַזעצט זיך אין אָדעם אין דעם עלטער פון 38 יאָר.

צו 38 יאָר, אין אָדעס, איז דער שטורעם אַרום משה ליב ליליענ־בלום אינגאַנצן איינגעשטילט געוואָרן.

משה ליב ליליענבלום איז געוואָרן אָן אָנגעשטעלטער אין אַ יידישן אַנשטאַלט אין אָדעס, ער איז געוואָרן אַ געטרייער חובב־ציון, ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן זיינע משכיליש־רעוואָלוציאָנערע בי־כער און אַרטיקלען. אין אַ געוויסן זינען איז ער אַפילו טאַקע געוואָרן אַ שטיל חוזר־בתשובה; ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין ווערק „חטאות־נעורים", אין אָדעס האָט זיין ווערק אויסגעזען פּראָווינציעל און די אַפּיקורסות זיינע כמעט לעכערלעך.

צו 38 יאָר איז שוין וועגן ליליענבלומען ממש ניטאָ וואָס צו שרייבן.

עס איז שטיל אַרום אים, זיין קליינשטעטלדיקע פרוי און זיינע קינדער קומען צו אים, ער אָרדנט זיך איין אין אָדעס קליינבירגערלעך, לעבט קליינבירגערלעך — די רעוואָלוציאָנערע בלעזלעך האָבן גע־פּלאַצט.

און ליליענבלום בלייבט אַ שטילער מענטש, וואָס מען הערט קיין הויך קול פון אים ניט.

ער איז געבליבן אַ מענטש מיט אַ גוטן, קלאָרן קאָפּ, מיט אַ שאַרפן פּובליציסטישן חוש, אָבער ניט מיט קיין פּובליציסטישן באַרוף.

זיין לאַנגע גלעז באָרד נעמט ער ניט אַראָפּ, זעט ער אויס ווי אַ רב ווען ער טראָגט אַ קאַפּעלוש און זעט אויס ווי אַ רוסישער גלח ווען ער איז בגלוי־ראש.

יאָ, צו 38 יאָר פון ליליענבלומס לעבן האָט שמואל ראָזענפעלד לחלוטין גאָרניט צו זאָגן און צו שרייבן וועגן ליליענבלום.

און ער פאַרענדיקט די מאָנאָגראַפיע דאָ, וואו ביי אַנדערע הויבט זי זיך ערשט אָן.

דער 38 יאָריקער עלטער איז דער פרוכטבאַרסטער, דער מענע־רישסטער אין דעם לעבן פון אַ מענטשן; איז ער אַ שריפטשטעלער, הויבט ערשט זיין טאַלאַנט רעכט זיך פאַנאַנדערצובליען, איז ער אַ רעוואָלוציאָנער, באַקומט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט ערשט די

אמתע רייפקייט; און איז ער אַ כלל-טוער, הויבט ער אָן ערשט צו שטייגן אויף דעם לייטער פון פּאָפּולאַרישקייט און אָנזעעוודיקייט.

אַן אַנדערער וואָלט זיכער דערפירט די ביאָגראַפיע פון משה לי־ליליענבלום ביז זיין טויט, ער וואָלט געגישטערט אין אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן און אויסגעפונען ליליענבלומס אַרטיקלען, ער וואָלט נאָכגעקוקט מיט שפּאַקטיווזעם זיין טעטיקייט ווי אַ חובב-ציון און ער וואָלט דורך אַ שליסל-לאָך אַריינגעקוקט אין זיין פּריוואַט לעבן, ער וואָלט שוין פאַרענדיקט ליליענבלומס ביאָגראַפיע ווי אַלע גוטע און פרומע ביאָגראַפן און מאָנאָגראַפיסטן הייסן טאָן און טוען אַליין.

שמואל ראָזענפעלד האָט אָבער זיך אַליין ניט געוואָלט נאַרן און נאָך ווייניקער האָט ער געוואָלט נאַרן די לייענער.

וואָרעם נאַרעריי וואָלט באמת געווען צו שרייבן וועגן ליליענבלום ווען ער איז שוין אייגנטלעך געווען אוים ליליענבלום, ווען ער איז געוואָרן אַ פרידלעכער בירגער, וואָס גייט צו אַ באַשטימטער שעה אין זיין ביוראָ, טוט זיין אַרבעט און רירט ניט אָן אַ פליג אויף דער וואַנט.

און אין די אָוונטן גייט ער אויף זיצונגען פון די אַדעסער חובבי־ציון, הערט אוים אַלץ און שווייגט, ווייל ער איז גאָר אַ קליינער רעדנער.

ער קומט אַהיים, געפינט זיין קיידאַנער פרוי, ער האָט קיין טענות ניט, ווייל אין עצם איז ער געבליבן אַ קיידאַנער ייד, וואָס וואוינט אין אַדעס און האָט ניט קיין קיידאַנער יידן צו קעמפן מיט זיי פאַר אַ קוצו של יוד, פאַר אַ שטיקל אַפּיקורסות, וואָס אַדעס האָט שוין לאַנג פאַר־געסן.

אָבער דער עיקרשט אימפּאָנירט דאָס, וואָס שמואל ראָזענפעלד רייסט איבער, אָדער ריכטיקער — פאַרענדיקט, די מאָנאָגראַפיע פון ליליענבלום צו 38 יאָר מיט איין שורה, ער מאַכט פון דער דאָזיקער ממש דרייסטער ליטעראַרישער טאַט קיין שום וועזן ניט.

בלויז אַ האַלב שורהלע גיט ער אָפּ דער דאָזיקער באמת דרייס־טער ליטעראַרישער טאַט.

***

שמואל ראָזענפעלדס אַרטיקלען, עסייען און אַרבעטן זיינען צע־וואָרפן אין דער יידישער און אין דער העברעאישער פעריאָדיק און די צאָל זייערע דערגרייכט אין די טויזנטער ממש.

עס איז ניט געווען ממש קיין טאָג אין זיין שרייבערישן לעבן, אין וועלכן ער האָט ניט געשריבן, פאַר איבער פופציק יאָר האָט ער געשריבן טאָג־טעגלעך.

מען האָט געקענט און אפשר באַדאַרפט אַרויסגעבן עטלעכע בענד פון זיינע גרעסערע עסייען און אַרבעטן.

אפשר וועט עס נאָך געטאָן ווערן.

אפשר וועלן זיך ערנסטע און ערלעכע מענטשן, יידישע מענטשן, וואָס קענען אָפּשאַצן די גרויסע פרוכטבאַרע אַרבעט פון שמואל ראָזענפעלדן, דעם גרויסן פובליציסט, פאָרשער, עסייאיסט און רע־דאַקטאָר, אומקוקן אַמאָל און וועלן אים שטעלן אַ גרעסערן ליטעראַ־רישן מאָנומענט.

אפשר, ווען עס וועלן קומען בעסערע, רואיקערע צייטן פאַרן יידישן פאָלק און עס וועלן אויפקומען ערנסטערע יידישע פירער, וועלן זיי זיך אומקוקן אויפן יידישן תלמיד־חכם, וואָס האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר דער יידישער קולטור און איז אַזוי שטיל אַוועק פון דער וועלט.

דערווייל לאָזט אַרויס אַ גרופּע פון זיינע פריינט, אַ גאָר קליינע גרופּע, אָט דאָס דאָזיקע געדענק־בוך.

עס איז ניטאָ דער גאַנצער ראָזענפעלד אין דעם דאָזיקן בוך, בלויז אַ שפּליטער פון דער גרויסער ליטעראַרישער ירושה קומט אַריין אין דעם דאָזיקן געדענק־בוך.

עס איז געבליבן אין כתב־יד שמואל ראָזענפעלדס דאָקטאָר־אַרבעט וועגן רבי נחמן קראָכמאַל, עס איז אַן ערנסטע פילאָזאָפישע אַרבעט, שמואל ראָזענפעלד באַווייזט ווי דער יידישער דענקער נחמן קראָכמאַל איז געווען דירעקט אונטער דעם איינפלוס פון דעם דייטשישן פילאָזאָף העגעל.

אפשר וועט קומען אַ גואל פאַר דעם כתב־יד.

אפשר וועט איינע פון אונזערע וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיין דער גואל.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער

(זיין טעטיקייט און זיינע נאָכפאָלגער)

.1

די ערשטע העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט האָט דאָס רוסישע יידנטום אַ געשפּאַנט לעבן געלעבט.

דאָס אַלטע יידנטום, אַלס גאַנצעס, האָט געקעמפט פאַר זיין עקזיס־טענץ אויף צוויי פראָנטן: נאָך אויסן און נאָך אינעווייניק. די שטרייט־פונקטן זיינען טיילווייז נאָך פון פריער באַשטימט געווען, טיילווייז ערשט אין די יאָרן אויפגעקומען. צום קאַמף, וואָס איז שוין פריער געפירט געוואָרן אין יידנטום, דער קאַמף צווישן חסידות און מתנגדות, וועלכער איז נאָך ניט געווען געענדיקט, איז צוגעקומען אַ נייער — צווישן יידנטום און דער השכלה. אויב אין ערשטן איז דאָס אַלטע, היסטאָרישע יידנטום געווען אַגרעסיוו, איז דאָס אין צווייטן בכלל געווען דעפענסיוו; עס האָט נאָר געזוכט זיך צו פאַרטיידיקן, צו באַהאַלטן, אויסצוהאַלטן דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד וואָס איז געקומען פון אויסן.

איינצלנע פאַלן פון צוזאַמענשטויסונגען צווישן היסטאָרישן יידנטום מיט דער השכלה זיינען אויך פריער געווען. קעגן איינצלנע משכילים איז דאָס אַלטע יידנטום אַגרעסיוו אויפגעשטאַנען, פאַרפאָלגט די משכילים און ניט צוגעלאָזן, אַז פרעמדע פלאַנצונגען זאָלן זיך איינוואָרצלען אין יידישן גאָרטן, דאָס זיינען אָבער נאָר איינצלנע פאַלן געווען. איינציקע פּיאָנערן פון דער השכלה, אין פאַראיינצלטע ערטער האָבן דעם קאַמף איינצלנע געפירט. האָט דער איינציקער קולטור־טרעגער געזיגט, אָדער ער איז געפאַלן — פאַרן גאַנצן יידנטום איז דאָס אין ערשטן פאַל קיין נצחון ניט

געוועזן, אין לעצטן — קיין שאָדן ניט. קיין השכלה־באַוועגונג איז נאָך דעמאָלט ניט געוועזן.

אויב אין קאַמף מיט אַ גאַנצער באַוועגונג ברענגט דאָס פאַרפאַלגן, וואָס מען פאַרפאָלגט דעם טרעגער פון דער אידעע, צום פאַרשטאַרקן און פאַרשפרייטן די אידעע גופא, האָט מען דורכן פאַרפאָלגן די איינציקע השכלה־טרעגער, אין ערשטן פערטל פונם 19טן יאָרהונדערט, די אידעע גופא אויף יאָרן לאַנג אַרויסגעטריבן פון יענע ערטער, וואו די פאַרפאָלגונג איז פאַרגעקומען. אַנדערש איז עס געוואָרן אין די פּערציקער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ווי פון אַ מעכטיקן וואַסער־פאַל האָט זיך דער השכלה־שטראָם אַריינגעריסן אין דעם יידישן ליטע און זאַמוט, און דער קאַמף קעגן דער השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אין פאַרשיידענע פונקטן אויף איין מאָל. און די קאַמף־קרעפטן אויףביידע זייטן זיינען געוועזן ניט קיין גלייכע. דעם קאַמף פאַר דער השכלה האָט געפירט די גרויסע מאַכט פון דער רוסישער רעגירונג, דעם קאַמף קעגן איר — דאָס אַלטע יידנטום אַליין. די צייט, אָדער דער צייט־גייסט — איז געשטאַנען דער ערשטער צוהילף. דאָס יידנטום האָט אַלע זיינע קרעפטן קאָנצענטרירט און מאָביליזירט צום קאַמף מיט דער השכלה. די ביז־איצטיקע שטרייטיקייטן אין יידנטום זיינען איינגעשטילט געוואָרן. חסידים מיט מתנגדים האָבן ווי אָפּגעמאַכט שטיל־שטאַנד אויף אַ געוויסער צייט. דער קאַמף צווישן פשט און פלפול, צווישן די מתנגדים גופא, האָט לחלוטין פאַרלוירן זיין שאַרפקייט און זיין אינטערעס. דער קאַמף נאָך אויסן האָט געדעמפט די קעמפער אינעווייניק.

רעדט מען פונם שטרייט צווישן חסידות און מתנגדות, שטעלט מען זיך אָפּ אויף צוויי נעמען: דער ווילנער גאון און רבי שניאור זלמן פון לאַדי. ווילן מיר אַזוינע צוויי נעמען אַרויסשטעלן אויך אינם קאַמף צווישן דער השכלה און דעם אַלטן יידנטום דאַרפן מיר אָנרופן: ד״ר ליליענטאַל און רבי ישראל סאַלאַנטער.

אָט די צוויי מענטשן האָבן צוויי לאָזונגען אַריינגעוואָרפן אין יידנטום, און יעדער לאָזונג האָט אויסגעדריקט אַ גאַנצע וועלט־אַנשויאונג.

ליליענטאַלס לאָזונג האָט געהייסן: קען די וועלט!

רבי ישראל סאַלאַנטערס — קען זיך!

אין איין צייט האָבן די ביידע מענטשן אָנגעהויבן צו ווירקן צווישן די יידן אין דער ליטע, איינער קעגן אַנדערן, יעדער אויף זיין שטייגער, יעדער פֿאַר זיין לאָזונג און וועלט־אַנשויאונג.

בעת ליליענטאַלן האָט געשראָקן די אומגעהויערע אומוויסנקייט פון די דאַמאָלסטיקע יידן, האָט רבי ישראל סאַלאַנטערן געשראָקן דאָס גאַרן גאָך וויטנשאַפֿט, וואָס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן ביי יידן. בעת ליליענ־טאַל האָט געפֿאָדערט: קריכט אַרויס פון אייער שאָלעכץ, טרעט אַריבער אייערע אָפּגעצאַמטע פיר איילן און איר וועט זען: וואָסער אַ גרויסע און שיינע וועלט עס ליגט פֿאַר אייך און וואַרט אויף אייך!

האָט סאַלאַנטער געפֿאָדערט: קאָנצענטרירט זיך אין זיך, נעמט זיך צונויף אין ענגן טפח פון אייער האַרצן, און איר וועט זען: ווי נאַריש און נישטיק די וועלט איז און ווי ס׳איז ניט כדאַי זיך צו יאָגן נאָך איר! ליליענ־טאַל האָט געעצהט מען זאָל דעם אַלטן קערן פון יידנטום מיט נייע אידעען פֿאַראייניקן און פֿאַרפיינערן, סאַלאַנטער — דעם אַלטן קערן אָפּרייניקן, פֿאַר זיך אַרויסשיילן און באַוואָרענען; ליליענטאַל האָט געוואָלט די גע־דאַנקען־ספערע אַנטוויקלען און פֿאַרברייטערן, סאַלאַנטער — די געפילס־ספערע פֿאַרטיפֿן;

ליליענטאַל האָט געזוכט ווי אַזוי דעם ייד אין מענטשן צו פֿאַרמענטש־לעכן, סאַלאַנטער — דעם מענטש אין יידן צו פֿאַרגעטלעכן; ליליענטאַלס וועג האָט געפירט פון מזרח קיין מערב, סאַלאַנטערס — פון מערב קיין מזרח.

אָט אַזוי זיינען זיך די צוויי מענטשן געשטאַנען באַוואָפֿנט איינער קעגן אַנדערן, דער ערשטער מיט געווער אין האַנט, דער צווייטער — מיט אַ פֿאַנצער אויף זיך.

און אויב יעדער איינציקער, וואָס האָט אַ שטיקל אינטערעס פֿאַרן גאַנג פון דעם יידישן קולטור־לעבן אינם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווייס פון ליליענטאַלן און פון זיין אַרבעט, ווייס אַזוי גוט ווי קיינער ניט פון ר׳ י. סאַלאַנטער און פון זיין אַרבעט. ס׳איז קיין וואונדער ניט: ליליענטאַל האָט אין אָט דעם שטרייט געזיגט, סאַלאַנטער — איז דער באַזיגטער, און פון דעם מנצח ווייס מען תמיד מער ווי פונם איינגעזונקענעם... דעם נאָמען פון ר׳ י. סאַלאַנטער באַגעגנט איר — און אויך נאָר זייער זעלטן — אין יענער ליטעראַטור, וועלכע געהערט אָן וואָס ווייטער אַלץ צו אַן ענגערן

קרייז מענטשן. זיינע אייגענע ווערק זיינען זייער ווייניק און ווייל מען פרעגט ניט אויף זיי, דערפאַר זיינען זיי אויך ניט בנמצא. זיין הויפּט־אויפטועכץ איז באַשטאַנען — אין מינדלעכן פאַרטראַגן און באַלערן, וועל־כע זיינען געבליבן פאַרחתמעט אין מענטשן, און גאָר ווייניק אין ביכער, און אַז אָט די מענטשן שטאַרבן אויס, פאַרגעסט מען אָן די ביכער אויך. און דאָך איז ער געווען לויט זיינע זעלישע פעאיקייטן און זיין גרויסער ווירקונג איינער פון די סאַמע מעכטיקע פיגורן, וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט פאַרמאָגט אינם 19טן יאָרהונדערט. ווער ווייס דען ניט, אַז דער העלדן־מוט לאָזט זיך ניט שאַצן לויט דער הצלחה, וואָס דער העלד האָט געהאַט אין זיינע מעשים...

.2

רבי ישראל סאַלאַנטער איז געבאָרן געוואָרן דעם זעקסטן חשון תקע״א (1810) אין דער ליטווישער שטאָט זאַגער. זיין פאָטער, רב וואָלף ליפּקין, איז אַ רב געווען פריער אין גאָלדענגען (קורלאַנד), דערנאָך איז טעלז און איז באַרימט געווען אין דער רבנישער וועלט מיט זיינע „הגדות בן אריה״ אויף תלמוד בבלי. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן פון זיין יונגער קינדהייט. אַז ער איז אַלט געווען 12 יאָר, געפינען מיר אים שוין אין שטעטל סאַלאַנט, אָן איידעם אויף קעסט ביי יעקב אייזענשטיין אָדער יענקל יענטעס, אויף דער וויבס נאָמען. אין קליינעם שטעטל סאַלאַנט איז דער גורל פונם גרויסן גייסט באַשטימט געוואָרן. נאָך אַלס קינד האָט מען אים דאָ אין אייזערנע פאַרמען געפרעסט, לויט וועלכע ער איז אויסגע־וואַקסן, געלעבט און דאָס גאַנצע לעבן געווירקט. אַפילו דער נאָמען פונם שטעטל, סאַלאַנט, איז זיין שטענדיקער ביי־נאָמען געוואָרן.

און אַלס קינד האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט געניאַלע פעאיקייטן און אַן ערלעכער נאַטור. שוין דעמאָלט האָט ער עס ליב געהאַט זיך ניט צו חנפענען און צו צוקוקן זיך דערצו, וואָס עס גייט פאָר אין זיין אינערן: וואָסערע מאָטיוון באַוועגן אים צו דער אָדער יענער זאַך, צו דער אָדער יענער האַנדלונג. די זעלבסט־קריטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם איינ־ציקן ענין, וואָס האָט אים באַשעפטיקט — אין לערנען. ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, האָט אויך ער געלערנט לויטן שטייגער פון פּלפּול

און באַווייזן קאָפּ־שטיק. האָט ער אָבער באַמערקט, אַז פּלפּלענדיק זיך, איז ער ניט אויסן דורך דעם צו פאַרשטיין דעם ענין, וואָס ער לערנט, נאָר עס שטעקט דערין אַ פּשוטע גאווה: ס׳ווילט זיך אים דערביי ווייזן, אַז ער פאַרמאָגט גרעסערע פעאיקייטן, ווי זיינע חברים... דעמאָלט האָט ער געפּועלט ביי זיך, לחלוטין אָוועקצוואַרפן דעם פּלפּול, זיך האַלטן נאָר ביים גראָדן שכל בעתן לערנען, און זוכן דעם אמת — דורך פּשט, קיצור און איינפאַכקייט. האָט ער אָבער ווידער באַמערקט, אַז זיין תשוקה צו באַווייזן זיין גראָדן שכל איז פיל שטאַרקער ווי דער פאַרלאַנג — דעם אמתן זין פונם געלערנטן צו פאַרשטיין, און אַז ניט דער אמת באַשטימט זיין ווילן, נאָר פאַרקערט: דער ווילן באַשטימט דעם אמת... האָט ער זיך ווייטער מתיר געמאַכט דעם פּלפּול (1), וויסנדיק איצט, אַז קוים קאָן איך ניט זאָגן, אַז גראָד דער אָדער יענער דרך פירט צום געוויסן אמת — איז זיך גלאַט ניטאָ וואָס איבערצוגעמען.

אין סאַלאַנט האָט ער געהאַט צוויי רביים: דער סאַלאַנטער רב רבי הירש ברוידאַ, אַ גדול הדור, האָט מיט אים געלערנט תלמוד און רבי יוסף זונדל, אַ שטיקל קרעמער און אַ שטיק תמים (2), האָט אים געלערנט פרומ־קייט, מוסר און פרישות.

דער לעצטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל און איז דעם גאַנצן לעבן געווען זיין וועגווייזער. דאָס איז געווען אַ גרויסער עניו — ניט וויסנדיק און ניט שפּירנדיק, אַז ער פּראַווועט עניוות. ער איז פון נאַטור געווען אַ „נחבא אל הכלים", סיי אין לומדות, סיי אין פרומקייט. ער איז פאַרזיך טיף איבערצייגט געווען, אַז ער האָט נאָך אין קיין פּרט ניט דער־גרייכט יענע שטופע, וואָס אַ ייד איז מחויב צו דערגרייכן. ער האָט זיך דערום ניט געקליידט ווי דער שטייגער איז געווען דעמאָלט פון יידן־לומדים. ווער עס האָט אים ניט געקענט פערזענלעך, האָט אים דערום אָנגענומען פאַר אַ פּשוטן מענטשן — כאָטש ער האָט ניט געוואָלט דווקא זיין אַ נסתר... (3) קיין שטענדיקע פרנסה האָט ער ניט געהאַט; אַמאָל האָט ער געקנעלט מיט אַ תלמיד, אַמאָל פלעגט ער אונטערהאַנדלען פון מעמעל און פלוצלונג פלעגט ער גאָר אַוועקפאָרן און ווערן אַ פּרוש אויף אַ צייט. ער האָט קיינמאָל פון קיינעם קיין הנאה ניט געוואָלט האָבן. אויף אַ באַליידיקונג האָט ער ניט געענטפערט, עס אָנגענומען פאַר ליב (4), וואָרעם ער האָט געגלויבט, אַז וואָס מער גלות און בזיונות אַ מענטש ליידט און

נעמט זיי אָן פאַר ליב און מיט שמחה, אַלץ גרעסער איז זיין שכר (5). אָט דעם פשוטן, אמתן און פרומען רב זונדל איז דער יונגער רבי ישראל סאַלאַנטער באַלד געפעלן געוואָרן און ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך. און אַז רב זונדל פלעגט אַרויסגיין פון שטאָט, אומגיין אין פעלד און דאָרט שטילערהייט לערנען מוסר — פלעגט אים רבי ישראל היטן די טריט, אַז יענער זאָל ניט וויסן. אַמאָל האָט ער אים באַמערקט און געזאָגט צו אים: ישראל, לערן מוסר און זיי אַ „ירא־שמים!" אָט די ווערטער האָבן דורכגענומען דעם יונגן ר' י. ס. און זיי האָבן באַשטימט זיין ווייטערן וועג (6).

פון דעמאָלט אָן האָט ר' י. ס. געקוקט אויף רבי זונדלען ווי אויף זיין רבין, ווי אויף אַ „ליכט פאַר יידן", און שוין אויף דער עלטער האָט ער אויף זיך געזאָגט, אַז ער „קומט ניט אַפילו צו רבי זונדלס קנעכלעך" (7). און דאָך איז ער זיינע ביידע רביים איבערגעוואַקסן. ער איז געווען מער גאון ווי זיין רבי אין תלמוד, און האָט מער געווירקט אין מוסר, ווי זיין רבי. ער איז אויך כל ימיו געווען אַ „נחבא אל הכלים", ניט געשפּרונגען פאַראויס, ניט אָנגענומען קיין רבנות, געווען אַ גרויסער צנוע, אָן אמתער עניו, געהאַרעוועט אויף דעם אייגענעם מהות, — דאָס גוטע זאָל ביי אים ווערן אַ טבע־זאַך; ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געקענט בלייבן נאָר אין זיינע פיר איילן און לעבן נאָר פאַר זיך. נאָך גאָר אין דער יוגנט, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן לערנען מוסר, האָט ער געהאַט בדעה זיך נעמען צו פּרישות, זיך אָפּשיידן פון מענטשן, געפינען אַ פאַרוואָרפן אָרט, וואו קיינער זאָל אים ניט קענען און דאָרטן זיך פאַרנעמען מיט תורה און יראה. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעזאָגט דערפון — ווייל אויף אַזאַ אופן וועט ער דאָך פאַר אַ צווייטן גאָרניט קענען אויפטאָן, און דאָס — האָט ער איינגעזען — איז קיין גאַנג ניט (8).

שוין פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט ער זיך מכין געווען צו טאָן פאַרן דור, אַרבעטן — אויף זיין שטייגער — פאַרן פאָלק און זאָרגן פאַר זיין רעטונג.

ער האָט זיך אָבער מכין געווען ניט נאָר צום שטרייט, נאָר אויך צום שלום. צו שטרייטן קעגן דעם דראַנג פון דער השכלה, וואָס איז געקומען פון אויסן, און שלום צו מאַכן צווישן די פיינטלעכע שטרעמונגען, וואָס זיינען געווען אין יידנטום און אויסגלייכן זיי. וואָרעם אין ערשטן פערטל פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט מען אין דער ליטע אָנגעטראָפן פיל

מענטשן, וואָס דאָס חסידות האָט אויף זיי אַ משונהדיקע ווירקונג געהאַט. פון איין זייט האָבן זיי זיך ניט געקענט באַפרידיקן מיטן טרוקענעם לער־נען אַליין, מיט הוילע קאָפּ־שטיק און מאַרך־לעבן; דער צופיל־פאַר־שפיצטער שכל האָט זיך געגויטיקט אין אַ ביסל האַרץ, אין אַ ביסל גע־פיל. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז זיי דאָס מתנגדישע יידנטום, דער שולחן־ערוך מיט אַלע זיינע פּרטים צו טיף געווען איינגעזויגן אין מאַרך און אין בלוט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען מקרב זיין ניט אַזוי צום חסידות גופא ווי צו די חסידים. דאָס שטענדיקע פריילעכקייט פון די חסידים, דאָס אויבער־פלעכלעכע פאַרהאַלטן זיך צום שולחן־ערוך, דאָס קנאַפּע געוויכט־לעגן אויפן לערנען — דאָס אַלץ איינאיינעם האָט זיי ניט דערלויבט אָנצונעמען די חסידישע שיטה.

דאָס געפיל האָט אָבער זיין באַפרידיקונג געפאָדערט, דער טרוקענער שכל — כאָטש אַ טראָפּן פרייע פאַנטאַזיע; האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן געזוכט צו מאַכן אַ פשרה צווישן חסידות און מתנגדות, אָדער צווישן מוח און האַרץ, צווישן שכל און דמיון. שוין רבי מנשה איליער האָט די אַרבעט אונטערגענומען אָבער ניט אויסגעפירט. רבי ישראל סאַלאַנטער האָט די אייגענע אַרבעט — נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער — ווידער אויפ־גענומען; צו דער טרוקענער לומדות טאַקע צוגעבן אַ ביסל תורה שבלב דעם טרוקענעם שכל טאַקע אָפּפרישן מיט אַ ביסל פּאָעטישן דמיון אָדער מיט געפילס־לעבן — נאָר ניט פון דעם מין, וואָס די חסידים האָבן באַ־נוצט. דאָס נייע געווירץ האָט געהייסן: מוסר!

אויב דער חסידיזם האָט געהאַסט דאָס עצבות, האָט דער מוסר גע־אָסרט די שמחה; הייסט דאָס חסידות, מען זאָל גאָט דינען פון פרייד, הייסט דער מוסר, אַז מען זאָל גאָט דינען ערנסט. עצבות ברענגט צו לייכטזיניקייט — שטרייכט אונטער דער מוסר.

ווי אַ שלום־מאַכער האָט ער זיך אויך באַוויזן צווישן פלפול און פשט. שוואַכע, אָבער דאָך צאַנקערייען זיינען אין דעם פּרט געווען אין פאַרשיידענע ישיבות פון דער ליטע. די איינע האָבן געהאַלטן, אַז דער הויפּט־תכלית פון לערנען איז דאָס לערנען גופא, דאָס פאַרנעמען זיך מיט דער תורה, שאַרפן דעם מוח, אַרויסברענגען אַלץ, וואָס מען וויל פון איין מאמר חז״ל, בויען בערג אויף אַ האָר — דערין באַשטייט די קונסט פון לערנען. די אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דער תכלית פונם לערנען איז — די האַנדלונג,

דאָס פּראַקטישע מקיים זיין די תורה, די מעשה; דעריבער איז נויטיק צו לערנען אַזוי, אַז ס'זאָל זיין וואָס גרינגער אַרויסצונעמען פונם געלערנטן די הלכה למעשה; דערצו ברענגט דאָס לערנען ע"פ פשט. יעדער פּלפּול אָבער פאַרדרייט נאָר דעם ענין, דערוויטערט פון אמת און לאָזט ניט קומען צו קיין קלאָרן דין. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט דאָ אויך אַ פּשרה געמאַכט. פריער לערנען על־פּי פשט ביז וואַנען מען ווערט אַ גרויסער בקי אין אַלע צווייגן פון תלמוד; דאַן, לערנענדיק, זיך פאָרשטעלן, אַז איך האָב פאַר זיך אַ שאלה, אויף וועלכער איך מוז פונם געלערנטן אַ פּראַקטישע תשובה אַרויסנעמען; אַרויסגעפינען דעם תוכן און אים אויסוויינֿיק קלאָר „איבערחזרן אויף דער „מוטער־שפּראַך" (זשאַרגאָן); נאָך דעם מעג מען שוין לערנען על־פּי־פּלפּול אויך. עס איז זאָגאָר — נויטיק.

3.

זיין עיקר הכנה איז אָבער געווען צו בויען פעסטונגען קעגן דער השכלה, אַריינצוציען דעם יידן, וואָס האָט זיך געריסן צו דער וועלט, צו זיך, צוריק אין זיין גבול אַריין. דערצו האָט ער דערהויפּט געזען אויסצואַרבעטן דעם רעליגיעז־עטישן מאָמענט פונם יידנטום, וואָס לאָזט זיך גרינג אויפנעמען, אָן וועלכע עס איז גרויסע פאַרבאַרייטונגען; ס'איז גענוג דערצו נאָר אַ ביסל התבוננות.

דעריבער האָט ער אויך דערהויפּט געזוכט צו ווירקן אויפן באַלעבאַטישן מיטלקלאַס. די באַלעבאַטים זיינען ביי אים געווען דאָס הויפּטמאַטעריאַל צום אַרבעטן אויך דערפאַר, ווייל פון איין זייט האָט ער אַרויסגעזען, אַז אויפן יונגן דור, וואָס איז שוין אָנגעשטעקט מיט השכלה, מיט פּריקת־עול און הפקרות איז שווער צו ווירקן, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזען, אַז די עלטערן, כאָטש זיי זיינען לכתחילה גלייכגילטיק דערצו, וואָס די קינדער בילדן זיך, נאָכדעם אָבער, זעענדיק ווי די קינדער וואַרפן זיי אין גאַנצן אַוועק, האָבן זיי דערזיף טויזנט חרטות און ליידן דערפון זייער שטאַרק. אָט דעם צער פון די עלטערן האָט ער עס געוואָלט אויסנוצן — די עלטערן אומצוקערן די תשובה און יראת־שמים, צו באַוואוסטזיניקער פרומקייט, און ממילא וועלן זיי שוין די קינדער אויך דערציען אין יידישקייט.

נאָך גאָר אַלס יונגערמאַן האָט ער שוין געשמט אין דער ליטע פאַר אַ גאון און אַ איש המעלה. קוים 30 יאָר אַלט, רופן אים די ווילנער פּני אַרויס קיין ווילנע פאַר אַ ראש־ישיבה אין דער באַרימטער „ראַמיילעס־ישיבה", געפינענדיק, אַז ער שטייט אין אַלע פּרטים העכער פונם ביז־דעמאָלטיקן ראש־ישיבה, דעם גאון ר' מרדכילע מעלצער.

אין יאָר 1840 איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע אויף „זיכערע שכירות 4 רובל אַ וואָך, און די וואָך, ווען עס קומט אויס יום־טוב — 8 רובל אַ וואָך, דערצו נאָך אַ דירה אויך"... ער איז אָבער ניט לאַנג געבליבן אויף דער הויכער שטעל. דער פריערדיקער ראש־ישיבה, ר' מרדכי מעלצער, האָט אָנגעהויבן צו פירן אינטריגעס קעגן אים, און קוים איז ער דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער זיך גלייך אָפּגעזאָגט פון דער ישיבה, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די גבאים האָבן געהאַלטן מיט אים.

ער האָט זיך דאַן געמאַכט אַ שטיקל ישיבה פאַר זיך אין זאַרעטשע, וואו ער פלעגט אויך זאָגן אַ בלאַט גמרא פאַר באַלעבאַטים און איינער, ר' חיים באַסקעס, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל דערפון האָבן ווי עס איז זיין חיונה. אַז רבי משה מאָנטעפיאָרע איז געווען אין ווילנע, האָט ער באַזוכט ר' ישראל סאַלאַנטערס ישיבה אין זאַרעטשע און דורך זיין מליץ, ד"ר לוי, האָט ער אים געמאַכט דעם פאַרוואורף, פאַרוואָס ער קאָן קיין רוסיש ניט ריידן; ער האָט אים דערקלערט, ווי נויטיק דאָס וואָלט געווען פאַרן כלל, און אַלסביישפּיל האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דעם בלוט־בלבול (עלילת דם) אין דמשק. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט זיך ניט געהאַט געניגנד, מיט וואָס צו פאַרענטפערן, און מאָנטעפיאָרע איז אַוועק פון אים אומצופרידן: מאָנטעפיאָרע האָט זיך בשום אופן ניט גע־קענט שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם זאַרעטשער ראש ישיבה. אויב אין סאַלאַנט האָט ער זיך מכין געווען צו אַרבעט, האָט ער אין ווילנע גע־האָט גענוג פלאַץ זיין אַרבעט אָנצוהויבן. דאָ האָט ער געלעבט בכבוד גדול כאָטש ער איז, צוליב זיין נאַטירלעכער עניוות, אַנטלאָפן פון כבוד. זיין גאונות און זיין אמתע עניוותדיקע פרומקייט האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אויף אים, אויף דעם יונגנמאַן, געקוקט ווי אויפן ערשטן מענטשן אין שטאָט. דאָ האָט ער אָנגעהויבן גרינדן חברות צו לערנען מוסר פאַר זיך.

שפּעטער האָט ער אויך געגרינדעט אַ מוסר־שטיבל ביי „רבי זלמן רבי אוריס" אין הויף, וואו פיל באַלעבאַטים פלעגן זיך צונויפקומען און לערנען מיט התלהבות „מסלת־ישרים" און „חובת הלבבות"; אָפט פלעגט ער אויך דרשנען פאַר זיי.

אין יאָר 1844 האָט מען, צוליב זיין השתדלות, אָפּגעדרוקט אין ווילנע דעם ספר „חשבון הנפש" פון רבי מענדל סאַטאַנאָוו, מיט אַ יאָר שפּעטער — דעם ספר „גורן נכון" פון רבי שלמה בן גבירול. אין דיביידע ספרים האָט ער געזען גרויסע הילפס־מיטלען צום פאַרשפּרייטן דעם מוסר, וואָס איז אין עצם דאָך געבויט אויף „חשבון הנפש"; אָבער ניט נאָר דערמיט אַליין האָט ער זיך פאַרנומען. ער האָט אויך מעורר געווען צו צדקה און גמילות חסדים — און זיינע ווערטער האָבן תמיד געמאַכט אַ רושם. אין יאָר 1848, בעת ס'איז אין ווילנע געוואָרן די כאָלערע, האָט ער פיל גע־אַרבעט דעריין, אַז די מענטשן זאָלן ניט זיין ביי זיך געפאַלן, זאָלן העלפן איינער דעם אַנדערן און קיין מורא ניט האָבן, טאָמער וועלן זיי אָנגע־שטעקט ווערן פון דער קראַנקהייט. ערב יום־כפור האָט ער אָנגעקלעפּט מודעות אין אַלע קלויזן, אַז מען זאָל דעם יום־כפור ניט פאַסטן, מען זאָל קיין פיוט ניט זאָגן און בעסער גיין אין גאַס שפּאַצירן. און יום־כפור נאָך שחרית, איז ער אַרויף אויף דער בימה מיט אַ שטיק געבעקס אין האַנט, האָט געמאַכט אַ ברכה און האָט געגעסן פאַרן גאַנצן עולם אין די אויגן... כדי אַלע זאָלן דאָס זען און אים נאָכטאָן.

אין ווילנע האָט מיט אים אויך דאָס פּאַסירט, אַז גייענדיק יום־כפור אין אָוונט צו כל־נדרי אין שול אַריין, האָט ער דערהערט ווי אַ קינד וויינט אין אַ יידיש שטיבל און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל דאָס איינשטילן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די מוטער איז מסתמא אַוועק אין שול, און אַריינגייענדיק אין שטיבל האָט ער זיך געניאַנטשעט מיטן קינד, ביז וואַנען די מוטער איז געקומען פון שול צוריק.

אַמאָל איז געקומען צו אים אַן אָרעמאַן און האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז ער האָט שוין אויסגעפּרוּווט אַלע פּרנסות און דער דלות וואַקסט פון טאָג. איצט איז אים געבליבן נאָר איין מיטל: אַרומצופאָרן איבער די קליינע שטעטלעך און דרשנען מגידות. דערצו האָט ער אָבער אַ חסרון — ער קאָן ניט דרשנען! האָט זיך ר' ישראל סאַלאַנטער אָוועקגעזעצט

מיט אים, אויסגעלערנט אים אַ פּאָר דרשות, עטלעכע מאָל זיי אים אי־בערגעחזרט, און יענער איז אַוועקגעפאָרן דרשהנען.

בכלל האָט ער געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר אַן אָרעמאַן און בפרט נאָך פאַר אַזוינעם, וואָס פלעגט אומגיין איבער די הייזער — ווייל יענער איז דערשלאָגן און שטאַרק געפאַלן ביי זיך.

און האָט ער אַמאָל געגעבן וועמען עס איז אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז יענער איז ניט ווערט געווען, מען זאָל אים גוט רעקאָמענדירן — האָט ער זיין בריוו צוריק ניט געפאָדערט, ווייל קוים האָט ער יענעם אָפּגעגעבן דעם בריוו איז עס יענעמס מתנה, און אָפּנעמען צוריק הייסט גזלה...

ס'איז אַפילו ניט קיין קלייניקייט מכשיל צו זיין אַנדערע; ווער קאָן אָבער אָפּשאַצן די עבירה פון מביש זיין יענעם, אָפּנעמענדיק ביי אים דעם בריוו...

וואָרעם כאָטש ער אַליין איז תמיד אַנטלאָפן פון כבודן, — אַפילו בריוו מיט גרויסע טיטלען האָט ער זיך געשעמט אַן אַנדערן צו ווייזן און אַליין צו לייענען — איז ער דאָך געווען אַ גרויסער דזשענטעלמען אין זיין באַנעמען זיך מיט אַנדערע, און קיינמאָל יענעמס כבוד ניט געקרימט אויף אַ האָר. מיט כבוד — פלעגט ער זאָגן — איז דאָס אייגענע וואָס מיט בטחון: פאַר זיך דאַרף איך זיין אַ בעל־בטחון און ניט דאגהן פאַרן מאָרגן, אָבער דעם צווייטן דאַרף איך שוין היינט אויף מאָרגן פאַרזאָרגן; בנוגע צו יענעם טאָר מען קיין בעל־בטחון ניט זיין.

פיל מי האָט אים געקאָסט ביז ער האָט געפּועלט ביי זיך, פרעמדע קינדער ליב צו האָבן אַזוי גוט, ווי די אייגענע. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויסגעלאָזט האָט זיך דער היפך: ער איז אַזוי קאַלט געוואָרן צו די אייגענע קינדער, ווי ער איז פריער געווען צו פרעמדע... אַ צייט מיט יאָרן האָט ער אַמאָל זיינעם אַ זון ניט געזען און דערזעענדיק אים נאָכדעם, איז ער ניט נתפּעל געוואָרן, אים קאַלט געגעבן „שלום", גלייך ווי ער האָט אים ערשט נאָר־וואָס געזען. און אַז אַן אַנדער זון האָט געליטן נויט, האָט ער פאַר אים זיך ניט משתדל געווען, ווייל פאַר זיך וואָלט ער אויך אין שתדלנות ניט געגאַנגען; כאָטש פאַר פרעמדע וואָלט ער דאָס יאָ געטאָן.

און אַז ס'איז אין יאָר 1848 אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן די ראַ־בינער־שול, האָט די רעגירונג, אין הסכם מיט די משכילים, קיין פאַ־

סיקערן מענטשן ניט געפונען, ווען אַוועקצושטעלן אַן דער שפּיץ פון דער נייער אַנשטאַלט, ווי רבי ישראל סאַלאַנטער. ער האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט, זעענדיק, אַז אָט פון דעם נייעם הויז וועט פאַרן אַלטן יידנטום קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

און אַז דער ווילנער דאָקטאָר טראַכטנבערג האָט ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל ניט זיין דער משגיח פון שול? האָט ער דערויף געענטפערט:

— אַ רב איז ניט קיין דאָקטאָר. די הייניקע דאָקטוירים באַמיען זיך דערהויפּט פאַר די רייכע, דער רב מוז זיך באַמיען פאַר די אָרעמע. די קלענסטע שאלה איז פאַרן אָרעמאַן אַ לעבנס־פראַגע. כדי דער רב זאָל אין שווערע פאַלן זיין אויף זיין אָרט, איז ניט גענוג, אַז ער זאָל דורך און דורך קלאָר זיין אין דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור; ער מוז נאָך דערצו אויך זיין אַ ירא שמים און אַ טיפער מאמין! שווערלעך, אַז אייערע תלמידים פון דער נייער שול זאָלן באַזעצן אַזוינע מעלות. אָט דער־פאַר וויל איך אויף זיך אַזוינע גרויסע אחריותן ניט נעמען.

פון דער פאַרגעלייגטער שטעל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט; און מורא האָבנדיק, טאָמער וועט אים די רעגירונג דערפאַר פאַרפאַלגן, איז ער אין יאָר 1849 אַרויסגעפאָרן פון ווילנע קיין קאָוונע. לכתחילה האָט ער אין קאָוונע געהאַט אָנגענומען עפּעס אַ קהלשע שטעל, וואָס האָט אים געזאָלט מפרנס זיין. דערזעענדיק אָבער, אַז דאָס רייסט אים אָפּ פון לער־נען און פון זיין הויפּט־צוועק: מוסר איינצופלאַנצן, — האָט ער זיך פון דער שטעל אָפּגעזאָגט און געלעבט אין גרויס צמצום דערפון, וואָס דער נדיב רבי הירש נעוויאַזער האָט אים געגעבן. ער אַליין האָט געקוקט דערויף, ווי אויף גזל, און אַז עפּעס אַ רב איז אַמאָל געקומען צו אים צו מיטאָג, האָט ער אים געזאָגט: „איר מעגט עסן, ס'איז כשר". יענער האָט זיך דערויף געוואונדערט און ר' י. ס. האָט אים דערקלערט: פאַר זיך איז טאַקע מיין גאַנצע שפּייז גזל, נאָר ווייל איך האָב דאָס שוין קונה געווען בשנוי מעשה איז עס פאַר אייך כשר. און אַז זיין ווייב איז גע־שטאָרבן, האָט מען צווישן אירע חפצים געפונען אַ „קניפּל", וואָס זי האָט ביסלעכווייז געהאַט אָפּגעשפּאָרט, איז ניט קוקנדיק אויף זיין דחקות, האָט ער דאָס ניט געוואָלט אָנרירן, ווייל, לעבנדיק פון פרעמדע, איז דאָס „קניפּל" געווען פון פרעמדן געלט... קיין מתנות, מער ווי דאָס סאַמע

גויטיקסטע, האָט ער קיינמאָל פון קיינעם ניט אָנגענומען. אויב ער האָט דאָך זיין פּרנסה בצמצום אָנגענומען פון פרעמדע, איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געקוקט דערויף ווי אויף אַן עבירה לשמה — כדי ער זאָל קענען אויפטאָן וויכטיקערעס ווי דאָס, וואָס ער וועט זיך מפרנס זיין פון יגיע כפיו, פּונקט ווי ער האָט שטענדיק געלערנט אין פרעמדע ספרים, ווייל ער האָט ניט געקענט קויפן קיין אייגענע. אומפאַרענדערלעך איז ער אין דעם פּרט געבליבן ביזן טויט; שוין דעם לעצטן ווינטער פאַר זיין טויט, זייענדיק אין קעניגסבערג, האָט אים באַזוכט עפּעס אַ גביר און האָט אים געוואָלט דורך זיינעם אַ מקורב איבערלאָזן אַ שיינע מתנה געלט, האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען. האָט אים יענער געוואָלט כאָטש קויפן אַ נייעם טלית, האָט ער אויך ניט געוואָלט אָננעמען. איינריידנדיק אים האָט דער מקורב צו אים געזאָגט: אַז איך וואָלט פאַרדינט, וואָלט איך מיר אויך אַ נייעם טלית געקויפט. אַז איך וואָלט פאַרדינט האָט אים ר׳ י. ס. געענט־פערט, וואָלט איך אויך געקויפט... באַפרייענדיק זיך פון אַלע מאַטעריעלע דאגות, האָט ער זיך אין קאָוונע איינגאַנצן אָפּגעגעבן צו זאָרגן פאַר תורה און מוסר. ער האָט אין דעם פּרט געהאָרעוועט פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

דאָ איז ער אינגיכן געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט כמעט קיינמאָל ניט גערעדט קיין שיחות חולין, אָדער קיין דברים בטלים. טאָמער האָט אים איינמאָל געטראָפן, אַז ער האָט עפּעס מיט אַ באַקאַנטן פאַרבראַכט אין מלי דעלמא, האָבן זיך זייערע מקורבים געוואונדערט דערויף, און ער האָט זיי דערויף דערקלערט: „דער מענטש איז געווען זייער פאַרביטערט, און ס׳איז געווען אַן אמתער גמילת־חסד אַ ביסל זיין אומעט צו פאַרטרייבן; איר וועט דאָך ניט זאָגן, אַז מיטן ריידן און מוסר וואָלט איך אים געקענט פריילעכער מאַכן“.

דאָס ערשטע יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין קאָוונע זעט מען אים אַר־בעטן ווי אין אַ פיבער. אין ווילנע האָט די ראַבינער־שול עקזיסטירט, אין קאָוונע האָט ער געטראָפן דעם השכלה־גייסט, אָדער דעם פריי־זין, אַ סך מער נאָך פאַרשפּרייט ווי אין ווילנע, און דאָס האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט זיין שרעק פאַר דער השכלה. און ניט אַזוי פון דער השכלה גופא, ווי פאַר יענעם פאַרפירערישן חן, וואָס זי האָט געפונען אין די אויגן פון יענע, פאַר וועלכע זי איז גאַנץ ניי געווען. האָט דאָך די יידישע יוגנט אין רוס־לאַנד ביז דעמאָלט גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט פון בילדונג; דעריבער

האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָס „נייע" זאָל די יידישע יוגנט ניט אינגאַנצן אָפּרייסן פון יידנטום, און אין עצם איז דאָך דאָס ניט אינגאַנצן קיין פאַל־שער שרעק געווען. און נאָך מער ווי צו בילדונג בכלל האָט ער זיך פיינט־לעך פאַרהאַלטן צו יעדערליי ראַבינער־שולן, אַפּילו צו די אויסלענדישע — כאָטש מיט ר' עזריאל הילדעסהיימער, למשל, איז ער געווען אין דער גרעסטער פריינטשאַפט.

שוין אין גיכן נאָך זיין אָנקומען האָט ער דאָ, אין קאָוונע, געגרינדעט זיין מוסר־שטיבל. ביי נעוויאַזערן אין קלויז האָט ער אַרום זיך צונויפ־געקליבן אַ היפּשע צאָל יונגעלייט, וועלכע פלעגן זיצן און לערנען און הערן מוסר־דרשות פון אים. פון די דאָזיקע יונגעלייט האָט ער עס געמיינט צו שאַפן אמתע רבנים אַלס קעגן־ווירקונג קעגן יענע פאַלשע רבנים, וואָס ווילנע האָט פאַבריצירט. דאָס איז אויך אַ נייעס געווען — מכין צו זיין לכתחילה רבנים. פרומע יידן האָבן אַלע מאָל געלערנט — פון לערנען וועגן, אָבער ניט צוליב אויסערע צוועקן. ר' י. ס. האָט אָבער געדרשנט, אַז לערנען לשמה הייסט: לערנען כדי אַ רב צו זיין, כאָטש דאָס האָט לחלוטין ניט געשטימט דערמיט, וואָס מען האָט אַלע מאָל פאַרשטאַנען אינם פשט פונם וואָרט לשמה.

פון קאָוונע זעען מיר אים אויך שרייבן בריוו קיין ווילנע, אין וועלכע ער שטאַרקט זיינע באַקאַנטע, זיי זאָלן זען צו פאַרברייטערן און צו שטיצן דאָס לערנען מוסר.

אין ווילנע האָט, ווי ס'ווייזט אויס, מיט זיין אַרויספאָרן דער ענין פון מוסר אַזוי גוט ווי אויפגעהערט. אין די פיל בריוו, וואָס ער שרייבט קיין ווילנע אין יאָר 1849, דאָס ערשטע יאָר, וואָס ער איז פון דאָרט אַרויסגעפאָרן, באַקלאָגט ער זיך, אַז ווי ער הערט, גייט דאָרט דער ענין זייער שוואַך, און ער מאַכט פאַרוואורפן די מענטשן, צו וועמען ער שרייבט (צו וועמען — איז ניט אָנגעגעבן), אַז זיי זיינען פויל אין דער וויכטיקער אַר־בעט. דאָס האָט אָבער, ווי עס שיינט, אויך ניט פיל געהאָלפן; דער זאָמען פון מוסר האָט זיך אין דעם ווילנער באָדן ניט פעסט איינגעוואָרצלט.

פיל מער האָט ער אויפגעטאָן אין קאָוונע. דאָ זיינען צו אים צוגעשטאַנען עטלעכע פון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין שטאָט. מיטגעהאָלפן פון וייטן אין דער אַרבעט האָבן אים: זיין אַמאָליקער רבי, רבי זונדל סאַלאַנט, רבי אַלכסנדר משה לפידות פון ראַסיין, און רבי שמואל לובעצער פון ווילנע.

.4

פאַר זיך האָט ר. י. ס. געשטרעבט שטענדיק דערצו, אַז די גוטע מענטשלעכע מעלות און מידות זאָלן זיין אויטאָנאָם, זאָלן ליגן אין דער טבע, אָדער זיי זאָלן ווערן, ווי מען זאָגט, אַ צווייטע נאַטור. מען זאָל, למשל, ניט פאַרלאַנגען, וואָס ס׳געהערט צו יענעם, פונקט ווי מען וויל ניט עסן קיין פוילע פיש, שמעקן אומאָנגענעמען גערוך. יעדער מענטש, מיינט ער, קאָן קומען צו אַזאַ מדרגה דורך אָפטן געוואוינען זיך דערצו, דורך אָפטער זעלבסט־קריטיק און התבוננות. דערפאַר חזרט ער אויך איין זיינע מקורבים, אַז דער יסוד פון מוסר — איז די פראַקטיק, אָדער די „פראַק־טישע דערציאונג״. דאָס לאָזט זיך נישט פעסט באַשטימען פאַר אַלע מענטשן גלייך; יעדער מענטש דאַרף זיך דערין דערציען לויט זיין נאַטור. אויב ער איז, למשל, אַ כעסן, דאַרף ער זיך צוגעוואוינען ניט מקפיד צו זיין, ווען מען רירט אים אָן; ניט טראָגן אויף קיינעם קיין שנאה אין האַרצן, מוחל זיין יענעם, וואָס האָט אים געקריוודעט. דאָס אייגענע איז אויך ביי אַנדערע מיני שוואַכקייטן. די יעניקע, וואָס ווילן צוציען אַ צווייטן צו מוסר מוזן אָט דעם צווייטן קענען לערנען, וויסן זיינע שוואַכקייטן, פאַר־שטיין אין וועלכע פרטים יענעם איז, אַזוי צו זאָגן, נויטיק זיך איבערצודער־ציען. פאַר יעדערן, לויט זיינע פסיכישע כוחות, דאַרף מען געפינען באַ־זונדערן מיטל, אים צו שטאַרקן. און ווייל ניט יעדערער איז מסוגל צו זיין פאַר יענעם אַ רופא אויף אַלערליי קראַנקהייטן, דערפאַר מוז מען איינטיילן די אַרבעט צווישן זיך. יעדערער פון די מוסר־פלאַנצער זאָל זיך אויסקלייבן אַזאַ פרט, צו וועלכן ער איז מער מסוגל. און אַלץ זאָל געטאָן ווערן מיט טאָלעראַנץ, מיט געדולד און ניט מיט כעס אויף יענעם, פאַרוואָס ער ווערט ניט אַזוי גיך דורכגענומען מיטן מוסר. מען טאָר זיך ניט גרויס האַלטן קעגן יענעם און ניט פאַרלאַנגען, אַז יענער זאָל אַלץ אָננעמען פאַר איין מאָל. כדי יענעם מוסר צו לערנען, מוז מען זיך אַליין האַלטן שטרענג אָן מוסר, און קוקן אויף אַלע מענטשן מיט אַ גוט אויג.

דער עיקר לערנען ביים יידן דאַרף זיין גמרא. נאָר שבת דאַרף ער אַריינגיין אין מוסר־שטיבל. בעסער איז, נאַטירלעך, אַז יענער קאָן זיך אַריינכאַפן אין מוסר־שטיבל אַ פאָר מאָל אין וואָך, כאָטש נאָר אויף עט־לעכע מינוט, כדי אָפצופרישן דעם רושם, וואָס דער שבתדיקער מוסר

האָט אויף אים געמאַכט. דערפאַר דאַרף מען זען, אַז מצד דעם מוסר־שטיבל זאָל קיין מניעה נישט זיין אַריינצוקומען אַהין, ווען איינעם ווערט זיך פאַרוועלן. פיל טעמים זיינען דאָ, פאַרוואָס ס׳איז נויטיק, ס׳זאָל זיין אַ באַזונדער שטיבל פאַר מוסר, און ניט מען זאָל דאָס לערנען אין דער היים אָדער אין בית־המדרש: „כדי יענער זאָל זיך ניט שעמען אויסצואווייגען זיין האַרץ, אַריינקומען אין התלהבות און קיין מורא ניט האָבן דערביי, טאָמער קוקט אים ווער נאָך. ווער עס ווערט אַהער אַריינקומען און ווערט הערן, ווי אַזוי אַנדערע לערנען ווערט ער אויך לערנען. און דאָס, וואָס עס געפינט זיך אין שטאָט אַ ספּעציעל שטיבל פאַר מוסר־לערנען — האָט אַ גרויסן אַגיטאַציאָנס־ווערט: ווער עס ווערט נאָר פון וויטן פאַר־בייגיין, ווערט פילן, אַז אָט דאָ ווערט מוסר געלערנט".

„און כדי דער מוסר זאָל טיף אַריינדרינגען אין האַרצן אַריין. קלעקט ניט, אַז מען זאָל אים לערנען מיטן אייגענעם ניגון, וואָס מען לערנט גמרא; דער ניגון קלעקט נאָר כדי צו פאַרשטיין אַ זאַך, אָבער ניט כדי זי זיך צו אייגן מאַכן. כדי אַ זאַך זיך צו אייגן מאַכן, מוז מען האָבן אויפ־רעגונג עקסטאַז, אַ טרויעריקע שטימע, אַ ברען און דערביי פאַרשטעלן זיך דעם ענין מיט באַגרייפבאַרע ביישפילן. די באַגרייפבאַרע פאַרשטעלונגען העלפן זייער צו מוסר; דערצו דאַרף מען זיך ווי לעבעדיק, ווי בחוש, פאַרשטעלן געוויסע ענוים, קערפּערלעכע און גייסטיקע".

און וואָס מער מיר הערן פון פּראַקטישע עצות געבן זיינע מקורבים, ווי אַזוי מעורר צו זיין צום מוסר; וואָס מער מיר באַקענען זיך מיט זיינע מיטלען אין דעם פּרט, און וואָס מער מיר הערן זיינע דרשות, אַלץ וויכטיקער בלייבט ער ביי זיין ערשטן אויסגאַנגס־פּונקט: „ליב צו האָבן דאָס גוטע — ווייל דאָס איז גוט": און אַלץ מער גייט ער אַריבער אויף דער קעגן־זייט: „טו ניט דאָס שלעכטע — ווייל דו וועסט האַרט באַשטראָפט ווערן"!

אומעטום הערט זיך ביי אים דער איינציקער מאָטיוו: „פאַרגעסט ניט, אַז ס׳איז דאָ אַ גיהנם".

„יעדער מענטש — שרייבט ר. י. ס. — דאַרף זיך שטענדיק פילן, ווי ווען אַ שאַרפע שווערד וואָלט אים ליגן צווישן זיינע דיכן און הינטער אים איז אָפן דער גיהנם". כמעט אין אַלע זיינע דרשות האָט ער גערעדט פון שכר ועונש; דערפון, וואָס גאָט איז אַן אל קנא ונקם, איז ניט קיין

ותרן אפילו אויף אַ האָר; ווייל די וועלט איז נאָר אַ חלום, דערפאַר זיינען אַלע אָפּקומענישן אויף דער וועלט גאָר קיין פאַרגלייכעניש ניט דערמיט, וואָס אַ מענטש האָט צו ליידן פאַר דער קלענסטער עבירה אויף יענער וועלט. און דערום, „ווען דערפון, וואָס דער ייד וועט כל־ימיו אַ שעה אין טאָג לערנען מוסר, וועט אַרויסקומען, אַז ער וועט נאָר איין־איינציק מאָל קיין לשון־הרע ניט ריידן — האָט ער שוין אויך אַ גוט געשעפט געמאַכט".

און וואָס ווייטער מען קוקט זיך צו צום פּראַקטישן מוסר גופא, צום מוסר־שטיבל, צו די לעבעדיקע מוסרניקעס, אַלץ טריבער, אַלץ אימהדיקער און מרה־שחורהדיקער ווערט עס אַרום.

דאָס מוסר־שטיבל איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, פאַר מענטשן פון יעדער עלטער און יעדער שטאַנד. דערהויפּט — ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט — האָט ר. י. ס. אין זיבעצן געהאַט יידן באַלעבאַטים, וואָס זיינען פאַרהאַוועט אין פּרנסה, און דער קאָפּ ליגט זיי פשוט ניט דערין אָפּצו־געבן זיך מיט חשבון הנפש, אָדער אַמאָל זיך אָפּצושטעלן און באַטראַכטן, ווי ווייט דאָס גאַנצע לעבן און טרייבן האָט קיין ממשות ניט — כאָטש אין האַרצן ביי זיי האָט נאָך געגליט אַ פונק יראת־שמים. אָט פאַר די מיני מענטשן איז דאָס מוסר־שטיבל באַרעכנט געווען. דאָ האָט זיך אַלע מאָל געפונען אַ קליינע ביבליאָטעק פון אַלערליי מוסר־ספרים, און צו יעדער צייט, פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט יעדער איינציקער געקאָנט אַריינקומען און זיך פאַרנעמען מיט קוקן אין זיך.

בין־השמשות. אין שטיבל איז פינצטער. ס'קומט שטיל אַריין אַ ייד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטעלט זיך שטיל אַוועק אין אַ ווינקל, מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער זעט ניט קיינעם ניט פאַר זיך, ניט לעבן זיך — מעג אויך שוין פון פריער ווער עס איז דאָ זיין. דעם קאָפּ שפּאַרט ער אָן אָןביידע הענט, אין וועלכע ער באַהאַלט דאָס פּנים, און זיינע גייסטיקע בליקן לאָזט ער אַראָפּ אין זיך. ער פאַרנעמט זיך מיט התבוננות, מיט חשבון הנפש. ער האָט גרינדלעך און טיף דורכצונעמען: ווי הבלדיק די גאַנצע וועלט איז מיט אַלץ, וואָס אין איר טוט זיך אָפּ; ווי נישטיק און ווי פאַרביילויפיק דער מענטש מיט זיין לעבן איז; ווי שרעקלעך דער יום־הדין איז, און ווי מוראדיק דער גיהנם; ווי דער אל קנא ונוקם איז ניט מוותר אפילו אויף אַ האָר. דער מענטש הויבט אָן צו שפּירן אַ שרעקלעכע אימה, אַ פּחד באַפאַלט אים און דאָס אַלץ רייסט זיך אַרויס אין אַ יאָמער־

לעך געוויין, ווי מען באַוויינט אַ טויטן. דאָס וויינט דער מוסרניק אויף זיך אַליין: דאָס אייגענע טוט אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענטער און אַזוי ווייטער, יעדער איינציקער, וואָס קומט אַהער, און דאָס פינצטערע שטיבל ווערט פול מיט געוויין, מיט כליפּען און קרעכצן, אַז אַ שוידער נעמט דורך אַלע לייבער.

יעדער וויינט נאָך אַלץ פאַר זיך, אויף זיין בינטל עברות, וואָס ער האָט שוין אָפּגעטאָן, אָדער וואָס ער וועט נאָך ערשט טאָן. דער עקסטאַז פון תשובה און חרטה וואַקסט אַלץ מער, די מענטשן גייען אַלץ מער אַרויס פון די כלים און פלוצלונג ווערן אַלע אַנטשוויגן און הערן זיך צו. דער עלטסטער, אָדער אָנגעזעענסטער, וואָס איז דאָ צווישן עולם, רופט אויס אין דער הויך אַ פּסוק, אָדער אַ זאַץ, וואָס דאַרף רירן דעם עולם, ברענגען אים צו עקסטאַז, התלהבות, אימת הדין און אים נאָך מער אַרויסברענגען פון די כלים. אַזוינע פּסוקים אָדער זאַצן זיינען ניט שווער געווען צו געפינען. ס׳רוב האָט מען זיך באַנוצט מיט פאָלגנדע: „בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך לא יחסר״; „שוב יום אחד לפני מיתתך״; „דע לפני מי אתה עומד״; „והסירת לב אבן מנו״; „השיבנו ד׳ אליך ונשובה״ און ד״ג. דער צעווייטיקטער, אויפגעשרויפטער עולם כאַפּט אויף דעם פּסוק, אָדער דעם זאַץ און אַלע שוין אינאיינעם, מיט איין קול, מיט בכיות און יללות, חזרן אים אַזוי לאַנג איבער, ביז מען בלייבט ממש גאַנץ אָן כוחות. נאָך דעם ערשטן „פאַראַל״ גייט אַ צווייטער און אַ דריטער, אַלץ אויפן אייגענעם גאַנג, און אַזוי ציט זיך דאָס שעהן לאַנג. אויסלאָזן פלעגט מען געוויינלעך מיטן פּסוק: אנא ד׳ הושיעה נא, און ערשט נאָך דעם פלעגט אַוועקגיין אַ מעריב, ווי יום־כפור. אָפּטמאָל — דערהויפּט מוצאי שבת אָדער ערב ראש חודש, פלעגט ר. י. ס. אָדער — שפּעטער — איינער פון די אָנגעזעענסטע מוסרניקעס, „זאָגן״ מוסר פאַר די צונויפגעקומענע. די דאָזיקע דרשות זיינען באַשטאַנען פון פּשוטע רייד, אָן דרוש, אָן פּלפּול, נאָר פון איינפאַכע אָבער מאוימדיקע ווערטער, וועלכע האָבן אָנגעטראָגן אַ גרויסע אימה אויפן עולם און נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן די יללות.

.5

פאַרשיידענע פראָבן זיינען שפּעטער געמאַכט געוואָרן, כדי צו געפינען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אַ מין לערע, וואָס זאָל זיך

לאָזן פאַרגלייכן מיט דער פונם מוסר. מען האָט געוואָלט ניט אַנדערש, ווי אַ פילאָזאָפישן הינטערגרונט שאַפן פאַר דער באַוועגונג, אָדער אַרייַנלייגן אינם מוסר אַ מין לעבנסשאַפנדע פילאָזאָפיע. אייניקע האָבן געוואָלט זען דערין אַ מין אָפּקלאַנג פון די ענגליש־אַמעריקאַנישע מוסר־חברות, וועלכע זוכן צו פאַרשטאַרקן די זיטלעכקייט אין די מענטשלעכע האַנדלונגען בנוגע צו דער אַרומיקער וועלט; ס'זיינען געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן די „מוסרניקעס" — אַזוי רופט מען ר. י. ס. אָנהענגער — געוואָלט פאַרגלייכן מיט די אַמאָליקע ציניקער, וואָס דער הויפט־מאָמענט אין זייער לערע איז באַשטאַנען אין אויפטרעטן קעגן די אָנגענומענע לעבנס־פאָרמען, און דריטע האָבן נאָך געוואָלט זען אינם „מוסר" אַ שלעכט פאַרשטאַנענעם „טאָלסטאָאיזם". אין אמתן אָבער לאָזט זיך אָט די לערע ניט פאַרגלייכן מיט קיין אייניציקער פון די אויבן־דערמאָנטע שיטות. דאָס איז ניט קיין „עטיק דעס יודענטומס", ווייל דאָס יידנטום איז דורכגעדרונגען מיט אַן אָפּטימיסטישן קוק אויפן לעבן; „ובחרת בחיים" איז איינע פון די העכסטע געבאָטן אין יידנטום; דאָס איז ניט דער ענגליש־אַמעריקאַנישער מוסר — ווייל דער מוסר וויל עטיש נאָרמירן די מענטשלעכע באַציאונגען, בעת די איינציקע נאָרמע פון ליפּקינס מוסר באַשטייט דערין: ניט צו שטיין אין קיין שום באַציאונגען מיט דער אַרומיקער וועלט, אויסמיידן געזעלשאַפטלעכן פאַרקער אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגלעך; די ערשטע האָט אַ סאָציאַלע טענדענץ, די לעצטע — אַן אינדיווידועל־סוביעקטיווע. נאָך ווייניקער קאָן מען אָנמעסטן צו זיי דעם אַלט־גריכישן ציניזם; די לעצטע זיינען געווען רעוואָלוציאָנערן קעגן געטער און געזעלשאַפט, דאָס איז געווען אַ מין „אַנאַרכיזם" — אום עס מיט אַ מאָדערנעם וואָרט צו באַצייכענען. כדי גליקלעך צו זיין אין לעבן — האָבן זיי געזוכט זיך צו באַפרייען פון אַלץ. איך דאַרף אַלץ אויסנוצן אָבער קיין זאַך ניט ווען, ווייל דאָס שטערט דאָס גליק: באַפרייאונג פון שמערץ, פון טרויער, פון שרעק, פון באַדערפעענישן, פון ליידנשאַפטן, פון זאָרג אד"גל. און לעבן נאָר מיט זיך, נאָר אינם איצטיקן מאָמענט; אָבער אַלץ דאָך נאָר פון דעם לעבן־וועגן. בעת די מוסרניקעס האָבן געזוכט גלייכגילטיק צו זיין צו ליידנשאַפטן און באַדערפעענישן, ניט כדי אויף דער וועלט גליקלעך צו זיין, נאָר כדי אומגליקלעך צו זיין, כדי זיך דאָס לעבן צו פאַרדאַרבן און דערמיט מיט יענער־וועלט זיך צו באַזאָרגן. פון דער צינישער פילאָזאָפיע קאָן ביי די מוסרניקעס

קיין רייד ניט זיין, פונקט ווי פון טאָלסטאָאיזם. שוין זייער פּאָזיטיווע באַציאונג צו אַלע נאָרמען און באַשטימונגען, וואָס נעמען זיך פון יעדער רעגירונגס־מאַכט קלעקט, כדי נישט צו זוכן אין זיי קיין טאָלסטאָאישע געדאַנקען. אַחוץ דעם, וואָס זיי האָבן קיין שום שייכות נישט צו דער טאָלסטאָאישער פילאָזאָפיע, זיינען זיי אויך דער היפך פון טאָלסטאָיס פּראַקטיק. וואָרעם בעת ער וויל פאַראיינפאַכן דאָס לעבן כדי דעם גן־עדן פונעם הימל אויף דער ערד אַראָפּצונעמען, האָבן די מוסרניקעס געוואָלט דעם גיהנם אויף דער ערד איינפלאַנצן, דאָ אָפּצוקומען און דאָס גאַנצע לעבן זאָל נאָר זיין אַ הכנה צום טויט.

דער לעצטער געדאַנק איז אויך ניט ניי. און דער אַלטער, ווי אין דער מיטלאַלטערלעכער, יידישער ליטעראַטור געפינען מיר אַזוינע געדאַנקען און „אויסזאָגן" לרוב. אָבער בעת אין אַלע צייטן זיינען אַזוינע מיינונגען פאָרגעלייגט געוואָרן, ווי אַ באַפּוצונג צו יראת שמים האָט דאָס ליפּקין (ר׳ ישראלס פאַמיליען־נאָמען) געמאַכט פאַרן צענטער אין יידנס לעבן און טאָן.

דערפאַר, אויב שוין יאָ פאַרגלייכן, קאָן מען דעם מוסר פאַרגלייכן נאָר מיטן מיטלאַלטערלעכן קאַטוילישן אַסקעטיזם און רעליגיעז־פּעסימיסטישן מיסטיציזם.

דער מוסרניק איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרמרהשחורהט; אין האַרצן שטענדיק געטראָגן די אימה פאַרן יום־הדין, תמיד געשפּירט, ווי „אַ שאַרפע שווערד ליגט אים אויפן האַלדז". דער מוסרניק, וואָס האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן צום מוסר, האָט זיך כמעט לחלוטין אָפּגעזאָגט פון דער וועלט: דער סוחר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געשעפט. העכסטנס זיך פאַרנומען דערמיט נאָר כדי חיונה האָבן; דער למדן — האָט מורא געהאַט אַ רב צו זיין, טאָמער וועט ער נכשל ווערן אין אַ שאלה; דער קלויזניק האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרנעמען אַפילו מיט לערנען, טאָמער איז ער ערגעץ טיף אין האַרצן אויסן דערמיט אַ שטיקל גאווה.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס ר׳ י. ס. האָט אין דער טעאָריע ניט פאַרלאַנגט, אַז מענטשן זאָלן אַנטלויפן פון לעבן, זאָלן לעבן נאָר פאַר זיך, פאַר דער לייטערונג פון דער אייגענער נשמה; זיין שיטה האָט געמוזט פירן צו אַ מאָנאַכנטום, צו אַסקעטיזם און אין דער לעצטער ענדע — צום חורבן פון לעבן און ניט צו זיין אַנטוויקלונג. ער אַליין, ניט קוקנדיק דערויף,

וואָס ער איז געווען קעגן אָפּזונדערונג פון מענטשן, האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין קאָוונער פעריאָד אָנגעהויבן לעבן אין התבודדות אין אַלעקסאָט, אויף יענער זייט ניעמאַן. נאָר צען פון זיינע תלמידים פלעגט ער פון צייט צו צייט אָננעמען און אין בין־השמשות פלעגט ער דרשנען פאַר זיי און אויסגיין פון געוויין בשעתן שרייען מיט קולות איינעם אָדער דעם אַנדערן פון די שוין פריער דערמאָנטע פסוקים.

און ער אַליין איז געקומען דערצו, אַז אין יאָר 1857 איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן אויף אַ נערוון־קראַנקהייט און האָט געמוזט אָוועקפאָרן זיך היילן קיין האַלבערשטאַדט און פון דאָרט קיין מעמעל און קעניגסבערג, וואו ער איז אַ צייט לאַנג געבליבן.

.6

אין קאָוונע, ווי מיר זעען, האָט ער פיל אויפגעטאָן פאַר זיין שיטה, געפונען פיל שטיצער און אָנהענגער. עס לאָזט זיך, נאַטירלעך, ניט אָפּ־שאַצן וויפיל מער ער וואָלט אויפגעטאָן, ווען ער וואָלט ניט שוין כמעט פון אָנהויב אָן זיך געווען אָנגעשטויסן אָן פאַרשיידענע שטערונגען.

שוין זיין ערשטער אויפטריט מיט זיין שיטה, די ערשטע פּראָבן, וואָס ער האָט געמאַכט, האָבן געבראַכט די גרעסטע ליטווישע גאונים אין יענער צייט אַרויסצוטרעטן קעגן אים. אַלס קעגנער זיינע טרעפן מיר: רבי יצחק אביגדור און רבי ליב שאַפּירא פון קאָוונע; רבי יהושע העשל יאַנאָווער, רבי אברהם שמואל ראַסיינער, רבי מרדכי בייסקער און איי־ניקע אַנדערע, וועלכע האָבן ענערגיש געקעמפט קעגן דער שיטה פון מוסר. זיי האָבן געקוקט אויף דעם קאַמף ווי אויף אַ מלחמת־מצווה, מורא האָבנדיק, אַז דערפון זאָל זיך מיט דער צייט ניט אַנטוויקלען אַ נייע סעקטע אין יידנטום.

און עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז נאָכדעם ווי רבי ישראל סאַלאַנטער האָט געענדיקט זיין דרשה אין מוסר־שטיבל, פלעגט איינער פון די רבנים, זיינע קעגנער, זיך שטעלן דרשנען קעגן אים. ווי וויכטיק די רבנים האָבן געהאַלטן דעם קאַמף קעגן דעם „מוסר" באַווייזט אַ פאַקט, וועלכן רבי ישראל סאַלאַנטער האָט אַליין דערציילט:

רבי יהושע, סאַלאַנטער רב, האָט פאַרן טויט מפשפש במעשיו געווען און מיט טרערן זיך געפרעגט: מיט וואָס האָט ער פאַרדינט עולם־הבא?

צום סוף האָט ער זיך באַרואיקט און געזאָגט: „איך האָף, אַז דער זכות פון מיין קאַמף קעגן די מוסרניקעס וועט מיר אויף יענער־וועלט ביישטיין".

דאָס אויפטרעטן פון ר' י. ס. מיט זיין מוסר האָט אויך געבראַכט דער־צו, אַז די רבנים האָבן אָנגעהויבן אָפט דרשנען אין די קלויזן — וואָס עס האָבן ביז דעמאָלט נאָר די מגידים געטאָן. אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך מכין געווען צו רבנות, פלעגט זיך אין דער אייגענער צייט פיל אָדער ווייניקער אינטערעסירן מיט דרוש אויך; קיין גרויסעס איז אָבער דערפון ניט אַרויסגעקומען.

רבי ישראל סאַלאַנטער האָט זיך אָבער ניט געשראָקן פאַר דער התנגדות, וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוויזן. ער האָט ערנסט און ערלעך געמיינט זיין זאַך, און פרייוויליק האָט ער צו זיך מענטשן צוגעצויגן. קיין רבנישע שטעל האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען; אַפילו בעת מען האָט אים פאַרגעלייגט אַזוינע רבנותן ווי קאָוונער און סואוואַלקער, האָט ער זיך אויך אָפּגעזאָגט דערפון. זיינענדיק אומאָפּהענגיק פון מענטשן, האָט אים אויך קיינער ניט געקאָנט צווינגען זיין אַרבעט אויפצוהערן. אָבער אויך פּרינציפּיעל האָט ער, לויט זיין שיטה, קיין רב ניט געקאָנט ווערן, ערשטנס דערפאַר, ווייל ער וואָלט דערמיט אויסגענוצט די „הייליקע תורה" צו מאַטעריעלע נוצן, און צווייטנס — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט צוטרויען, אַז ער, אַ שטיקל בשר ודם, זאָל זיך דערלויבן אַרויסצו־זאָגן זיין מיינונג וועגן אַ דין, ביי וועלכן ס'זיינען געווינלעך דאָ פאַרשיידענע מיינונגען, און פסקענען אַ שאלה... ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער „נכשל ווערן אין אַ דבר הלכה".

אַגב האָט ער ניט געקאָנט זיין צוגעבונדן צו איין אָרט, צו איין שטאָט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ס'איז אים באַשערט עפּעס אויפצוטאָן אין יידנטום און פאַרן יידנטום, וועט ער דאָס נאָר דאַן דערגרייכן, ווען ער וועט אַזוינע מוסר־שטיבלעך ווי די קאָוונער, גרינדן אין וואָס מער שטעט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּרייסישע יידנטום האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף די ליטווישע יידן, און קוים איז אים נאָר אַ ביסל בעסער געוואָרן, האָט ער זיך פאַרגענומען אויך אין די פּרייסישע גרענעץ־שטעט דעם „מוסר" צו פאַרשפּרייטן.

שוין אין יאָר 1858 געפינען מיר ר' י. ס. אין קעניגסבערג, באַמיענדיק זיך איבער זיין זאַך אינאיינעם מיטן דאָרטיקן באַרימטן ראַבינער, רבי

יעקב הירש מעקלענבורג. דאָ איז אים געלונגען צו געפינען אָנהענגער צווישן דער סטודענטנשאַפט, פאַר וועלכער ער פלעגט יעדן אָוונט פאַר־טראָגן תנ״ך אָדער גמרא אין זיין גייסט. מער ווי אין קעניגסבערג האָט ער פאַרבראַכט אין מעמעל. דאָ האָט ער געפונען אַ רייכע אויפנאַמע און ברידערלעכע זאָרג פאַר זיך אין הויז פונם סוחר רבי אליהו בער פישל. דאָ האָט ער אויך געגרינדעט אַ מוסר־שטיבל, געהאַט אַן אייגענעם מנין, און האָט פאַרפלאַנצט אַ „קבוץ" פון יונגעלייט, פרושים, וואָס זאָלן זיצן און לערנען. כדי ער זאָל דאָ פרייער קאָנען אַרבעטן, איז ער געוואָרן אַ פּרייסישער אונטערטאַן, און כדי אויסערלעך ניט אָפּצושטויסן פלעגט ער זיך דאָרט קליידן מעשה „דייטש". ער האָט שוין אין מעמעל פיל אויפ־געטאָן אין דער אָרדענונג פון דער יידישער געמיינדע. אין יאָר 1861 הויבט ער דאָ אָן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט „התבונה", פון וועלכן ס'זיינען אַרויס נאָר 12 נומערן. דאָס וואָכנבלאַט לאָזט זיך אין קיין פּרט ניט פאַרגלייכן דערמיט, וואָס מיר זיינען געוואוינט אָנצורופן מיטן דאָזיקן נאָמען: אַ וועכנט־לעך פאַריאָדישער זשורנאַל. קיין צייט־פראַגן זיינען דאָ ניט באַרירט גע־וואָרן, קיין דברי חול זיינען ניט געבראַכט געוואָרן. דאָ זיינען געדרוקט געווען פאַרשיידענע שאלות און תשובות וועגן פאַרשיידענע רעליגיעזע פראַגן, און די גרויסע גאונים פון יענער צייט האָבן זיך דערין באַטייליקט. כמעט אין יעדער נומער קומט אַ שטיקל „חדושים" פון רבי ישראל סאַלאַנט וועגן דרוש און חקירה, וואָס האָט אַ שייכות צו מוסר.

מיט קעניגסבערג און מעמעל האָט ער זיך אָבער ניט באַגנוגנט. ער האָט אויך אין טילזיט געווירקט. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט געלעבט אין פראַנקפורט, אין האַלבערשטאַדט און אין בערלין, אומעטום געפינט ער פריינט און פאַרערער, אומעטום פרואווט ער זיין ווערק אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן צו לאָקאַליזירן.

פון דאַנען שרייבט ער אין בריוו קיין קאָוונע און שטאַרקט זיינע מקורבים, אַז זיי זאָלן ניט אָפּלאָזן די הענט און ווירקן ענערגיש אינם ענין פון מוסר. ווי עס איז צו זען פון איינעם פון אָט די בריוו, האָט זיך שוין אין קאָוונע באַמערקט אַן אומצופרידנקייט מיט די מוסרניקעס; מען האָט געטענהט קעגן זיי, אַז זיי זיינען גרויס־האַלטער, בעלי־גאווה, און ערלעכע מוסרניקעס האָבן זיך דערום אָנגעהויבן מרחיק צו זיין פונם מוסר.

בנוגע דערצו שרייבט ער אין איינעם פון זיינע בריוו:

„...דו שרייבסט: מען האָט פיל געטאָן און גאָרניט אויפגעטאָן, מען האָט נאָר געבראַכט צו חילול השם, דערפאַר וויל איך ניט אָנהויבן צו טאָן אין אַ זאַך, וואָס איז ניט נאָך מיינע קליידער נאָך". דערין וועל איך זיך מתוכח זיין מיט דיר. די וועלט האָט אַ טעות, ווען זי האַלט דאָס מוסר־לערנען אין אַ באַזונדער מוסר־שטיבל פאַר אַ מין „מדרגה"; דערפאַר, זעענדיק, ווי איינער גייט אין מוסר־שטיבל טייטלט מען אויף אים מיט די פינגער און מען זאָגט: איר זעט אַ ביסל דעם צדיק? אָדער: דאַכט זיך אַזאַ קדוש, פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן דאָס און דאָס... דאָס איז אָבער אַ טעות. דאָס איז ניט קיין מעלה, ניט קיין מדרגה און ניט קיין חסידות; דאָס איז נאָר אַ נויטיקע רפואה פאַר אַ געפערלעך קראַנקן, צו גיין אַהין אויסגיסן דאָס האַרץ אין מוסר־לערנען — אפשר וועט ער דער־מיט אונטערדריקן דעם יצר־הרע. ניטאָ דערביי, וואָס צו קוקן אויף חלול השם, און וויל איינער, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין חלול השם, מוז ער זען נאָך מער צו היטן די תורה און די מצוות אָבער ניט וויניקער זיי צו היטן. אין אמתן איז דאָס ניט מער ווי אַ תאווה־זאַך — ס'ווילט זיך ניט דעם מענטשן, אַז אַנדערע זאָלן לאַכן פון אים, שטעלט ער אַרויס דאָס כשרע פיסל און פאַרשלייערט דאָס אין אַ פרומען מאַנטל".

וועגן דעם אייגענעם ענין, אויפן אייגענעם שטייגער, רעדט ער נאָך אין אַנדערע בריוו אויך; ער מונטערט אויף די פעאיקע פון זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן זיין מענטשן, כדי זיי זאָלן קאָנען ווירקן און העלפן אַנדערע; זיי זאָלן אָבער שטענדיק קוקן אויף זיך ווי אויף יונגעלייט, וועלכע דאַרפן זיך נאָך לערנען. ער זאָגט זיי אויך אָן ניט צו זיין קיין קפדנים און עקשנים.

בשעת ס'איז אין רוסלאַנד אין די 60קער יאָרן געווען אַ כאָלערע, האָט ער ניט פאַרגעסן צו שרייבן צו זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן ניט פאַרברענגען די ימים־נוראים אין עצבות. „מען דאַרף ניט וויינען בעת גאָט העלפט, אַז אַ געליבטער מענטש ווערט פטור פון דער וועלט, פונם נאַרישן לעבן און דערנעענטערט זיך צום ציל".

אין אַזוינע פרטים איז ער געבליבן דער אייגענער מענטש, וואָס ער איז געווען פריער, זייענדיק נאָך אין ווילנע. אין מעמעל דערציילט מען, אַז אַמאָל האָט ר' י. ס. יאָרצייט געהאַט נאָך זיין פאָטער. קומענדיק אין קלויז אַריין האָט ער געטראָפן אַ יידן (יצחק איזאַקסאָן־פאַקער), וועלכער האָט דעם אייגענעם טאָג יאָרצייט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, וועלכע איז

געשטאָרבן אָן קינדער. ר׳ י. ס. האָט פאַרשטאַנען דעם צער פון יידן דערויף, וואָס ער וועט ניט קאָנען זאָגן קיין קדיש נאָך דער טאָכטער און האָט אים אָפּגעטרעטן דעם קדיש־יתום.

יענע, וואָס האָבן זיך געוואונדערט דערויף האָט ער געענטפערט:

— נו, האָב איך מיטן טאַטנס קדיש געטאָן אַ גמילת־חסד פאַר זיין נשמה... ווי פריער אַזוי אויך איצט האָט ער זיך אויפמערקזאַם צוגע־הערט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געהערט און געזען, דערפון אָפּצו־לערנען וואָס עס איז. אַזוי דערציילט מען, אַז שוין אויף דער עלטער איז ער אַמאָל שפּעט ביינאַכט פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ קליין שטיבל, וואו ס׳האָט געצאַנקט אַ ליכטל. ער איז אַריינגעגאַנגען און געטראָפן אַ שוסטער ביי דער אַרבעט.

— וואָס זיצסטו נאָך אַזוי שפּעט? ביסט דאָך געוויס מיד, דאָס ליכטל וועט אויך באַלד אויסגיין, גיי בעסער שלאָפן! — וואָס זאָל מען טאָן, רבי — האָט אים דער שוסטער געענטפערט — ווי לאַנג דאָס ליכטל ברענט מוז מען אַרבעטן, קאָן מען נאָך וואָס עס איז אויפטאָן.

אָט די פשוטע ווערטער פונם פשוטן שוסטער האָבן אים באַלד אַרויפ־געפירט אויפן רעיון: אויב פונם גוף־וועגן מוז מען האָרעווען „ווי לאַנג דאָס ליכטל ברענט און מען קאָן נאָך וואָס עס איז אויפטאָן", הייגט ווי איז שוין פאַר דער נשמה! ווי לאַנג דאָס ליכטל, די נשמה, איז נאָך דאָ אין מענטשן, טאָר ער אַ מינוט ניט זיצן ליידיק אַאַז״וו.

און שטענדיק איז ער באַשעפטיקט געווען, תמיד האָט ער געלערנט און ס׳איז רעכט געווען טעגווייז פאַרפאַלן צו ווערן ערגעץ אין אַ גרויסער ביבליאָטעק, אָדער מאַכן לאַנגע נסיעות, כדי זיך אַ ניט קלאָרן ענין קלאָר צו מאַכן. עפּעס אַ פראַגע אין גינעקאָלאָגיע האָט אים אַמאָל געאַרט, האָט ער זיך מישב געווען מיט פיל מעמלער דאָקטוירים, זיי האָבן אים אָבער ניט צופרידנגעשטעלט; האָט ער זיך ניט געפוילט און געמאַכט אַ נסיעה קיין גאָרזדען; ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט איז דאָ אַ יידישער דאָקטאָר, יהודה אַרנסאָן, וועלכער האָט אַמאָל געלערנט גמרא און יענער — האָט ער געגלויבט — וועט אים בעסער פאַרשטיין.

זיין שטענדיקער וואוין־אָרט איז געווען דייטשלאַנד; קוים האָט מען אָבער געדאַרפט עפּעס טאָן, איז אים ניט שווער געווען אַריבערצופאָרן קיין רוסלאַנד: אָפּגעטאָן — און ווידער זיך אומגעקערט צוריק.

7.

ניט קוקנדיק אויף זיין שוואַכן געזונט און ניט אויף זיין אָפט אומ־קערנדער גייסט־קראַנקהייט, האָט דאָך דער מענטש ביזן לעצטן אָטעם־צוג זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידענע פּלענער — ווי אַזוי דאָס יידנטום צו שטאַרקן, און מיטלען — ווי אַזוי עס באַליבט צו מאַכן. ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק דעם תלמוד פּאָפּולער צו מאַכן אין פאָלק. טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל געבן יעדן איינציקן די מעגלעכקייט, אים צו לערנען און גרינג צו פאַרשטיין. פריער האָט ער זיך אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק: צו שאַפן אַ תלמודיש־יידישן ווערטער־בוך. ער האָט מיט פאַרשיידענע געלערנטע זיך מישב געווען דעריבער, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך פון דעם פּלאַן אָפּגעזאָגט, אום — אַ פיל שווערערן אונטערנעמען: מען זאָל דעם גאַנצן תלמוד איבערזעצן אין אַ גרינגערן העברעאיש, מיט אַ קורצן פירוש דערצו. צו דער אַרבעט האָט ער געוואָלט צונויפנעמען אַן ערך פון הונדערט מפורסמדיקע רבנים און יעדערער זאָל נעמען אויף זיך ביז דרייסיק בלעטער גמרא צו באַאַרבעטן. זיין געדאַנק איז עס אויך געווען, מען זאָל גאַנץ ש״ס אַרויסגעבן אין איין כרך, וואָס ס׳איז אויך ערשט פאַר עטלעכע יאָרן אויסגעפירט געוואָרן, און האָט קיין שום נוצן, נאַטירלעך, ניט געבראַכט. כדי באַקאַנט צו מאַכן די אומות־העולם מיטן תלמוד, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו קוקן קרום אויף אים און כדי ער זאָל דורך דעם געפינען חן אויך אין די אויגן פון דער יידישער יוגנט — האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע: צו פועלן ביי די פירער פון די אייראָפּעאישע בילדונגס־אַנשטאַלטן, מען זאָל לערנען תלמוד אין די מיטעלע און הויך־שולן. דער־צו האָט ער געמיינט — איז נאָך נויטיק אויסצואַרבעטן אַ „דאָקלאַדנאַיאַ זאַפּיסקאַ״, וואו ס׳זאָלן באַוויזן ווערן די מעלות, וואָס אַזאַ מין לימוד האָט אין זיך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. „זאָל זיין, אַז פאַר זיי — פאַר די קריסטן — האָט עס נאָר דעם ווערט פון אַן אַלטערטימלעכער קולטור; ס׳איז דאָך אָבער ניט ערגער, און פיל נוצלעכער, ווי דער לאַ־טיינישער און גריכישער קלאַסיציזם״. מיט פיל יאָרן שפּעטער האָט זיך דער בערלינער פּראָפעסאָר שטראַק אַליין דערטראַכט דערצו, און האָט די משנה באַאַרבעט פאַר דער הויך־שול און דערביי אויך אָנגעשריבן אַ מבוא צום תלמוד.

ער האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועלן די רבנים זיין קעגן דעם, צוליב דעם אָדער יענעם פּסוק, האָט ער פֿאַר זיי אויך צוגעגרייט אַ תּירוץ. אים איז געווען אַלץ איינס, אין וועלכער שפּראַך מען זאָל דעם תּלמוד אי־בערזעצן, אַבי ער זאָל נאָר איבערזעצט ווערן און זאָל זיין דער גאַנצער וועלט צוגענגלעך, כאָטש בכלל האָט ער פֿון איבערזעצונגען ווייניק גע־האַלטן.

אין יאָר 1880, שוין אין טיפֿער עלטער, טרעפֿן מיר אים אין פּאַריז. ברידערלעכע זאָרג און אויפֿנאַמען האָט ער דאָרט געפֿונען ביים ד״ר שטערנ־היים — איינער פֿון זיינע בערלינער באַקאַנטע — אין הויז. פֿון איין זייט האָט ער דאָרט געזאָלט איינפּלאַנצן מוסר צווישן די רוסיש־פּוילישע יידן, וואָס וואוינען אין פּאַריז; פֿון דער אַנדערער — האָט ער געוואָלט געפֿינען גע־לערנטע, וואָס זאָלן אים באַהילפֿיק זיין אין איבערזעצן און פּאָפּולאַריזירן דעם תּלמוד. גאַנצע צוויי יאָר איז ער געבליבן אין פּאַריז, האָט דאָ אָבער קיין זאַך ניט אויפֿגעטאָן. פֿון זיין פּאַריזער נסיעה האָבן זיינע פֿריינט נאָר אַ פּאָר „מופֿתים״ געוואוסט צו דערציילן...

מערקווירדיק איז, וואָס זיין אָפּפֿאָרן קיין פּאַריז האָט אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנהייט אין רוסלאַנד, צווישן די משכּילימשע קרייזן. מיר געפֿינען, למשל, אין „השחר״ אַ שאַרפֿן אַרטיקל קעגן זיין נסיעה, אין וועלכן דער שרייבער — ישׂראל בערענשטיין — מאַכט אים די ביטערסטע פֿאָרוואורפֿן, פֿאַרוואָס ער וואַרפֿט אַוועק די ענינים פֿון די רוסישע יידן און גייט זיך אינטערעסירן מיט פֿרעמדע אינטערעסן. ער זאָגט ר׳ י. ס. מוסר און ווייזט אים אויף, אַז זיין בירגערלעכע פֿליכט איז עס צו אַרבעטן לטובֿת יענעם לאַנד, וואו ער איז געבוירן, געוואַקסן און גענאָסן פֿונם שוץ פֿון די געזעצן פֿון לאַנד, דערצו רעכנט ער אים אויס אַ גאַנצן צעטל פֿון אַרבעטן, וואָס נאָר ער קאָן זיי אָפּטאָן צום גוטסטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. אַחוץ דער גאַנצער תּמימות, מיט וועלכער דער גרויסער אַרטיקל איז דורכגעדרונגען, לאָזט ער אויך באַמערקן, אַז די דעמאָלטיקע משכּילים האָבן בכלל ניט געקענט ר׳ י. ס. ער האָט פֿאַר זיי נאָר עקזיס־טירט, ווי אַ שיינע לעגענדע, אָבער זיין רעאַלער וועזן איז פֿאַר זיי פֿרעמד געווען. ווי זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז דעמאָלט איז שוין געווען באַלד צוואַנציק יאָר, זינט ער איז געווען אַ פּרייסישער אונטערטאַן, אַזוי האָבן

זיי אויך קיין אָנונג ניט געהאַט דערפון, אַז דאָס רוב צייט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער שוין געווען ניט מער, ווי אַ שברי־כלי...

אין יאָר 1882 האָט ער זיך אומגעקערט פון פּאַריז קיין קעניגסבערג, וואו ער איז אינגיכן קראַנק געוואָרן און שוין געזונט ניט געוואָרן. בעת דער דאָזיקער קראַנקהייט איז עס פּאָרגעקומען, אַז ניט ווייט פון זיין בעט איז געהאַנגען אַן אַלטער זייגער, וועלכער האָט מוראדיק געקלאַפּט. די שטוב־מענטשן האָבן אים געוואָלט אַרויסטראָגן.

— וואָס ווילט איר? — האָט זיי ר׳ י. ס. געזאָגט — אַן אַלטער אָרע־מאַן איז קראַנק, וואָס מאַכט עס אויס, אַז אַ זייגער קלאַפּט אים אין די אויערן? אפשר וועט איר נאָך אויסשפּרייטן די גאַס ביים שטוב מיט שטרוי אויך?

אין יאָר 1888, 25 טעג אין שבט, איז ר׳ י. ס. געשטאָרבן. מאַטער־יעלע ירושה פאַר זיינע קינדער האָט ער איבערגעלאָזט — אַ גאַנץ אַלטן טלית און תפילין...

8.

זיינע נאָכפאָלגער.

דריי תלמידים חשובע האָט ר׳ י. ס. געהאַט: רבי יעקב יאָסעף, — וועלכער איז שפּעטער געווען שטאָט־מגיד אין ווילנע און אויף דער עלטער רב־הכולל אין ניו־יאָרק, — דער צווייטער ר׳ שמחה זיסל און דער דריי־טער — ר׳ יצחק בלאַזער. דער ערשטער האָט פאַרן מוסר ניט פיל אויפ־געטאָן, די לעצטע צוויי — זייער פיל. ר׳ שמחה זיסל איז אַליין געווען אַ קעלמער, פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע. אַ צייט האָט ער פאַרבראַכט אין קאָוונע אַלס מקורב צו ר׳ י. ס. שפּעטער, אין אָנהויב 70קער יאָרן, האָט ער זיך אומגעקערט קיין קעלם, געפּרואווט דאָרטן גרינדן אַ מוסר־שטיבל און ווירקן אויף די דאָרטיקע באַלעבאַטים — ס׳האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן. קעלם איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט מיט באַלעבאַטים לומדים, וואָס האָבן זייער גאַנץ וועלט געזען אין תלמוד און אין אַלטן יידנטום אָט־אַזוי, ווי דאָס איז געווען; פון נייע שיטות און תורות האָבן זיי ניט גע־וואָלט וויסן. די בעלי־מלאכות און געמיינע האַנדלס־לייט זיינען ס׳רוב געווען יודעי־ספר, האָבן אַפילו געהאַט צו ליידן פון דער גאווה, וואָס די באַלעבאַטים, די לומדים, האָבן פאַרמאָגט, זיי האָבן דאָס אָבער אָנגענומען

פאַר ליב — פון כבוד התורה־וועגן, — אויך זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו דער נייער תורה, וואָס רבי שמחה זיסל האָט אַראָפּגעבראַכט.

אין יענער צייט האָבן זיך אין קעלם אָנגעהויבן באַזעצן מענטשן פון פרעמדע שטעט. יידן מיטעלע, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַזוי פיל לערנען, ווי די היימישע באַלעבאַטים, זיינען אָבער געשטאַנען העכער פונם גע־מיינעם עולם און פון די בעל־מלאכות; זיי האָבן זיך אין קעלם געפילט זייער עלנט און אומצופרידן. אָט די יידן האָט רבי שמחה זיסל צוגעצויגן צו זיך, האָט זיי פאַראייניקט אין איין אגודה און ער איז געוואָרן זייער גייסטיקער פירער און הייליקער. און די פירונג איז געווען אַ גוט־יידישע. ר׳ ש״ז פלעגט אויך טרייסטן די „אומצופרידענע״, אַז דאָס לערנען אַליין איז נאָך ניט אַלץ — אויב ס׳איז דערביי קיין מוסר ניטאָ; פאַרקערט, דער אמתער מוסרניק, אַפילו, ווען ער קאָן ניט לערנען, נאָר זיין נשמה איז אַ געלייטערטע, שטייט ער אויף אַ העכערער מדרגה פון דעם למדן און גאון. אַלע שבת פלעגן זיך זיינע נייע אָנהענגער צונויפקלייבן צו אים צו שלש־סעודות, און ער פלעגט זיי אין בית־השמשות זאָגן תורה און מוסר.

און 12 אויסדערוויילטע זיינען געווען זיינע מקורבים — אין דער בחינה פון גוט יידישע „גבאים״; זיי פלעגן עס אומעטום פאַרשפרייטן דאָס גדלות און די קדושה פון זייער רבין און זיי פלעגן זיך עס אויך באַ־מיען צוצוציען נייע מענטשן צו זייער אגודה.

שוין אין יאָר 1874 האָט די נייע אגודה, אָדער כתה, געהאַט בכוח

אויסצובויען אַ גרויס הויז, מיט אַן אייבער־שטיבל. דאָס הויז האָט געזאָלט זיין פאַר רבי שמחה זיסלען. דאָס אויבער־שטיבל איז געווען אַ מין „קדשי־קדשים״, וואוהין ס׳האָט ניט יעדערער און ניט אין יעדער צייט געקאָנט אַריינקומען. זיי האָבן אויך צונויפגענומען אַ גרויסע ישיבה; דאָס לערנען איז דאָ אָבער געווען נאָר אַ נעבן־זאַך און דער עיקר — די מוסר־דיסצי־פלין, דאָס דאַווענען מיט התלהבות, די לייטערונג און דאָס הערן ר׳ ש. ז.ס דרשות.

אין גיכן זיינען די בעסערע בחורים זיך צעלאָפן פון דער ישיבה און אָנגעקומען אין דער ישיבה פון רבי אליעזר גאָרדאָן. (שפּעטער טעלזער רב). וואָס איז דעמאָלט אויך געווען אין קעלם. די שטאָט האָט פיינט געהאַט און ניט געשעצט די בחורים פון דער מוסר־ישיבה, דערום האָבן זיי

אין גיכן אַריבערגעפירט קיין גרעבין (קורלאַנד), וואו זי איז אין אַ קורצער צייט אַרום איינגאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן איז קעלם געבליבן נאָר אַ צענטער פאַר מוסר. אַחוץ דער קעלמער, היימישער אגודה, פלעגן זיך אַהין צונויפקומען ר' י. ס. אַנהענגער פון ליטע און זאַמוט, וועלכע האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגעשיידט פון דער וועלט און זיך איבערגעגעבן דעם מוסר. דאָרט האָבן זיי פון צייט צו צייט געהערט מוסר־רייד פון ר' ש. ז., געדאַוונט, געוויינט און בודק געווען די נשמה. אין קעלם האָט דער מוסר אָנגענומען מער פאָרם פון אַ סעקטע, ווי פון אַ פרייען פאַראיין — ווי דאָס איז געווען אין קאָוונע ביי די ערשטע מוסרניקעס. רבי ש. ז. האָט זיך פאַר דער פשוטער וועלט כמעט ווי ניט געוויזן, פון אים האָט מען נאָר מופתים דערציילט און לאָזונגען — וואָס נאָר די שטאַרק גלויביקע האָבן געקאָנט געפינען אין זיי אַ טיפן זין.

דאָ האָבן זיי אויך אָפּגעטראָטן פונם אַלגעמיינעם נוסח אינם דאַוונען פון פרייטאָג־צו־נאַכטס; „יום־כפור פלעגן זיי אָפּפאַסטן באַלד נאָך נעילה, פאַר מעריב, און שבת האָבן זיי געדאַוונט מוסף ערשט נאָך מיטאָג־עסן", און דאָס גלייכן קליינקייטן. ווייל פון די אַלע „רעפאָרמען" האָבן געוואוסט נאָר אייגענע מענטשן, דערפאַר איז עס ניט אַזוי גיך מפורסם געוואָרן אויף דער וועלט און די רבנים האָבן ניט „מרעיש עולם" געווען וועגן דעם.

קעלם איז אַלזאָ געוואָרן דער גאָרטן, וואו די ערשטע מוסר־פּירות זיינען געוואַקסן. פון דאַנען האָט מען זיי אין גיכן איבערגעטראָגן און פאַר־פלאַנצט אויך אין אַנדערע שטעט — וואו זיי האָבן געהאַט אַ גינסטיקן באָדן צו וואַקסן און צו פאַרשפּרייטן דעם שאָטן זייערן אויף ברייטע פלע־צער אַרום — אָבער נישט אויף לאַנג און נישט זייער טיף. וואָרעם די תשוקה צום לעבן און צו וויסנשאַפט, וואָס איז געגוג מעכטיק געווען צווישן יידן אין דער לעצטער העלפט פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז שטאַרקער געווען פון ר' ישראל סאַלאַנטער און פון זיינע נאָכפאָלגער. ניט די התנגדות, וואָס זיי האָבן באַגעגנט צווישן די רבנים, האָט פאַראַליזירט זייער טעטיקייט און זייער ווירקונג; ניט די משכילים, וואָס האָבן שפּע־טער געקעמפט קעגן זיי, האָבן דעם מוסר באַקעמפט — אַ מעכטיקער שונא האָט זיך אים געשטעלט אַנטקעגן: דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג אין דעם יידישן באַלעבאַטישן קלאַס און אין דער קלויז־יוגנט האָט געשטערט דעם מוסר־גייסט אַריינצודרינגען טיף אין די הער־

צער. דאָס מוסר־שטיבל איז געווען, ווי אַ פּאַר־שטוב פאַר יענער וועלט: פאַרן גיהנום, צי פאַרן גן־עדן — אַלץ איינס. און דער מענטש, וואָס האָט ערנסט געטראַכט צו לעבן, איז מיט אַ שוידער פאַרבייגעגאַנגען דאָס מוסר־שטיבל, און עס אויסגעוויכט.

ר׳ י. ס. האָט געוואָלט ווירקן דערהויפּט צווישן באַלעבאַטים, כדי זיי זאָלן ווירקן אויף זייערע קינדער — דערציענדיק זיי אין יידישקייט און אויסמיידן די געפערלעכע בילדונג. דאָס האָט זיך שוין אים אַליין ניט איינגאַנצן איינגעגעבן — זיין אייגענער זון האָט אים פאַרלאָזן און זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפט. נאָך ווייניקער האָט זיך דאָס איינגעגעבן זיינע נאָכפאָלגער; ווי אַ שרעקנס־בילד האָבן זיי געווירקט אויף דער סביבה, און קודם־כל האָבן זיי אַזאַ ווירקונג געהאַט אויף זייערע אייגענע קינדער. וואָס אמתער, וואָס ערנסטער און ערלעכער דער אָדער יענער פון זיינע נאָכפאָלגער איז געווען — אַלץ ווייניקער איז ער אימשטאַנד געווען צוצוציען מענטשן אין זיין קרייז און ווירקן אויף זיי מיט זיין שיטה. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די קינדער כמעט פון אַלע, מער אָדער ווייניקער אָנגעזעענע, מוסרניקעס, וועלכע האָבן נאָר געהאַט וועלכע עס איז פעאיקייטן, זיינען אַנטלאָפן פון יידנטום פיל ווייטער, ווי די קינדער פון מיטעלע יידן. אַ שטיקל סיבה דערצו איז געווען דאָס, וואָס זייענדיק פאַרנומען מיט דעם אייגענעם „איך" און מיט זיין לייטערונג, האָט דער מוסרניק זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן מיט דער דערציאונג פון זייטיקע מענטשן — זיינע קינדער. די גאַנצע סיבה אָבער איז געווען, וואָס ער אַליין, אַלס מוסטער פון אַ לעבעדיקן מענטשן, האָט געמוזט אָפּשטויסן פון זיך.

דערצו האָט נאָך ר׳ י. ס. ניט ווילנדיק און ניט וויסנדיק, ווי מיט אַ כוונה צוגעגרייט אַ באָדן פאַר זיינע נאָכפאָלגער, וועלכער זאָל זיי פירן צו דער ענדגילטיקער מאָראַלישער אויסראַטונג — דאָס איז געווען אַ געלט־באָדן.

9.

אין יאָר 1877 אָדער 1878 האָט זיך געפונען אין בערלין אַ גביר, לאַכמאַן, וואָס האָט געשענקט 10,000 מאַרק אויף צו שטיצן יונגעלייט, וואָס ווילן זיצן און לערנען און זיך מכין זיין צו רבנות. דאָס געלט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון קאָוונער רב, רב יצחק אלחנן, און די

שטיצע האָט באַדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן יענע יונגעלייט, וואָס האָבן אין קאָוונע געלערנט. ר׳ י. ס. און רבי יצחק אלחנן האָבן זיך ערנסט גענומען אויסצונוצן דאָס געלט צו זיין באַשטימטן צוועק. לאַכמאַן האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט דער דערמאָנטער סומע און האָט אויך שפּעטער געשטיצט די יונגעלייט מיט גרויסע סומעס. אַחוץ דעם, האָט ער באַשטימט זיינס אַ גוט אין פּוילן, פון וועלכער דער גאַנצער ריווח זאָל גיין אויף צו שטיצן יונגעלייט, וואָס ווילן ווערן רבנים. קוים האָבן די מוסרניקעס דערשמעקט דעם ריח פון געלט — האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פון קעלם קיין קאָוונע. דאָ האָבן זיי זיך באַמיט, און עס איז זיי אויך געלונגען, אַזוי אָדער אַנדערש, צו האָבן אַ שייכות מיט די יונגעלייט, וואָס מען האָט געשטיצט פון לאַכמאַנס פאָנד, און איינפלאַנצן אין זיי מוסר. וואָס פרימער אַלץ מער יחסן, וואָס מער יחסן — מער שטיצע, און שוין די ערשטע יונגעלייט האָבן אינגיכן זיך אָנגעהויבן צו פירן אויף אַ משונהדיקן שטייגער: זיצן דעם גאַנצן טאָג אין טלית און תפילין, ניט ריידן קיין דברי חול, אָדער גאַנצע טעג גאָרניט ריידן; אַנשטאָט צו לערנען — האָבן זיי די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין מוסר און אין „קדושה״. ר׳ י. ס. און ר׳ י. א. האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אָט־די יונגעלייט; און אין יאָר 1879 זעען מיר ר׳ י. א. אינאיינעם מיט ר׳ י. ס. פאַרנעמען זיך צו גרינדן אַ כולל פון פרושים.

אין יאָר 1881 איז דערשינען אַ חבור — אַן אויפרוף פון ר׳ י. ס. און ר׳ י. א., וואו דיביידע גאונים דערקלערן די וויכטיקייט פון שטיצן די תורה און יענע, וואָס זיינען זיך מוסר נפש פון אירטוועגן. משולחים האָבן אָנגעהויבן אַרומפאָרן אין איירָאָפּע, אַזיע און אַמעריקע צו זאַמלען געלט, אויף צו שטיצן די „פרושים״, וואָס האָבן קבוצימווייז געלערנט אין פאַרשיידענע שטעט אין דער ליטע, אונטער דער השגחה פון די דאָרטיקע רבנים. שטיצע האָבן זיי אַלע באַקומען פון איין צענטער, פונם כולל, וואָס איז געווען אין קאָוונע אונטער דער אויבער־השגחה פון רבי יצחק אלחנן.

פון אויבנאויף קוקנדיק, האָט די נייע אַנשטאַלט, דוכט זיך, גאָרניט געהאַט קיין שייכות צו די מוסרניקעס און ניט צו זייער שיטה און שטייגער, אין אמתן אָבער איז דאָס ניט אַזוי געווען. אין אָנהויב פון די 80קער יאָרן, בעת דער כולל פון פרושים האָט אָנגעהויבן אויפבליען, האָט ר׳ י. סאַלאַנטערס אַ נאָענטער תלמיד און אָנהענגער, רבי יצחק בלאַזער, אָוועקגעוואָרפן פּע־

טערבורגער רבנות און זיך באַזעצט אין קאָוונע. אַ ביסל אין זכות פון זיין רבין, אַ ביסל צוליב זיינע אייגענע גאונות, און דערהויפּט צוליב דער צוטרויִלעכקייט און ווייכקייט פון רבי יצחק אלחנן — איז עס בלאַזערן געלונגען, זיך צו באַטייליקן אין דער פירונג פון פּרושים־כולל. אומבאַמערקט האָט ער דאָך באַקומען די גרעסטע ווירקונג אויף די פּרושים — און זיי אָפּהענגיק געמאַכט פון זיך. זיין עובדא איז געווען: ביים אָנקומען פון אַ יונגנמאַן צו ווערן אַ פּרוש, צו ריידן מיט אים אין לערנען, אָפּשאַצן זיין וויסן און פעאיקייטן און לויט דעם — אים באַשטימען אַ גרעסערע אָדער קלענערע שטיצע (פון 3 ביז 10 רובל אַ חודש); פון בלאַזערן איז אויך אָפּגעהאַנגען צו העכערן די שטיצע נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן, האָט שוין אָפּגעלערנט אַ געוויסע צייט.

אָן אויבערפלעכלעכע השגחה, אַזוי זיך כלומרשט דרך־אגב, האָט געהאַט אויף די פּרושים אַ פּשוטער ייד, רב יהושעלע צאַדיקאָוויץ, אויך אַ מוסרניק. דערצו איז נאָך דער אייגענער צאַדיקאָוויץ געווען דער קאַסיר — פון זיין האַנט האָבן די פּרושים געהאַט צו באַקומען זייער מאָנאַטלעך געהאַלט, אַמאָל אויך אַ גמילות־חסד. ער פלעגט דאָס אויך זיין דער מליץ־טוב, אָדער פאַרקערט, פאַרן פּרוש, בעת ער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים די שטיצע העכערן. דער הויפּט־קאַסיר, אַ גביר אין שטאָט, רבי ברוך ברוידאָ, איז געווען אַ מוסרניק און די עטלעכע יידן, וואָס פלעגן זיך אַמאָל באַטייליקן אין די באַראַטונגען וועגן ענינים, וואָס זיינען נוגע געווען דעם כולל, זיינען אָדער געווען עפנטלעכע מוסרניקעס, אָדער זיי האָבן שטאַרק נוטה געווען צו זיי. אין יעדער קלויז, וואו די פּרושים פלעגן לערנען — און געלערנט האָבן פּרושים אין אַלע קאָוונער קלויזן — האָבן זיך שטענדיק געפונען אַ פּאָר אַלטע וועטעראַנען, פּרושים־מוסרניקעס, וואָס זיינען אין אַ געוויסן זין געווען פּריוואַטע משגיחים אויף די פּרושים מצד זייער פרומקייט. מען האָט פון קיינעם ניט געפאָדערט, אַז ער זאָל גיין אין מוסר־שטיבל, אָדער שבת־צו־נאַכט צו ר׳ י. בלאַזער צו הערן מוסר; די וועטעראַנען פלעגן נאָר, ווי מען זאָגט: „אָנקלאַפּן אויפן קריגל״, „דורכטאַפּן״ די יונגעלייט דורך רייד און געוואָר ווערן, ווער פון זיי ס׳איז נוטה צו מוסר און ווער ניט. דאָס פלעגט איבערגעגעבן ווערן בלאַזערן. קיין אויסרייד האָט ער קיינעם ניט געמאַכט. אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז די פּרושים־מוסרניקעס זיינען אים מער וואויל געפעלן, ווי די ניט־מוסרניקעס; אַז

די ערשטע באַקומען גרעסערע — און גאַנץ אָפט גאָר גרויסע — שטיצע פון כולל. דאָס דחקות, אין וועלכן די פרושים האָבן געלעבט, איז געווען אומגעהויער גרויס. קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס ס'האָט זיך ביסלעכוויין אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צביעות צווישן די פרושים. פיל האָבן זיך פאַר־שטעלט פאַר מוסרניקעס — כאָטש אין האַרצן האָבן זיי דערפון ניט געהאַלטן. פיל יונגעלייט, וואָס האָבן קיין חשק ניט געהאַט צו לערנען, האָבן געזוכט יוצא צו זיין מיט אַ מוסר־ספר, מיט אַריינגיין אָפטער אין מוסר־שטיבל און דאָס האָט פאַרדעקט אַלצדינג. פאַר רבי יצחק אלחנן האָבן זיי ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן: אַלע האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז ניט ער איז דער מענטש, וועלכער זאָל וועמען עס איז רודפן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך זיין קוק אויף רעליגיאָן־פראַגן, וועלכער מעג אים, רבי יצחק אלחנען, ניט געפעלן. פון נושא חן זיין אָבער ביי בלאַזערן האָט מען געהאַט ממשות־דיקע, מאַטעריעלע שטיצע — און דאָס האָט אויסגענוצט יעדערער, ווער ס'איז נאָר מסוגל געווען דערצו.

אַט אַזוי האָט בלאַזער מיט זיין כנופיא ביסלעכוויז אַריינגענומען אין זיינע הענט דעם גאַנצן כולל פון די פרושים, אָדער ריכטיקער: די גרויסע געלט־סומען, וואָס דער כולל האָט יערלעך אַריינגעבראַכט — מען האָט דאָס געשאַצט אין איבער הונדערט טויזנט רובל אַ יאָר — און דאָס פאַרווענדט צו מוסר־צוועקן, צו שטאַרקן און צו קרעפטיקן די שיטה, שטיצנ־דיק אירע אמתע און פאַלשע אָנהענגער. וואָרעם פון קיין עפנטלעכן חשבון איז קיינמאָל אין אַזוינע אָנשטאַלטן קיין רייד ניט געווען. רבי יצחק אלחנען האָט מען געוויזן — וואָס מען האָט געוויזן, און מען איז יוצא געווען, און געטאָן האָט מען, וואָס ס'איז וואוילגעפעלן.

אין קאָוונע איז דאָס פאַרשפּרייטן דעם מוסר געטאָן געוואָרן שטילער־הייט, אָן געוואַלט און ניט אָפיציעל. דאָ זיינען געווען צוויי מוסר־שטיבלעך — איינס ביים שניידערשן קלויז און איינס ביים זעגערשן, — וואו סתם מוסרניקעס פלעגן קומען צו יעדער צייט; ערב ראש־חודש פלעגן דאָרטן זיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואו בלאַזער אַליין, אָדער ר' נפתלי אַלעק־סאַנדער, פלעגט האַלטן אַ מוסר־דרשה. שבת־צו־נאַכט, פאַר ליכט אָנצינדן, פלעגט רבי יצחק בלאַזער דרשנען ביי זיך אין דער היים. דעם גאַנצן חודש אלול האָט ער זיך נוהג געווען צו שווייגן, מיט קיין לעבעדיקן מענטשן אַ וואָרט ניט ריידן; פון ערב ראש־חודש אלול ביז מוצאי יום־כפור אָדער

גאָר שמיני־עצרת — נאָר מאָנטיק און דאָנערשטיק און אַלע מוצאי שבת האָט ער געדרשנט. קיין דיסציפּלין־צוואַנג, ווי געזאָגט, איז עפּנטלעך אויף קיינעם דאָ ניט אויסגעאיבט געוואָרן, און קיינער איז ניט מחויב געווען צו גיין הערן מוסר.

דאָ איז ער אין אַ געוויסן זין אַנשטענדיק פאַרשלייערט געווען, נאָר אין אויבער־שטיבל ביים זעגערשן קלויז האָט מען שוין דעמאָלט געקאָנט זען די פאָלגן פון דעם ערנסטן מוסר. דאָ האָבן זיך שטענדיק אויפגעהאַלטן עטלעכע מוסטערהאַפטע מוסרניקעס. אַנדערע זיינען געווען שטיל, געלאַסן, מיט אַן אומגעהויער טיפן שרעק אין די אויגן און מיט אַ ווילדן שמייכל אויף די ליפּן. די זיינען שוין ניט אימשטאַנד געווען אַ וואָרט הויך אַרויס־צורײדן — זייער אייגן קול האָט זיי געשראָקן. די האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון גוטמוטיקע נאָר דערשראָקענע קרעטינער. זיי האָבן געפאַסט הפסקות און אָפּגעפאַסט מיט ברויט און וואַסער. דער גאַנצער שכל איז ווי מיטן האַנט געווען אָפּגענומען ביי זיי, און אויפן גאַס האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך, אָבער ניט פון קיין לעבעדיקע מענטשן. אַנדערע ווידער זיינען געווען שטורמיש, שטענדיק אויפגערעגטע, מיט אַ ווילד פייער אין די אויגן. מיט אַ מענטשן ניט פון זייערע האָבן אָט־די קיינמאָל קיין גוט־וואָרט ניט גערעדט. טאָמער האָבן זיי געהאַט אַ כעס אויף וועמען — איז געווען רעכט אין מיטן גאַס יענעם מיט שטיינער צו פאַרוואַרפן (9). האָט מען זיי געזאָגט אַ שלעכט וואָרט, איז מען מיט זידלע־רייי אַליין ניט אָפּגעקומען — מכות רצח פלעגן זיי שלאָגן. אָבער די ערשטע ווי די אַנדערע, זיינען שוין געווען אַרויס פון דער גלייכגעוויכט, ניט גע־טויגט אין מענטשלעכן פאַרקער און לחלוטין געווען „אנשים שאינם מן הישוב". אין יעדער בן השמשות ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען מען איז געגאַנגען אויפן גאַס פאַרביי דעם זעגערשן קלויז, האָבן זיך געהערט פון אויבן, פון פינצטערן מוסר־שטיבל, אומגעהויערע יללות, קולות, קלאַפּן מיט די פויסטן אין וואַנט און ס'האָט געקלונגען ווי דאָס בת־קול, וואָס הערט זיך פון דער חורבה אויפן באַרג חורב...

דאָס איז געווען אין קאָוונע. אָבער נאָר מיט עטלעכע טריט ווייטער, אויף יענער זייט ווילִיע, אין סלאַבאָדקע, האָט שוין דער גאַנצער ענין גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. דאָ האָבן זיי געהאַט שוין אַ גרויסע ישיבה, אין גרויסן בית־המדרש, פאַר בחורים; דאָ האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן קיבוץ פאַר

פּרושים, וועלכע זיינען אײנגאַנצן געשטאַנען אונטער דער פירונג פון די מוסרניקעס: רבי יצחק בלאַזער און זיינע צוויי הויפּט־העלפער. כאָטש די ישיבה, ווי די פּרושים, האָבן באַקומען זייער הויפּט־געלט־שטיצע פונם קאָוונער כולל, פונדעסטוועגן האָט מען אַהער קיין נישט־מוסרניק ניט צוגעלאָזט. דאָ איז דאָס מוסר־לערנען געווען אַ דיסציפּלין־צוואַנג. אַלע טאָג האָט מען אין אַ באַשטימטער צייט געמוזט לערנען מוסר; אַלע אָוונט פלעגן אין מוסר־שטיבל, וואָס ביים בית־המדרש, פאַרקומען דרשות — לויטן באַוואוסטן שטייגער. ווער עס האָט זיך געפוילט אין מוסר־לערנען, פלעגט אָפּן גערודפט ווערן: ניט באַקומען קיין עסן, קיין שטיצע, קיין נויטיקן באַנד גמרא און אַמאָל באַקומען פעטש אויך, ביז וואַנען יענער האָט געמוזט אַפּציען פון סלאַבאַדקע. דאָס שפּיאָנענטום פון איין זייט און די צביעות פון דער אַנדערער זייט זיינען דאָ געווען אַנטוויקלט אויפן העכסטן גראַד. דאָ האָט מען אויך דעמאָנסטרירט דעם מוסר, דורך „לעבעדיקע בילדער״; שוין אין יאָר 1883 געפינען מיר אין סלאַבאַדקע דעם „פריי־וויליקן תפוס״, רבי יוזל, זיצנדיק חדשים לאַנג פאַרשפּאַרט אין אַ באַ־זונדער צימער (קעליע), פון וואַנען ער איז ניט אַרויסגעקומען און קיינער איז צו אים ניט אַריינגעקומען. אין טיר פון זיין צימערל זיינען געווען אויסגעשניטן צוויי לעכער: איינע אַ מילכיקע און אַן אַנדערע אַ פליישיקע, דורך וועלכע מען פלעגט אים דערלאַנגען עסן. אַז זיין מוטער איז געקומען און געוואָלט ריידן מיט אים דורכן טיר, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון — ווייל ער האָט ניט געוואָלט ריידן מיט קיין יידענע... אַזוי איז ער אַ צייט לאַנג געזעסן פאַרשפּאַרט, אַנגעטאָן אין טלית און תפילין און זיך פאַר־נומען מיט לייטערונג, מיט התכוננות. מען האָט דערמיט געזאָלט דע־מאָנסטרירן די מידה פון אַ צדיק־נסתר.

פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבן די מוסרניקעס נויטיק געהאַט, אַז מען זאָל וויסן, וואָסער אַ קדוש זיי האָבן צווישן זיך און דאָס איז גע־וואָרן אַ סוד — פון אַ וועלט מיט מענטשן. שפּעטער האָט מען אויף אים אָנגעגעבן אַ פאַלשע מסירה, און דער קאָוונער גובערנאַטאָר האָט געמאַכט אַ סוף מיט דעם מאַנאַכן־שפּיל.

און אַ ועד פון מוסרניקעס האָט מען איינגעפירט, פאַר וועלכן די קלויז־ניקעס־מוסרניקעס האָבן זיך געדאַרפט אַלע טאָג מתודה זיין דערויף, וואָס זיי האָבן פאַרפעלט אָדער פאַרגרייזט קעגן די לערן פונם מוסר. לויט דער

עבירה פלעגט מען אויף אים אַרויפלייגן אַ תשובה. זיינען געווען אַזויגע, וואָס האָבן זיך מתוודה געווען שטייענדיק אַן הויזן פאַרן ועד, און נאָכדעם האָט מען זיי געשטראָפט מיט גיין־און־דרייסיק מלקות; אַן אַנדערנס תשובה איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַליין געמוזט מודיע זיין ברבים, אַז ער איז אַ זינדיקער. וואָס האָט ער געטאָן? האָט ער פאַר שמונה־עשרה אין אַ קלויז אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער און אויסגעשריען: „יעלה ויבא" — ניט ראש־חודש — האָבן דאָך אַלע געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ משוגענעם, און ער איז מבויש געוואָרן, און אָט דער ביוש האָט אים מכפּר געווען אויף זיינע זינד. אַ מין תשובה איז אויך געלעגן דערין, וואָס דער הוטא האָט געדאַרפט פאַר אַלעמען אין די אויגן נעמען אַ בעזים און אויס־קערן דעם בית־המדרש — דערמיט זיך מבזה צו זיין; אַנדערע ווידער האָבן געדאַרפט תשובה טאָן דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אין מיטן גאַס געדאַרפט אַ שליידער טאָן אויף דער ערד, כדי מענטשן זאָלן לאַכן פון זיי; אַנדערע האָבן געדאַרפט גיין איבער די הייזער בעטלען — כדי אויף אַזאַ אופן זיך מבזה זיין און אויסקויפן די עבירות.

אָבער חוץ דעם ענין פון מתוודה זיין זיך פאַר מענטשן, וואָס האָט געמוזט ברענגען צו צביעות, פאַלשקייט און שקר און אַחוץ די עובדות, וואָס זיינען באַשטימט געווען ווי „תשובות" ווי „כפּרת עון", זיינען אויך געווען דעמאָלט געבאָטן אַלס מצוות: פּראַקטישע און טעאָרעטישע, פּאָ־זיטיווע און נעגאַטיווע.

צו די פּראַקטישע מצוות האָט אַנגעהערט: זיצן אין טלית און תפילין גאַנצע טעג; אַרומגיין און זיך געפינען צווישן מענטשן און אַ וואָרט ניט אַרויסלאָזן פון מויל; זיין אַ גרויסער זהיר אינם ענין פון נקיות — וואָס ס׳פלעגט ביי אַנדערע אָפּנעמען דעם רוב צייט; פאַנאַנדערטראָגן ווייך פּאַפּיר אין אַלע סלאַבאָדקער און קאָוונער קלויזן, — — אַרומגיין און שרייען „גאוה, גאוה, גאוה", — וואו מען זאָל זיך ניט געפינען — כדי צו וואָרנען פון גאוה און נאָך אַזוינע מיני עובדות. דאָס אַלץ האָט געהייסן „חזוק" — ווייל ס׳האָט, לויט זייערע מיינונגען, פאַרשטאַרקט דעם מענטשן אין מוסר.

ניט אַנדערש איז עס אויך געשטאַנען מיט דער טעאָריע. די הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוגעוואוינען די יונגעלייט צו שאַפן „רעיונות" אין מוסר. דאָס הייסט: צו טראַכטן וועגן דער אמונה, וועגן גאָט, וועגן

עולם־הבא און ממציא זיין אין די ענינים נייע געדאַנקען; צוקוקן זיך — זיצנדיק אין מוסר־שטיבל — צום לעבן פון בהמות, חיות און עופות און פון דעם אָפּלערנען אַ מוסר־השכל פאַרן מענטשן. דאָ האָט מען זיי אויך דערקלערט די בישטיקייט פון אַלע, וואָס זיינען ניט קיין מוסרניקעס — מעגן זיי זיין לומדים אָדער פּראָסטע מענטשן, גאונים לעבעדיקע אָדער געשטאָרבענע. אויטאָריטעטן זיינען נאָר געווען די גרינדער און די אָנפירער פון די מוסרניקעס. אין זייערע רייד נאָר האָט מען זיך געגריבלט, זיי האָט מען געדרשנט כדי צו פאַרשטיין: וואָס האָט דער משגיח געקאָנט מיינען זאָגנדיק דאָס און דאָס; וואָס קאָן ער אויסן זיין, מקרב זייענדיק דעם בחור און מרחיק־זייענדיק אַן אַנדערן. „איין בלעטל מוסר איז טייערער פון טויזנט בלאַט גמרא". דער „ניט מוסרניק איז געגליכן צו אַ שוסטער, וואָס מאַכט טויטע שטיוול", צו „אַ מילנער, וואָס שמירט אויס און פירט איבער די קליידער פון יענע, וואָס רירן זיך אָן אים".

ס'איז אָבער ניט דאָ דאָס אָרט איבערצוגעבן אַלע ראיות און דרושים, וואָס זיי פלעגן ברענגען, כדי צו באַווייזן, אַז מוסר שטייט העכער פון תלמוד. דער עיקר איז געווען ניט נתפּעל ווערן פון מענטשן און ניט פאַלן פון זיי — דאָס פירט צו קדושה. אין סלאָבאָדקע האָט געווימלט מיט הייליקע. די אויסדערווילטע פון זיי פלעגן זוכה זיין אַמאָל — דערהויפּט ימים־נוראים צייט — זיך אַריבערכאַפּן קיין קעלם און זען דעם רבין מיט די אייגענע אויגן און הערן פון אים אַ דערהויבונגס־וואָרט...

אַ קלענערער און אַ שטילערער קבוץ פון „מוסר־פרושים" איז אין דער צייט געווען — און איז נאָך איצט אויך פאַראַן — אין ראַדין (ווילנער גובערניע) אונטער דער השגחה פונם מחבר פונם באַוואוסטן ספר „חפץ־חיים". דער דאָזיקער נאָמען פונם ספר קלינגט, ווי אַ מין איראָניע, אין באַצוג צו זיין אינהאַלט. דערהויפּט פאַרנעמט זיך דער גאַנצער ערשטער טייל פונם ספר מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי די צונג צו היטן פון אַן עבירה. פאַלגן, וואָס דאָרט שטייט, הייסט: מיטן גוטן ווילן און באַוואוסטזיניק פון דער צונג גאָר קיין געברויך ניט מאַכן, און פון מענטשן ווידער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטום פּי.

אָט דער ספר איז געווען איינער פון די הויפּט־ספרים, וואָס די מוסר־ניקעס האָבן רעקאָמענדירט זייערע אָנהענגער; דעם ספר פלעגן אויך די משולחים, וואָס זיינען געפאָרן געלט־זאַמלען פאַר די פרושים, פאַנאַנדער־

פירן און פאַרקויפן איבער דער וועלט, ווי דאָס העכסטע, צו וואָס דער שכל פון די מוסרניקעס האָט דערגרייכט.

אָבער אומעטום, אין גאַנץ ליטע און זאַמוט, וואו ס׳איז נאָר געווען אַ שטיקל אָרט פון לערנען — דאָרט האָט מען אויך געקאָנט געפינען אַ פּאָר מוסרניקעס, וואָס האָבן אַזוי אָדער אַנדערש געזען צו ווירקן לויט זייער גייסט. געלט האָט זיי ניט געפעלט — ווייל פאַקטיש האָבן זיי געוועלטיקט איבער די גרויסע סומען פונם כולל. זיי האָבן געשטיצט צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן זיי אַזוי אָדער אַנדערש געקאָנט נוצלעך זיין. געזוכט גוטע שדוכים פאַר „זייערע״ בחורים, געקויפט שטעטלעך אויף רבנות — פאַר „זייערע״ פרושים און אויסגעהאַלטן אַ גרויסן שטאַט פון „צדיקים״ און „הייליקע״, וואָס האָבן געדינט אַלס לעבעדיקער מוסטער פאַר זייער שיטה. אין דער אייגענער צייט האָבן זיי אָבער אָוועקגעמאַכט כלאחד יד יענע פרושים און בחורים, וואָס האָבן געמעגט ווי וואויל לערנען, אויב זיי האָבן נאָר פון מוסר ניט געהאַלטן.

דאָס האָט סוף־כל־סוף געבראַכט צו אַ גרויסער אומצופרידנקייט צווישן די קלויזניקעס ניט־מוסרניקעס. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אייניקע קאָוונער משכילים, דערהויפט „חובבי ציון״, וואָס האָבן שוין פון פריער געקוקט קרום אויף די מוסרניקעס, און אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן האָט זיך אין „המליץ״ אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן כולל פון די פרושים בכלל און קעגן די מוסרניקעס בפרט, קעגן דעם אָפיציעלן פאַרשטייער פון כולל, איז דער קאַמף געפירט געוואָרן דירעקט קעגן רבי יצחק אלחנן. פון איין זייט האָט מען געפאָדערט אַ חשבון פון די געזאַמלטע סומעס און פון דער אַנדער זייט האָט מען אָנ־געוויזן אויף דעם משא פנים און דער אומערלעכקייט, וואָס ס׳ווערט באַ־גאַנגען אינעם ענין פון דער שטיצע בנוגע צו ניט־מוסרניקעס.

לכתחילה האָט רבי יצחק אלחנן געפּרואווט שיצן זיין פּאָזיציע און פאַרטיידיקן די פאַרוואַלטונג. אַלס ליבהאָבער פון אמת אָבער, האָט ער זיך מער אָנגעהויבן צוקוקן צו די מעשים פון רבי יצחק בלאַזער און זיינע מקורבים; דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום, האָט ער נאָך שווערער מי און האַרטן איגעווייניקסטן קאַמף צוגענומען די פאַר־וואַלטונג פון בלאַזערן און איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט, וואוהין די מוסר־ניקעס האָבן קיין צוטריט ניט געהאַט.

.10

קוים איז דער קוואַל פון זייער מאַכט, דאָס הויפּט־מיטל, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די מוסרניקעס טעטיק צו זיין, צוגענומען געוואָרן פון זייערע הענט — האָבן זיי אַזוי גוט ווי איגנאָנצן פאַרגעסן די יסודות פון זייער לערע און זיך גענומען צום קאַמף קעגן ר׳ יצחק אלחנן און דעם כולל פון די פּרושים. מיט פאַרשיידענע שווינדלערייען און חלומות (10) האָבן זיי געווירקט אויף לאַכמאַנען, אַז זיין השפעה זאָל בלייבן אין זייערע הענט; אויף דעם נאָמען פון זייער־איינעם איז איבערגעגעבן געוואָרן די אימעניע, וואָס לאַכמאַן האָט געהאַט אין פּוילן און זיין מויער אין קאָוונע; דערצו האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן אייגענע משולחים אויף דער וועלט געלט צו זאַמלען פאַר זייערע בחורים און פּרושים.

סלאָבאָדקע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אונטער זייער השפּעה. בלאַזער האָט געגרינדעט אַ כולל פון פּרושים פאַר זיך אין לובץ, וועלכער האָט געהייסן דער „לובצער כולל״; דער פריער דערמאָנטער ר׳ יאָסל האָט געמאַכט אַ באַזונדער כולל: ר׳ „יוזלס כולל״, וועלכער האָט געגרינדעט קליינע קיבוצים פאַר פּרושים און בחורים אין זעטל, דווינסק, שאַוול, נאָוואָגרודעק, לידע, סלוצק אד״גל.

טאָמער האָבן זיי אין וועלכער ס׳איז שטאָט אָנגעטראָפן אַ קעגנער־שאַפט מצד דעם רב — האָבן זיי זיך פאַר קיין מיטלען ניט אָפּגעשטעלט: פּאַסקווילן, בלבולים, רכילות, העצערייען און אָפט פלעגט עס זיי אָפּגילטן. אָנשטאָט דעם רב, זייער קעגנער — מאַכן פאַר אַ רב אין דער אייגענער שטאָט זייערן אַ פּרוש. דאָס האָבן זיי געטאָן ניט נאָר אין קליינע ליטווישע שטעט.

אין דער צייט איז עס פאָרגעקומען, אַז רבי יא״ס זון, דער איצטיקער רב אין קאָוונע ר׳ ה. ראַבינאָוויטש — דעמאָלט רב אין מיטוי — האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויספאָרן קיין אַמעריקע צו ווערן רב הכולל אין ניו־יאָרק; די מוסרניקעס האָבן מורא געהאַט, אַז צוליב דעם וועלן זיי אויפהערן צו באַקומען זייערע הכנסות פון אַמעריקע און האָבן אַזוי לאַנג געאַרבעט קעגן דעם, געשיקט עקסטרע מענטשן קיין אַמעריקע, ביז ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן צו מאַכן פאַר אַ רב אין ניו־יאָרק זייער אַלטן חבר רבי יעקב יוסף — דעמאָלט שטאָט־מגיד אין ווילנע — כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז בנוגע

צו לומדות האָט זיך דער לעצטער אויף קיין פאַל ניט געקאָנט מעסטן מיט דעם שפּעטערדיקן יורש פון דער קאָוונער רבנות.

און אָט אַזוי איז פון די מוסרניקעס געוואָרן אַן אמתע שטריימ־אַרמיי — אַנשטאָט דעם, וואָס זי איז לכתחילה ענלעך געווען צו דער ענגלישער היילס־אַרמיי. דער שטרייט האָט געזאָלט געפירט ווערן אַנגראַ — קעגן דער העגעמאָניע פונם קאָוונער רב איבער דער יידישער וועלט און איבער דעם פּרושים־אינסטיטוט, נאָר געפירט האָט מען אים דערווייל נאָר אין דעטאַל — קעגן איינציקע פּערזאָנען, רבנים יחידים אין זייערע שטעטלעך; קעגן דעם אָדער יענעם פּרוש וואו ער איז געווען און ווער ער האָט געמעגט זיין — אויב ער האָט זיי נאָר אויף וועלכן עס איז אופן זיך געשטעלט אין וועג. רימען און טאַדלען איןביידע מגזם זיין — דאָס איז פון איצט געווען כמעט די איינציקע עובדא זייערע. רימען — זייערע, טאַדלען אַנדערע, ניט רעכענענדיק זיך מיטן אמת. דער מוסר גופא, מיט וועלכן מען פלעגט זיך נאָך איצט אויך שטאַרק פאַרנעמען, איז אָנגעמאָסטן געווען צו די בייע צוועקן, וואָס די מוסרניקעס האָבן זיך געשטעלט. פריער האָט דער מענטש עקזיסטירט כדי מוסר צו לערנען, זיך צו לייטערן און איינזען דעם מענטשנס נישטיקייט און קליינלעכקייט; איצט האָט דער מוסר עקזיסטירט, כדי אַז דער וואָס לערנט אים זאָל שטיין איבער אַלע אַנדערע מענטשן. פריער, אַז מען האָט אַ מוסרניק געפרעגט, וואָס טוסטו? — האָט ער שטיל גע־ענטפערט מיט אַ קרעכץ: „דע מאין באת"! איצט, אַז מ'האָט איינעם די אייגענע פראַגע געשטעלט, אין באַצוג אויף זייערע בייע מעשים, האָט ער געענטפערט: „גדולה עברה לשמה"... פריער האָבן זיי געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו דערווייטערן פון דער וועלט מיט איר טומל, איצט — האָבן זיי דעם גאַנצן טומל פון דער יידישער וועלט געוואָלט האָבן דווקא אין זייער רשות. פריער איז אַ מוסרניק געווען אַן עניו און זיך באַמיט קליין צו האַלטן פאַרן אַנדערן אין די אויגן און מלמד זכות זיין אויפן אַנדערן, איצט — זיינען זיי געוואָרן גרויסע בעלי־גאווה קעגן יעדן ניט זייערן, און אָפן אַרויסגעוויזן זייער האַס און פאַראַכטונג צו מענטשן ניט פון זייער קרייז.

דער קאָנטינגענט פון די מוסרניקעס איז אָבער אויך וואָס ווייטער אַלץ פלאַכער געוואָרן. צווישן די ערשטע מוסרניקעס האָט מען נאָך גע־קאָנט אָנטרעפן מענטשן מיט גרויסע פעאיקייטן, שטאַרקע מאָראַלישע קרעפטן,

ערלעכע פון נאַטור און איבערצייגטע אין דער ריכטיקייט פון זייער גאַנג, פון זייער וועלט־אַנשויאונג. וואָס ווייטער זיינען פון די אַלץ ווייניקער געבליבן. דער קאַמף האָט אויך פיל פון די ערשטע אָראָפּגעפירט פון וועג; די תאווה צום זיג האָט קודם־כל זיי אַליין באַזיגט און דעם פריערדיקן מוסר פון זייער האַרצן אויסגעוואָרצלט... מענטשן ערנסטע, ערלעכע, זיינען איצט אין זייערע רייען ניט געגאַנגען. געגאַנגען צו זיי זיינען קליינע מענטשעלעך, וואָס האָבן לכתחילה נאָר געזוכט אַזוי אָדער אַנדערש צו באַקומען ביי די מוסרניקעס צוטרוי, זיי וואויל געפעלן, און דורכדעם אויף זייער אופן אַ „קאַריערע" צו מאַכן יינגלווייז — האָבן צו עסן, בחורווייז — אַ גוטן שידוך צו טאָן, פרושווייז — אַ שטעטל צו גריקן און זיין אַנגעזען אין יענעם קרייז, וועלכן זיי האָבן פאַר זייער וועלט געהאַלטן. אַמגרינגסטן דערגרייכן אַזאַ מין ציל האָט מען געקענט מיט אויפפאַלנדער פרומקייט, מיט שרייענדיקן מוסר, מיט אַרויסווייזן פאַנאַטיזם בנוגע צו אַנדערש־גלויביקע; וואָס ווייטער אַלץ מער איז פון מוסר געבליבן נאָר די העכסט ניט־אַנציענדע שאָלעכטס, בעת דער קערן איז אַלץ מער איינגעשרומפּן געוואָרן. נאָך כל־זמן רבי יצחק אלחנן האָט געלעבט, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט קליינע אָנפאַלן, ניט דערלויבנדיק זיך צוצוטרעטן און צו שטורמען זיין הויפּט־פעסטונג. שטילערהייט האָט מען זיך אויך ביי זיין לעבן געפּרואווט פאַראייניקן מיט נאָך אַנדערע רבנים, וואָס האָבן מקנא געווען ר' י. אלחנם שם, און אויפטרעטן קעגן זיין כולל איינגאַנצן. דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן. רבי יצחק אלחנן איז דערפון באַצייטנס געוואָר געוואָרן, זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אונטערנעמונג.

אין יאָר 1896 איז רבי יצחק אַלחנן געשטאָרבן. בעת ער איז נאָך געלעגן אויפן גוסס־בעט, האָבן שוין די מוסרניקעס אָפּן גערעדט פון פאַרטרעטן זיין פּלאַץ, אָנגערופן קאַנדידאַטן אויף דער שטעל פון רבנות אין קאָוונע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז רבי יצחק בלאַזער איז ניט געווען פון די לעצטע. קאָוונע, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דעם געשטאָרבענעם רב אירן, איז ניט געווען דער פּלאַץ פאַר מחלוקת, אָדער נאָר פאַר אַ ישוב־הדעת אַפילו, ווען מען זאָל מאַכן פאַר אַ ממלא מקומו; שוין אין צוויי טעג אַרום איז רבי יצחק אלחננס זון, רצ"ה ראַבינאָוויטש, געוואָרן קאָוונער רב.

דאָס, וואָס אַט דער וואונטש זייערער איז זיי ניט געלונגען, האָט קיין

גרויסן איינדרוק אויף זיי ניט געמאַכט. איצט האָבן זיי זיך דאָך פּרייער געפילט — דער אויטאָריטעט פון רבי יצחק אלחנגס וואָרט האָט זיי מער ניט געשראָקן. דער גרעסטער אויטאָריטעט ביי יידן איז טויט געווען און די לעבעדיקע מוסרניקעס האָבן אָפן אָנגעהויבן צו טרייבן זייער שפּיל. הונ־דערטער בריוו האָבן זיי פאַרשפּרייט איבער דער פּראָווינץ, אין וועלכע זיי האָבן געטאַדלט ניט נאָר דעם לעבעדיקן קאָוונער רב, נאָר אויך דעם ניט לאַנג געשטאָרבענעם. זייערע משולחים האָבן אומעטום געטאַדלט די קאָוונער פּרושים און אויסגערעדט אויף זיי כלערליי פאַרברעכן. רבי יוזל האָט נאָך מער פאַרברייטערט זיין ממשלה אין די קליינע ליטווישע און זאַמוטער שטעטלעך; געמאַכט קיבוצים, געקליבן פאַר זיי גאָלד און אָן יעדער מאָסקע דעמאַנסטרירט דעם מוסר דורך יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אין זיין רשות. אין סלאַבאָדקע איז זייער אויפטרעטן נאָך אומגעהייערער געווען — גלייך ווי זיי וואָלטן ערשט איצט דערפילט, אַז ס׳זיינען זיי הערנער אויסגעוואַקסן. אָן יעדער איינגעהאַלטנקייט האָבן זיי איצט געדרשנט: „נאָר דער איז אַן אמתער מוסרניק, ווער ס׳קאָן זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז יידן ניט מוסרניקעס האָבן ביי אים אַ ווערט ווי חזירים״, און קליינע קאָמ־פּאַניעס זייערע פלעגן אָנפאַלן מיט געשלעגן אויף קלויזניקעס, וואָס האָבן צו זיי ניט אָנגעהערט. גאַנץ סלאַבאָדקע איז געוואָרן, ווי איין מוסר־שטיבל, ווי אַ חזקה פאַר די מוסרניקעס. דאָס לערנען תלמוד האָט כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט. קאָוונער און סלאַבאָדקער איינוואוינער האָבן אָפן אָנגעהויבן לאַכן פון די משוגעים־קלויזניקעס. דאָס האָט אויפגערעגט יענע קאָוונער און דערהויפּט סלאַבאָדקער קלויזניקעס, וואָס האָבן ניט אָנגעהערט צו די מוסרניקעס. אין גאַנץ ליטע און זאַמוט האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן מחלוקת קעגן די דאָרטיקע רבנים, וואָס האָבן ניט געוואָלט צושטיין צו זיי. ממש אַ שטורעם האָט אויסגעבראָכן אינעם גאַנצן יידנטום, וואָס אין ליטווישן קאַנט.

11.

נאָכדעם ווי אייניקע פון אָט די אַלע מעשים זיינען דערשינען אין דער פּרעסע; (פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען די ליטווישע רבנים אָנגעהויבן מאַכן פאַרוואורפן פאַרוואָס זיי הערן און זען און שווייגן); נאָכדעם ווי די מוסרניקעס האָבן אין סלאַבאָדקע געמאַכט אַ מין באַרטאָלאָמיי־נאַכט קעגן

אַן ערך פון 100 בחורים ניט פון זייערע — האָט דער קאָווּנער רב געמאַכט אַן אַסיפה פון באַלעבאַטים, איינגעלאַדן דעם הויפּט־אָנפירער פון די מוסר־ניקעס, רבי יצחק בלאַזער, און עטלעכע צענדליק סלאַבאַדקער בחורים און האָט עפנטלעכט דעם גאַנצן ענין חוקר ודורש געווען, דורך עדות און אמתע שבועות.

רבי יצחק בלאַזער האָט קיין זאַך ניט געקענט אַפּלייקענען. סלאַבאַד־קער באַלעבאַטים, ווי דער סלאַבאַדקער רב, זיינען געווען קעגן די מוסרני־קעס און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט זיי משלח געווען פונם גרויסן בית־המדרש אין סלאַבאַדקע. די מוסרניקעס מיט עטלעכע צענדליק פון זייערע אָנהענגער האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער קלויז, און אין בית־המדרש איז געבליבן אַ ישיבה ווי פאַר צייטן אַן מוסר, מיטן נאָמען: „כנסת־יצחק" אויפן נאָמען פון רב יצחק אלחנן.

דאָס האָט, נאַטירלעך די מוסרניקעס נאָך מער אויפגערעגט און זיי האָבן נאָך מיט מער ענערגיע געטאָן זייער יעזואיטישע אַרבעט, דורך בריוו און פּאַסקווילן קעגן דעם פאַרשטאַרבענעם רבי יצחק אלחנן און זיינע נאָכ־פאָלגער. דעמאָלט איז אַרויסגעטרעטן דער באַוואוסטער גאון און צדיק (11) רבי מאיר סלוצקער מיט אַן אַרטיקל אין „המליץ", וואו ער האָט זיי עפנט־לעך באַשולדיקט אין צביעות. „מוסר לערנען — שרייבט ער דאָרט — איז גוט כל־זמן יעדערער לערנט עס פאַר זיך. לערנט מען אים אָבער אין כנופיא, כדי צו וויזן אַז מען איז פרום, איז שוין דאָס אַליין צביעות". „די נבלה פון די איצטיקע מוסרניקעס איז נאָך גרויס דערמיט, וואָס דאָס לערנען גמרא איז פאַר זיי מערניט ווי אַ מאַסקע כדי צו נאַרן לייטן; איין אומריינער רעדט זיך צונויף מיטן אַנדערן, די סלוצקער צבועקעס מיט די סלאַבאַדקער, און מאַכן חרוב דאָס יידנטום". דאָס איז געווען ווי אַ דונער אויך צו די קעפּ פון די מוסרניקעס, אויף רבי מאיר סלוצקער האָבן זיך אַפילו די מוסרניקעס אויך ניט געקאָנט דערלויבן אַ שלעכט וואָרט צו ריידן.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָבן זיך צונויפגעקליבן ליטווישע און זאַמוטער רבנים קיין קאָווּנע, אויף אַ באַראַטונג, וועלכע האָט זיך אויסגעלאָזט דער מיט, וואָס נייַן פון די באַרימטע ליטווישע רבנים זיינען עפנטלעך אַרויסגעטראָטן מיט אַן אויפרוף „למען דעת" קעגן די מוסרניקעס און זייערע עוברות.

די אַלע רבנים, וואָס האָבן זיך אויף דעם אויפרוף געחתמעט האָבן גוט געקענט די מוסרניקעס אויפן אָרט און שטעלע.

שוין ניט ריידנדיק פונם קאָוונער און סלאָבאָדקער רב, געפינען מיר דאָ דעם פּאָניעוועזער רב רבי יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, וואָס איז אַ צייט לאַנג געווען דער ראש־ישיבה אין דער מוסרניקישער סלאָבאָד־קער ישיבה; דעם דערבייאיקן רב רבי חיים יאַנאָווער, וואָס איז אויך געשטאַנען אין אַ שטענדיקן פּאַרקער מיט קאָוונע און סלאָבאָדקע; דעם ריטעווער רב, וואָס האָט אַ צייט לאַנג געלערנט אין סלאָבאָדקע; דעם דעמאָלטיקן וועקשנער רב ברוכאָוו, דעם קעלמער רב רבי צבי יעקב אָפּענהיים, וועלכער האָט געקענט די מוסרניקעס פון דער רעכטער קוועלע און אַנדערע, וואָס מען האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט חושד זיין אין וועלכע ס'איז פניות.

נאָך דעם ווי אָט די רבנים באַשטימען דעם חילוק צווישן אַ חברה און אַ כתה — וואָס די ערשטע לאָזט צו אַנדערע אַזוינע חברות אויך און זעט ניט אין זיי קיין קאָנקורענציע און די לעצטע גלויבט, אַז דער גאַנצער אמת געפינט זיך נאָר ביי איר — שטעלן זיי פעסט:

1) אַז די איצטיקע מוסרניקעס פאַרשטעלן זיך כלומרשט, ווי אַנ־זאַמלער פון תורה און שטיצער פון לומדים, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן און אָפּנאַרן לייטן, בעת אַז אין אמתן ווילן זיי מער ניט ווי פאַרפירן זייערע נאָכפאָלגער נאָך זייער נאַרישן מוסר, וואָס זיי האָבן אויסגע־טראַכט.

2) דער מוסר, וואָס זיי לערנען האָט קיין שום שייכות ניט צו די מוסר־ספרים, וואָס זייִנען ביי יידן פון שטענדיק אָן אָנגענומען. זיי לערנען דערום ניט קיין באַשטימטן מוסר־ספר אָדער מוסר־ספרים; זיי נעמען נאָר אַ געוויסן פסוק אָדער אַ זאָץ, חזרן אים איבער מיט קולי־קולות מיט ביטערן געוויין, מיט אַ טרויעריקן ניגון, מיט משונהדיקע תנועות און ווילדער התלהבות.

דערצו קוקן זיי אויף זיך ווי אויף די גרעסטע מענטשן אין דער וועלט. האָבן פיינט אַלע, וואָס געהערן ניט צו זיי; מיט זייערע גענג ברענגען זיי דערצו, אַז דער פשוטער מענטש מוז זאָגן: וואָסערע מיאוסע מעשים די פרומאַקעס טוען; וואָסערע ווילדע גענג — און ברענגען צו חלול־השם. און אָט די אייגענע מוסרניקעס, וואָס ריידן אַזוינע פרומע

רייד, קוים דאַרפן זיי וועמען אָפּנאַרן, פאַרשווינדלען, איז זיי קיין מיטל נישט צו מיאוס. פון זייערע מעשים זעען מיר, מיט וואָס פאַר אַ גאווה זיי טרעטן אויף קעגן גרעסטן אויב ער גייט נאָר ניט אין זייער שיטה.

3) כדי צו פאַרשטאַרקן זייער כתה, ווענדן זיי אָן אַזוינע מיטלען, וואָס ס'איז מיאוס אויפן פּאַפּיר אַרויסצוברענגען.

פון אַלע די מיטלען איז אָבער בולט איין כוונה: צוגעוואוינען זייערע צוהערער צו ווילדער, צעלאָזענער עקשנות; זיך ניט שעמען פאַר קיינעם און זיך ניט אונטערגעבן קיינעם; מבטל זיין די גאַנצע וועלט — נאָר ניט דעם אייגענעם ווילן פאַרן אַנדערן ווילן — און באַשטיין אויף דער אייגענער מיינונג מיט דער גרעסטער חוצפה.

4) זיי לערנען איינער דעם אַנדערן, אַז דער קלענסטער מוסרניק איז גרעסער פונם גרעסטן גאון, וואָס איז מתיר עגונות (12).

5) ווייל דער עיקר איז נאָר דאָס פאַרטיפן זיך אין וועלכן עס איז מוסר געדאַנק, דערפאַר קוקט מען ניט ווער און וואָס עס איז יענער, וואָס דערקלערט זיך פאַר אַ מוסרניק; מעגן זיי אומגיין ליידיק, זיך אויפפירן ניט ערלעך, אַבי ער האַלט פון מוסר איז ער שוין אַ צדיק.

6) מען געוואוינט איין די אַנהענגער פאַר קיינעם קיין דרך־ארץ ניט צו האָבן, ניט ממאס זיין אין קיין שום מיטלען אַבי אויספירן דאָס זייניקע. קומט זייער איינער אין אַ שטאָט, באַמיט ער זיך קודם כל צו ווערן אַ מנהיג; קלויבט ער צונויף אַרום זיך גראָבע יונגען הויבט אָן פאַר זיי צו דרשנען מוסר, און אין גיכן ווערט ער פאַר זיי אַ צדיק און זיי פאָלגן אים: מבטל צו זיין אַלע לומדים, אויב זיי ווערן ניט נכנע פאַר אים.

אָט די זעקס פונקטן באַפּעסטיקן זיי מיט פאַקטן און זיינען מזהיר די רבנים און די יידישע געמיינדעס, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די מוסרניקעס און זיי ניט טרויען — אַז זיי וועלן קומען אין זייערע שטעט מיט אַ פרומער מינע: זיי ווילן מאַכן ישיבות צום לערנען! (13).

דער דאָזיקער אויפרוף האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם. די וואָס האָבן פריער נאָך ניט געגלויבט, אָדער ניט אינגאַנצן געגלויבט דעריך, וואָס די אַפּיקורסישע שרייבער האָבן וועגן דעם ענין געשריבן, האָבן זיך איצט איבערצייגט, אַז די מוסרניקעס זיינען געוואָרן אַ געפאַר פאַרן יידנטום, און דווקא פאַרן אַלטן יידנטום. און יענע וואָס ס'האָט זיך זיי פאַרט ניט געוואָלט גלויבן, אַז ר' יצחק בלאַזער זאָל שטיין אָן דער

שפּיץ פון אַזאַ מין חברה, האָבן זיך געווענדט צו אים, אַז ער זאָל דער־קלערן דעם ענין פון מוסר, און די סיבה דערפון, וואָס די ליטווישע רבנים זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן אים און זיינע אַנהענגער. דערהויפּט זיינען דאָס אָבער געווען די משולחים, וואָס זיינען געווען אונטערוועגס — קלייבן געלט אויף מוסרשע כוללים, פון וועלכע דער וויכטיקסטער איז געווען דער גאַוואַהאַראַדאָקער — וועלכע האָבן געפאָדערט אַ תשובה אויפן „למען דעת". אָן דעם האָט מען זיי אַ רובל ערגעץ ניט געוואָלט געבן, אין קיין קלויז אויפן בימה ניט אַרויפגעלאָזט צו דרשנען. ענטפערן מיט פאַקטן האָבן די מוסרניקעס ניט געהאַט ביד; זיי האָבן פּשוט אַזוינע פאַקטן ניט געהאַט. זיי האָבן דאָך אָבער געמוזט ענטפערן, און אין דריי וואָכן אַרום געפינען מיר אין „המליץ" (נומ. 67, 1897) אַ קליינע מודעה פון רבי יצחק בלאַזער אַלס תשובה אויפן „למען דעת". אין אַט דער קליינער „מודעה" איז קיין תשובה ניטאָ; בלאַזער זאָגט נאָר צו, אַז אין גיכן וועלן רבנים באַווייזן אין די צייטונגען, אַז יענע רבנים, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם „למען דעת", האָבן ניט געטאָן, ווי די תורה פאָדערט און אַז עס עקלט צו לייענען זייערע רייד. ער אַליין ווידער וועט אַרויסלאָזן אַ באַזונדער ספר דעריבער. זיין מודעה האָט אין דער ליטע געמאַכט אַ שלעכטן איינ־דרוק. האָבן דאָך אַלע געוואוסט פון דער חקירה און דרישה, וואָס דער קאָוונער רב האָט געמאַכט פאַר בלאַזערן אין די אויגן און אַז ער האָט ניט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. און איצט שרייבט ער, אַז „אַלץ וואָס די רבנים האָבן געזאָגט, איז קעגן דער תורה". בלאַזער האָט זיך געפּרואווט אָפּ־לייקענען, אַז ער האָט די מודעה ניט געשריבן; אַז עפּעס אימיצער אַנ־דערש האָט עס אין זיין נאָמען געשריבן, כדי צו מאַכן אַ בלבול אויף אים. איז אָבער געקומען דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" — ה' ל. ראַבינאָוויטש — און האָט מעיד געווען, אַז ער האָט באַקומען אַ דאַנק בריוו פון רבי יצחק בלאַזער דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט זיין מודעה, און דער בריוו איז געשריבן מיט זיין האַנט און באַזען מיט זיין שטעמפּל.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך בלאַזער מער עפנטלעכט ניט באַטייליקט אין דער פּאָלעמיק. אין גיכן האָבן די מוסרניקעס געמאַכט אַן אַסיפה פון רבנים אין באַראַנאָוויטש, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף „למען האמת" אַלס תשובה קעגן „למען דעת".

ווי אויפן „למען דעת" זיינען אויך אויפן „למען האמת" געווען

ניין רבנים געחתמעט, אָבער וואָס פאַר אַ חילוק! דער ערשטער איז געווען ר׳ יוסף שלופער פון סלאָנים, אַ שטיק גוטער־ייד, וואָס האָט מיט קיין מוסרניק קיין מאָל קיין מגע ומשא ניט געהאַט; דער צווייטער איז געווען רבי אליהו דוד ראַבינאָוויץ פון מיר — וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אַ קעגנער פון קאָוונער „נשיאות" און האָט אויך קיין דירעקטן פאַרקער ניט געהאַט מיט די מוסרניקעס; דער דריטער — ריינעס פון לידע, וועל־כער טראָגט אַ האַס צו אַלע ליטווישע גאונים — ווייל ער איז ניט פון די אָנערקענטע... דער פערטער — ר׳ חיים לייב ראַטענבערג פון סטאָ־וויסק, אַ באַוואוסטער פאַנאַטיקער און מוסרניק וואָס האָט נאָך דעם חרם ניט געהאַט אַרויסגעלאָזט פון האַנט... און די איבעריקע האָט גלאַט קיי־נער ניט געקענט. און דער נאָוואַגרודקער רב האָט מעיד געווען, אַז אַלע חתימות זיינען כשרע.

אינם דאָזיקן אויפרוף זיינען ניטאָ קיין ראיות און פאַקטן וועלכע זאָלן באַווייזן דעם היפּוך דערפון, וואָס אין „למען דעת" איז געשטאַנען. די רבנים פונם „למען האמת" האָבן זיך אויך ניט באַמיט אויף אָן אַרט, אין סלאָבאָדקע, חוקר ודורש זיין די זאַך. זיי האָבן סתם נאָר עדות גע־זאָגט: „אַז אַלץ, וואָס די רבנים האָבן געשריבן אין "למען דעת", איז שקר וכזב, און ניטאָ דאָרט אַפילו קיין טראָפּן אמת". אַז „דאָס זיינען סתם חלומות, אויסגעטראַכטע זאַכן, וואָס האָבן קיין ממש ניט" אד"גל.

דער טאָן, מיט וועלכן דער גאַנצער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן, האָט שרעקלעך אויפגערעגט די גאַנצע רבנישע וועלט. פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פּראָטעסטן קעגן די לעצטע מיט באַווייזן, אַז דער אמת איז ניט מיט זיי. נייע עוולות זיינען אַנטדעקט געוואָרן, נייע פאַלשקייטן זיינע אַרויסגעשטעלט געוואָרן, נייע ווילדקייטן פון די מוסר־ניקעס זיינען אויפגעהויפּט געוואָרן. עס איז אויפגעטרעטן אַזאַ גאון ווי רבי דוד פרידמאַן פון קאַרלין מיט וואָרענישן קעגן די מוסרניקעס; קראָזער רב, ראַטשעסטערער רב דוד גינסבורג. שאַרפער פון אַנדערע איז אַרויסגעטרעטן דער מילייציצער רב, ר׳ אהרן שמואל תמרות (שפּע־טער באַוואוסט מיטן נאָמען „אחד הרבנים המרגישים"), וועלכער האָט באַוויזן, אַז די מוסרניקעס האָבן אויסגענאַרט חתימות פון רבנים און זיך מיט זיי באַנוצט צו זייערע צוועקן. און צו זיי נאָך אַנדערע רבנים מיט פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. עס איז אויפגעדעקט געוואָרן די הויפּט־סיבה

פונם גאַנצן אָפּשיידן זיך פונם קאָוונער כולל: כדי צו געוועלטיקן איבער גרויסע געלט־סומען; אַז דער גאַנצער מוסר איז ניט מער, ווי אַ מאַסקע, אונטער וועלכער אַ געוויסע צאָל מענטשן זיינען אויסן צו מאַכן גוטע געשעפטן און „לעבן אַ טאָג" אויף דער וועלט. באַלעבאַטים פון פאַר־שיידענע שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף זייערע רבנים מוסרניקעס, דאָס זיי מאַכן חרוב די קהילות דורך זייער פאַרהאַלטן זיך צו חשובע באַלעבאַטים, און ווער ס'האָט נאָר עפּעס געוואוסט — איז גע־קומען און אויסגעלייגט אויפן טעלער.

12

און ס'איז געשען מיט די מוסרניקעס דאָס אייגענע, וואָס ס'געשעט אָפט מיט רעליגיעזע הייליקטימער: זיי זיינען פאַררעכנט פאַר הייליק, כל זמן זיי שטעקן אונטערן פּרוכת און קיינעם פאַלט ניט איין דעם פּרוכת אויפצוהויבן... מיטן ערשטן אויפהויבן דעם פּרוכת איז אויך די גאַנ־צע קדושה, וואָס אַנדערע האָבן די מוסרניקעס צוגעגעבן, פאַרשוואונדן געוואָרן. אַלע און אַלץ איז געווען קעגן זיי: רבנים און באַלעבאַטים, לומדים און דאָס פּשוטע פאָלק. נאָר משכילים חובבי ציון — ס'איז אויסגעקומען שוין אין ערשטן קאָנגרעס־יאָר — האָבן זיך געפונען, וועלכע האָבן גראָד געפּרוּווט פאַרטיידיקן די מוסרניקעס און זען אין זייער לערע באַזונדערע מאָראַלישע אידעאַלן, צו וועלכע זיי, די אידעאַליסטן מוסרניקעס, שטרעבן. אין זייערע קעגנער האָבן זיי געזען אַ מין אינקוויזיציע — בעת אין אמתן איז גיכער דער קאַמף קעגן די מוסרניקעס געווען אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף. ס'איז אָבער געווען די צייט, ווען די נאַציאָנאַל־יידישע אידעע — אין איר ציוניסטישער פאָרם — האָט געהאַלטן אין רעכטן מיטן אויפבליען, און איבער אַלץ, וואָס איז אין יידישן גאָרטן געוואַקסן, האָט מען געזען שוועבן אַ שטיק יידישע נשמה און דאָס האָט געמוזט הייליק זיין... אָבער די פאַרטיידיקונג האָט די מוסרניקעס ניט גענוצט — ווייל פאַרטיידיקט האָבן זיי נאָר יענע, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין מוסרניק אין די אויגן ניט געזען; די, וואָס איז אָבער אויסגעקומען צו קומען מיט זיי אין באַרירונג, האָבן זייער אייגענעם אורטייל געהאַט איבער זיי, און דער איז אומעטום געווען —אַ נעגאַטיווער.

אין סלאָבאָדקע האָט נאָך דעם גרויסן מחלוקת־יאָר געצאַנקט דאָס מוסר־ליכטל, עס צאַנקט נאָך איצט אויך, אָבער פון אויפפלאַמען האָט יאָרן־לאַנג מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין; די סביבה איז מער ניט גינסטיק געווען דערצו. די הויפט־אָנפירער האָבן געמוזט בייטן די ערטער, אָבער אין די נייע ערטער האָט געפעלט דער פרישער טוי אויפן באָדן, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען גוט איינוואָקסן. ביים אויפשלאָגן זייער געצעלט אין קאָוונע און סלאָבאָדקע האָט דאָ געווירקט זייער ערשטער פירער: רבי ישראל סאַ־לאַנט. זיין גייסט, וואָס האָט אַלעמען פאַרגעשוועבט, האָט עס מעגלעך געמאַכט, אַז אַפילו פשוטע יידן זאָלן קאָנען טאָן און פירן נאָך זיך אַנדערע — ווי לאַנג די אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז זיי גייען מיט אַן אמת אין רבי ישראל סאַלאַנטערס וועגן. זייער טעטיקייט אין די נייע ערטער איז פאַר־אויס געגאַנגען דער הויכער און מעכטיקער פראָטעסט פון די יידישע גאונים אין דער ליטע...

אין גיכן נאָך דער מחלוקת איז רבי יצחק בלאַזער אַרויסגעפאָרן פון קאָוונע און זיך באַזעצט אין ווילנע. דאָ האָט ער פאַר מוסר גאָרניט אויפגעטאָן. נאָך רבי שמחה זיסלס טויט — דעם אַכטן אָב, 1898 — איז ער אַרויס־געפאָרן קיין קעלם און געוואָרן אַ ממלא מקומו פונם „רבין", פון רבי שמחה זיסלען; ער איז דאָ אָבער אויך לאַנג ניט געבליבן. ער איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרט איז ער געשטאָרבן. בלייבנדיק גאָר אָן יעדער באַדייטנדיקן גייסטיקן פירער, איז די השפעה פון די מוסרניקעס פיל קלע־נער, ווען אויך ניט אין גאַנצן בטול געוואָרן.

אין מוסר־שטיבל איז געבליבן אין קאָוונע, ביים זעגער־קלויז. אין סלאָבאָדקע איז קיין מוסר־שטיבל ניטאָ — מוסר־דרשות ווערן געהאַלטן פאַר די קלויזניקעס־מוסרניקעס אויף די קוואַרטירן פון די עלטערע „בחורים", וואָס זיינען מחנך די אַנדערע אין מוסר.

עס ווערט נאָך איצט אויך געטריבן דאָס שפּיל פון די „חזוקים"; דער נאָמען „מחזק" איז נאָך איצט אויך אַ „טיטול", וואָס ניט יעדן און ניט אַזוי גיך איז דער משגיח מזכה מיט אים... זיין קאַמף־כאַראַקטער האָט אָבער דער מוסר אָנגעוואָרן. זיינע גייסטיקע פירער זאָרגן דערהויפּט פאַר זייער מאַטעריעלער לאַגע: שיקן משולחים, עקספּלאָאַטירן לאַכמאַנען,

באַקומען שטיצע פון יק״אָ און לאָזן זיך וואוילגיין... קיין אינעווייניקסטע קאָנפליקטן אין זייערע ישיבות זיינען איצט ניטאָ: עס גייען צו זיי, אין זייער ישיבה דאָרט („כנסת ישראל״ נאָך רי״ס) נאָר אויך אַזוינע גייסטיקע אָרעמע, וואָס פילן זיך דאָרט באַפרידיקט. פון אויסן ווערט ניט געקעמפט קעגן זיי — ווייל זיי באַנוגענען זיך מיט זייערע פיר איילן; זייערע מאָראַלישע קרעפטן זיינען אַזוי שוואַך, אַז ס'איז ניטאָ קעגן וועמען צו שטרייטן און ס'איז אויך ניט כדאי צו שטרייטן — זייער נאַטירלעכער טויט וועט ניט לאַנג לאָזן וואַרטן אויף זיך.

---

(1) זע הקדמה צום זשורנאַל „התבונה״ (מעמעל 1851).

(2) ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און אים האָט זיך געוואָלט אַמאָל מהנה זיין זיין אַלטער מוטער. וואָס האָט ער געטאָן? איז ער אויפגעשטאַנען ביינאַכט און האָט געמאַכט אַ טראָטואַר פון ציגל פון זיין שטוב ביזן קלויז, וואוהין זיין מוטער פלעגט גיין אַלע טאָג.

אַן אַנדערס מאָל האָט מען אים געטראָפן שטייענדיק מיט אַ האַמער אין האַנט, ברעכענדיק דעם שלאָס פון טיר. וואָס איז? ער האָט באַמערקט, אַז די אָרימעלייט וואָס גייען אַרום אין די הייזער, האָבן אויפגעהערט קומען צו אים, ווייל די טיר ווערט אַליין פון זיך צוגעשלאָסן, און די אָרימעלייט קאָנען זי ניט עפענען. כאָטש די אָרימעלייט זיינען אפשר פשוט ניט געגאַנגען צו אים — ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער אביון. („אור לישראל״ פון ר' יצחק בלאזער, ווילנע, תר״ס 1900, זייטן 12-122).

(3) פאָרנדיק פון סאַלאַנט קיין ווילנע, האָט אים עפּעס איינער מיטגעגעבן אַ בריוו, ער זאָל אים אין ווילנע איבערגעבן רבי גרשון אַמסטערדאַם; דער לעצטער האָט רבי זונדלען ניט געקענט. אַז ער האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו, האָט רבי גרשון געמיינט, אַז דאָס איז אַ בעל-עגלה, און האָט אים געגעבן אַ גלעזל בראָנפן; האָט רבי זונדל אויסגעטרונקען — ווייל „כל מה שאומר בעל-הבית עשה״ — נאָכדעם האָט רבי גרשון אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף רבי זונדלען: וואָס ער מאַכט אין געזונד, אין פרנסה, אד״גל. רבי זונדל האָט עפּעס געענטפערט מיט אַ האַלב מויל. און אַז רבי גרשון האָט אָנגעהויבן מפליג זיין, רעדן לויבווערטער אויף רבי זונדלען, האָט דער לעצטער זיך שטאַרק פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעהויבן אַוועקמאַכן דעם שמועס אונטערן האַנט. רבי גרשונען איז דאָס עפּעס געוואָרן קשה און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן: „מה שמכם?״ — „זונדל!״ — האָט דער לעצטער געענטפערט, און רבי גרשון האָט שוין פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. (רבי יצחק בלאַזער, דאָרט, זייט 129).

4) אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון זיינע פרישות פון קיר קיין סאַלאַנט, האָבן אים אונטערוועגס אָנגעיאָגט מעמלער סוחרים און אַרויפגענומען אין בויד אַריין, דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געלאַכט פונם פרוש, דעם בטלן, און געטריבן

לצנות. אין קרעטשמע, וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט נעכטיקן, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק און איז איינגעשלאָפן. האָבן זיך מישבֿ געווען די לצים און געוואָלט מאַכן שפּאַס — האָבן זיי אים אָנגעהויבן אונטער־צוסמאַליען די באָרד. דערפילנדיק דאָס, האָט ער אויסגעשריען: „נאָך אַ ביסל!" — אַזוי איז ער צופרידן געווען דערפון, וואָס ס'קומט אים אויס צו ליידן בזיונות...
אין אַ צייט אַרום איז ער געווען אין מעמעל, וואו אייניקע פאַרנעמע מענטשן האָבן אים געקענט און פאַרקערט מיט אים. דאָרט האָבן אים דערזען די אַמאָליקע סוחרים, די לצים, און אים דערקענט. געוואָרוועלנדיק ווער דאָס איז, האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו בעטן, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין. ער האָט זיי, נאַטירלעך, מוחל געווען, נאָר מיט אַ תנאי — זיי זאָלן מער קיינמאָל ניט אָפּלאַכן פון קיין מענטשן. (דאָרט, זייט 123).
(5) ר"י בלאַזער, דאָרט, זייט 70.
(6) דאָרט, זייט 31.
(7) התבונה, זייט 3, אין דער באַמערקונג צו דער הסכמה.
(8) מיט אַ סך יאָרן שפּעטער — דערציילט ר"י בלאַזער אין זיין דערמאָנטן ספר, זייט 112 — אַז ער איז שוין געווען אין ווילנע, האָט דער עולם אָנגעהויבן ריידן פון אַ צדיק נסתר. עפּעס א זעגער איז געווען, וואָס מען האָט באַמערקט, אַז ער טראָגט תפילין דעם גאַנצן טאָג און הערט קיינמאָל ניט אויף עפּעס שטילער־הייט צו חזר'ן. מען האָט אַלזאָ פאָרגעלייגט ר' י. סאַלאַנטערן, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט אים. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון. זיין אָפּזאָג האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס ער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַן אמתער גרויסער מענטש אין חכמה און אין יראה זאָל זיך אין אַזאַ צייט באַהאַלטן פאַר זיך און ניט זאָרגן פאַרן דור.
(9) איינער פון די ווייניקע ערשטע קאָוונער חשובֿע בעלי־בתים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו מוסר, איז געווען ה' ש. א. שפּעטער, אַז ער האָט זיין עלטס קינד אָפּגעגעבן אין אַ גימנאַזיום, איז דער באַוואוסטער מוסרניק רבי נאָטעל אָנגעפאַלן אויף אים אין מיטן גאַס און געוואָרפן שטיינער אין אים.
(10) פלוצלונג האָט זיך אַלע מוסרניקעס געחלומט דער זאַץ פון „לכה דודי":
„על יד בן ישי בית הלחמי קרבה אל נפשי גאלה". די הייליגע צווישן זיי האָבן פותר חלום געווען: „אַז אויב לאַכמאַן וועט אין גיכן זיי געבן אין האַנט אַריין וועט קומען די גאולה". לאַכמאַן האָט עס אָנגענומען פאַר אַ קול פון הימל און געגעבן געלט, ווי מען האָט געפאָדערט. (זע „המליץ", 1897, נומער 182).
(11) פריער איז ער געווען אַ רב אין סלוצק, אָבער נאָכדעם ווי זיינס אַן אייניקל, אַ מיידל, איז אַוועק קיין ווילנע און אָנגעקומען אין גימנאַזיום, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות. „איך קאָן ניט זיין קיין משגיח אויף דער פרומקייט פון אַנדערע — האָט ער געזאָגט — נאָכדעם, ווי איך האָב אויף זיך אַליין ניט געקאָנט קיין השגחה געבן"...
(12) אַ וואונק אויף זייער פאַרהאַלטן זיך צו רבֿ יצחק אלחנן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אינם ענין פון התרת עגונות.
(13) אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ צווייטער „למען דעת" (המליץ 155) פון אַנדערע פינף באַרימטע ליטווישע רבנים, וועלכער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ערשטן.

רבי מנשה איליער (בן פורת)

(אַן איינזאַמער דענקער)

(1767—1832)

.1

אין זיין צייט ניט אָנערקענט, אין איצטיקער צייט ניט געקענט, איז רבי מנשה איליער. אַן טיפן פּאַרדרוס און מיטגעפיל איז אוממעגלעך צו רעדן פון אים: פּאַרדרוס — אויף די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט, און מיטגעפיל — צו דעם גרויסן גייסט, וואָס האָט אַזוי פיל געוואָלט און אַזוי ווייניק אויפגעטאָן.

לויט זיינע גאונישע פעאיקייטן, הייסן טעמפּעראַמענט, אומגעהוירער אַרבעטס־קראַפט און ענערגיע, האָט ר׳ מנשה איליער כמעט זיין גליכן ניט אין דער יידישער געשיכטע פון די לעצטע הונדערטער יאָרן. זיין מאַרטי־רער־לעבן האָט אויך קיין גלייכן ניט. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַזאַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן שטרעבן ווי קיינער ניט — פון זיין סביבה — ניט פאַר אים, ניט נאָך אים. ער איז כל ימיו געווען פול מיט דאגות — אָבער ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן כלל.

רבי מנשה איליער, אַ גאון און אַ מפורסם אין דער רבנישער וועלט, האָט געשריבן ספרים, וואו עס איז קיין שפור ניטאָ פון קיין רבנישע פּראָב־לעמען. אַ מענטש מיט אַן אומגעהויער שאַרפן בליק, מיט אַ קאָלאָסאַלן זכרון, מיט אַ טיפער און ברייטער השגה — האָט אין ערגעץ קיין איינציק פּלפּול־וואָרט ניט באַנוצט. אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספערע און אין די

פיר איילן — ווי אַלע זיין גלייכן אין זיין צייט זיינען געוואַקסן — האָט ער זיך געריסן אין דער וועלט אַריין, וועלכע ער האָט געקענט פּונקט אַזוי גוט, ווי זיינע פיר איילן. אויסגעוואַקסן איז בלויזע רוחניות: אין תורה און אין מצוות,האָט אים דערהויפּט אינטערעסירט די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון זיינע מיט־לעבנדע און ער האָט כל ימיו געאַרבעט דערויף, ווי אַזוי דעם דאָזיקן צושטאַנד צו פאַרבעסערן. דערצויגן אין יענער־וועלט, וואו די טראַדיציע איז אַלץ און די „פרייע" קריטיק איז נאָר אויף אַזוי פיל דערלויבט ווי ווייט — זי באַפעסטיקט די טראַדיציע — איז דאָך רבי מנשה איליער דורכאויס קריטיק געווען, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין טראַדיציע. אין זיין קריטיק האָט ער קיינעם נישט געשוינט און דערביי קיינמאָל, מיט קיין וואָרט, קיינעם פּערזענלעך ניט באַליידיקט (1). און אין לעבן נאָך ווייניקער ווי אין דער ליטעראַטור. אַ ראַציאָנאַליסט אין טיפסטן זין פון וואָרט, ווי דאָס האָט נאָר אין 18טן יאָרהונדערט געקענט גילטן, האָט ער דאָך הייס מיטגעפילט מיטן חסידות — ווייל די חסידים, וואָס זיי זיינען זיינען זיי דאָס, אינדיווידועל, בעת די מתנגדים זיינען טרוקן, טראַדיציאָנעל, מאַשינען, און קיין אייגענעם איך געפינט איר אין זיי ניט. איבערגעגעבן מיט לייב און מיט לעבן דעם יידנטום, דער תורה און דעם לערנען די תורה, שטראָפט ער שאַרף אַלע יענע וואָס זיצן סתם און לערנען פון מצווה וועגן, ניט האָבנדיק קיין אָנזונג פון דעם געלערנטן (2). וועלנדיק פאַרשטאַרקן דאָס יידנטום, פאָדערט ער, אַז יידן זאָלן פאַרשטיין וועלטלעכע קענטעניש. אַרומטראָגנדיק אין קאָפּ פּלענער, ווי אַזוי דאָס גאַנצע יידנטום צו ראַטעווען, גייט ער דאָך כל ימיו אום איבער די חדרים (3), רעדט מיט די קליינע חדר־יינגלעך, האַלט פאַר זיי פאַרשטענדלעכע דרשות — כדי דורך דעם איינצופלאַנצן אין זייערע הערצער ליבע צום יידנטום און צו וויסנ־שאַפט. דאָס אייגענע טוט ער אויך מיט דערוואַקסענע, דאָס אייגענע אויך מיטן ברייטן פאָלק.

אַלס ראַציאָנאַליסט גלויבט ער אין מענטשנס שכל און אין זיין אַל־מעכטיקייט. אַדאַם סמיטס מיינונג גילט פאַר אים: אַז יעדער מענטש איז מסוגל צו מאַכן די גרעסטע אַנטדעקונגען, קומען צו דער העכסטער שטופע פון אינטעליגענץ — ווען ער זאָל נאָר דערצויגן ווערן ווי געהעריק, ווען ער זאָל נאָר לערנען (4). רבי מנשה איליער האָט אַכטונג פאַרן מענטשן,

ווייל ער פאַרמאָגט שכל, מעג ער זיין אַ ייד צי ניט קיין ייד; ער האָט אויך אַכטונג צום פאָלק און טיפע ליבע צו אים.

מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט זעען מיר רבי מנשה איליער שטייענדיק מיט אַ קאָפּ העכער איבער אַלע גאונים פון זיין צייט, איבער אַלע כלל־טוער פון זיין צייט. מיט דער פעדער אין האַנט שטרייט ער אויף אַלע זייטן אין אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען. ער שטרייט און ליידט, שטרייט און ווערט באַשטריטן, ער פאַלט אָבער קיינמאָל ניט.

מיטן גאַנצן אמת, צו וועלכן אַ מענטש איז נאָר מסוגל, שטרייט ר' מנשה איליער פאַרן אמת, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, און אים קומען ניט נאָר קנאים נאָר אויך צבועים אַנטקעגן; ער שטרייט פאַר דער זעלבסט־שטענדיקייט פונם מענטשנס שכל און אים שטעלט מען די טראַדיציעס אַנטקעגן; ער שרייבט ספרים — — — מען פאַרברענט זיי.

די קעגנער זיינען מער אין צאָל און דאַרום פיזיש שטאַרקער פון אים; רבי מנשה שטייט איינער אַליין, נאָר מאָראַליש שטאַרקער פון זיי — בויגט ער זיך, ער ברעכט זיך אָבער ניט.

.2

רבי מנשה איליער איז געבוירן געוואָרן אין סמאָרגאָן (ווילנער גובערניע) אין יאָר 1767 (תקס"ז). זיין פאָטער, רבי יוסף, איז געווען דין אין סמאָרגאָן און האָט זיין זון, ווי עס איז דאַן נאַטירלעך געווען, פאַר אַ רב דערצויגן.

און מען דערציילט וועגן רבי מנשה דאָס אייגענע, וואָס יידן דער־ציילן פון אַלע גרויסע, דער חילוק צווישן איינעם און דעם אַנדערן איז כמעט נאָר אין ווערטער.

אַלס קינד נאָך האָט מען אין אים דערקענט אויסערגעוויינלעכע פעאי־קייטן. קוים האָט ער פאַרשטאַנען צו זאָגן עברי, פלעגט ער אויסוויניק זאָגן אַלע ווערטער פון סידור פון סוף צום אָנהויב (5). אַז ער איז אַלט געווען 7 יאָר האָט ער שוין געוואוסט דעם תוך פונם גאַנצן חשן משפט. און אַט אין דער צייט האָט דאָס געטראָפן, אַז ביי זיין פאָטער אין שטוב איז פאָרגעקומען אַ דין־תורה, און עס איז געקומען צו אַ חלוקי־דעות צווישן די דינים, וועגן אַ דין אין חשן משפט. האָט מען געפרעגט ביים יונגן מנשהן, און ער האָט די אַלטע דינים אויסגעגלייכט (6).

און כאָטש סמאַרגאָן איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט פון גרויסע לומדים, פונדעסטוועגן, אַז ר׳ מנשה איז אַלט געווען צען יאָר, האָט מען שוין פאַר אים אין סמאַרגאָן קיין רבין ניט געפונען. זיין זעלטענער זכרון און זיין שאַרפע השגה האָבן אים אויך לחלוטין איבעריק געמאַכט דאָס אָנקומען צו אַ רבין, און ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין בית המדרש זעלבסטשטענדיק. מען האָט אָבער אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל לערנען נאָר תלמוד און פוסקים. צו דקדוק און תנ״ך האָט מען אים ניט צוגעלאָזט. מען האָט מורא געהאַט טאָמער וועט דאָס אים צוציען און ער וועט אַוועקוואַרפן דעם תלמוד און די תלמודישע ליטעראַטור (7).

דאָס איז אַלץ, וואָס די גרויסע האָבן געזען און פאַרשטאַנען פון דעם קינד „מנשה דעם דינס״ (8).

אָבער דאָס קינד האָט שוין דעמאָלט אין זיין אייגענער וועלט געלעבט. אַ וועלט מיט קשיות און ספקות, דאגות און נחמות, פון וועלכע די עלטערע אַרום האָבן קיין אָנונג ניט געהאַט. און בעת מען האָט אים דאָרט, פון אויסן, געהיט, אַז ער זאָל זיך חלילה ניט באַקענען מיטן תנ״ך און ניט מיט דקדוק, טאָמער וועט ער חלילה אַראָפּ פונם אַלטן, אויסגעטראָטענעם וועג, — האָט ער, מנשה, ביי זיך פאַר זיך נייע וועגן אָנגעצייכנט, אין וועלכע ער איז נאָכדעם דאָס גאַנצע לעבן נאָכגעגאַנגען. און דאָס זיינען אַזוינע וועגן געווען, וואו ער האָט אויף יעדן שריט און טריט שטיינער און דערנער באַגעגנט — נאָר זיי האָבן אים זיין וועג נאָר שווערער געמאַכט, אָבער ניט פאַרשטעלט און אים ניט אָפּגעשטעלט.

„פון קינדוויז אָן — שרייבט ר׳ מנשה (9) — איז מיין זאַך געווען און מיין נאַטור, אַז יעדער נייעס האָט מיך פאַרוואונדערט און מיר האָט זיך געוואָלט דאָס צו פאַרשטיין. אַפילו אין לערנען האָב איך ניט געוואָלט אַלץ נאָכזאָגן, וואָס עס שטייט געשריבן, ניט־וויסנדיק דעם טעם דערפון; אַלץ האָב איך געוואָלט גרינדלעך פאַרשטיין.

„דערפאַר האָב איך געפילט אַ ווייטיק אין האַרצן, ווען איך האָב איינגעזען, ווי די וועלט איז ניט קיין אייביקע זאַך; ווי מ׳איז אַפילו קיין איינציקע מינוט ניט זיכער מיטן לעבן, ניט זיכער, אַז מען וועט ניט שטאַרבן. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט מיר וועט זיין נאָכן טויט. און ס׳איז מיר אַ קשיא געווען אויף דער וועלט, זעענדיק, אַז איטלעכער איז אַזוי קאָנטעט פאַר זיין לעבן: דער רייכער, דער געבילדעטער און דער למדן. משונה

האָט מיר אויסגעזען ווי אַ מענטש באַמיט זיך אויסצופירן זיינע נצחונות קעגן אַנדערע און האָט גרויס פאַרגעניגן, אַז ער פירט אויס. און ווי בלינד זיי זיינען, די מענטשן, פונקט ווי אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס מען פי־טערט זיי, כדי זיי זאָלן פעט זיין צום קוילען און פונדעסטוועגן גייט זיי אַיין דאָס עסן ביז דער לעצטער מינוט פאַרן טויט.

„און קלערנדיק איז מיר ווייטער אַ קשיא געווען: פאַרוואָס האָט גאָט דעם מענטשן באַשאַפן ערגער ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן? יעדער מין באַשעפעניש האָט ער אַנגעגרייט זיין שפּייז און ס'רוב מענטשן האָבן ניט זייערע באַדערפענישן, און זיי זיינען הונגעריק, נאַקעט, און אויך אַנדערע באַדערפענישן פעלן זיי. און ווען די גרויסע האָבן געזינדיקט, וואָס זיינען שולדיק די קליינע קינדער? און ס'רוב עלטערן קענען דאָך באַזאָרגן זייער קינדער מיט אַלעם נויטיקן.

„און ווייטער האָט מיך געאַרט: אַנדערע רייכע האָבן גאָר גרויסע תענוגים, און אַז דער אויבערשטער גיט, גיט ער שוין אַריבער צופיל, און וועמען ער קווועלט, קווועלט ער גאַנץ שטאַרק. און מיט וואָס זיינען דען די אייגנע ערגער אָדער בעסער ווי די אַנדערע? און אַז מען באַטראַכט גוט, גייט די רייכע אויך ניט אַיין זייער לעבן, צוליב די פיל שרעק און טרעפונגען, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט, און פון קראַנקהייטן זיינען זיי דאָך שוין גאָר אין גאַנצן ניט זיכער.

„איין טריט ווייטער און איך האָב אָנגעהויבן קלערן דערפון, וואָס עס שטייט געשריבן אין אַלע ספרים, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט כדי גוטס צו טאָן מיט די לעבעדיקע באַשעפענישן. וואָס איז דאָס דען פאַר אַ טובה? איידער אַזאַ לעבן, איז דען ניט גלייכער ווען מען זאָל גאָר ניט באַשאַפן ווערן און עס זאָל קיין זאַך ניט פעלן!

„און איך בין שטענדיק פאַרטראַכט געווען."

אָט דאָס זיינען די קשיות, וועלכע האָבן באַשעפטיקט דעם יונגן מוח פונם קינד „מנשה דעם דינס" און אויף וועלכע דער שפּעטערער גרויסער רבי מנשה איליער האָט כל ימיו געזוכט תירוצים צו געפינען.

3.

צו דרייצן יאָר האָט מען אים חתונה געמאַכט. איז אים אָבער די פּרוי זייער ניט געפעלן געווען און מען האָט אים אין גיכן געגט מיט איר. אָבער ניט

לאַנג איז ער פריי געווען. אַ ייִד אַ סוחר פון איליע, איז געפאָרן קיין פרייסן נאָך סחורה, איז ער אונטערוועגנס פאַרפאָרן קיין סמאַרגאָן און איינגעהאַנדלט ר׳ מנשהן פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער. אין עטלעכע חדשים אַרום, אַז דער סוחר האָט זיך אומגעקערט פון פרייסן, האָט ער מיטגענומען דעם חתן מיט זיך, די כלה איז אים געפעלן געוואָרן און ס׳איז געווען חתונה. רבי מנשה איז געבליבן זיצן אין איליע און אויף דורות איז זיין נאָמען פאַרבליבן רבי מנשה איליער (10).

אין גיכן זיינען דער פרויס עלטערן אַרעם געוואָרן און געשטאָרבן, האָט זי אַליין געהאָרעוועט און מפרנס געווען די שטוב. ער איז געזעסן און געלערנט און קיין רבנות האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען, כאָטש גרויסע שטעט האָבן אים רבנות פאָרגעלייגט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ניט אימשטאַנד זיין זיין אַ מנהיג פון שטאָט און זי פירן אויף זיין דרך, וועלכער איז ניי, און ניט אַלע קענען אים אָננעמען (11).

איז ער געזעסן און געלערנט. אָבער געלערנט ווי נאָר ווייניקע. בעת ער פלעגט קאָנצענטרירן זיינע גייסטיקע כוחות אין אַן ענין האָט ער ניט געוואוסט און ניט געהערט, וואָס אַרום טוט זיך. אין חודש אלול איז דאָס אַמאָל געווען, איז ער געזעסן אין קלויז און געלערנט און יונגעלייט אַרום האָבן געשטיפט און שופר געבלאָזן. שפּעטער איז צו אים צוגעגאַנגען איינער און געפרעגט:

„די שטיפער האָבן אייך מסתמא געשטערט מיט זייער שופר בלאָזן?״

„איך האָב קיין שופר בלאָזן ניט געהערט.״ — האָט ער געענטפערט (12).

ניט קיין רב, ניט קיין ראש־ישיבה, האָט ער דאָך שטענדיק תלמידים און חברים געהאַט. פון די שטעטלעך אַרום, דערהויפּט פון סמאַרגאָן, פלעגן קומען צו אים קיין איליע יידן לומדים זיך צו באַקענען מיט אים און מיט זיין שיטה אין לערנען. און זיין שיטה איז גרויס געווען מיט איר פשטות: פלפול האָט ער זייער ניט ליב געהאַט. פשט האָט ער אומעטום געזוכט, אומעטום — אַפילו דאָרט, וואו אַנדערע האָבן געזען אָדער גרויסע סודות אָדער פאַרפּלאָנטערנישן. זיין גרויסער זכרון איז אים דערין בייגעשטאַנען; ער האָט אויסווייניק געדענקט אַלע סוגיות און אַלע פאַרשיידענע נוסחאות פון איין און דער זעלבער סוגיא. פאַרגלייכנדיק די פאַרשיידענע אויסדרוקן, אָדער פאַרשיידענע נוסחאות פון איין און דער זעלבער סוגיא אין פאַר־

שיידענע ערטער, איז אים גרינג געווען אויסצומיידן אַלע קשיות און פלפולים ווי פון די ראשונים אַזוי אויך פון די אַחרונים (13).

און דעם פּרט — אַז דער עיקר איז פּשט — האָט ער אין אַלע זיינע ספרים ניט אויפגעהערט איבערצוחזרן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם גרויסן שאָדן, וואָס עס קומט אַרויס דער־פון, וואָס מענטשן ווילן ניט וויסן פון דעם, וואָס איז איינפאַך און קלאָר, און ווילן דווקא דאָס קאָמפּליצירטע און פאַרטונקלטע. און ניט נאָר בנוגע צו פּלפּול, סאָפיסטיק, וואָס איז אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט געווען אין יענער צייט בנוגע צום לערנען תלמוד און דער רבנישער ליטעראַטור. ער האָט דאָס אייגענע געפאָדערט אויך בנוגע צו אַנדערע צווייגן פון יידנטום און אין אַנדערע געביטן. איין ביישפּיל:

אַלע וויסן ווי אַזוי יידן פאַרהאַלטן זיך צום מעביר קריאה זיין די סדרה און אַז אין טראָפּ לעגט מען אַריין בערג מיט סודות און רמזים. רבי מנשה איליער האָט אָבער געשריבן וועגן דעם אין זיין ספר „בינת מקרא" אַ גאַנצע דערקלערונג, וואו ער פאַרגלייכט לשון קודש צו אַנדערע שפּראַכן און די טראָפּ צו די נאָטן פון מוזיק.

עס איז זיך גרינג פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שטורעם אַזוינע ווערטער האָבן דאַן געדאַרפט אַרויסרופן אין אַלטגלויביקן יידנטום. פאַרגלייכן לשון קודש מיט אַנדערע שפּראַכן, דעם טראָפּ צוגלייכן צו נאָטן — ווער וואָלט זיך דאָס דערלויבט!

4.

און ר' מנשה איליער האָט זייער גוט געוואוסט, וואָס הייסט רעדן קעגן דעם, וואָס איז אָנגענומען ביי דער וועלט. ער האָט פון פּראַקטיק געוואוסט, אַז אויף איינעם, וואָס פאַרשטייט אים, זיינען דאָ הונדערטער, וואָס קענען אים ניט פאַרשטיין, אָדער — און דאָס איז נאָך ערגער — וואָס ווילן אים ניט פאַרשטיין. זיינע גוטע פריינט זיינען געווען געציילטע. צו די בעסטע און אָנגעזעענסטע פון זיי האָט געהערט ר' יוסף מזל פון וויאזין, אַ שטעטל ניט ווייט פון איליע. פלעגט ר' יוסף וויאַזינער אָפט שיקן זיין קאַרעטע קיין איוויע און נעמען צו זיך ר' מנשהן, וועלכער פלעגט גערן פאָרן קיין וויאַזין צוליב דער גרויסער און רייכער ביבליאָטעק, וואָס ר' יוסף האָט פאַרמאָגט. אין דער ביבליאָטעק פלעגט ער פאַרברענגען חדשים לאַנג און זיך פאַרנעמען מיט מחקר־

און פילאָזאָפיע. ניט־קוקנדיק דערויף, וואָס די ביבליאָטעק איז געווען כמעט די גרעסטע אין גאַנץ ליטע, פלעגט דאָך ר׳ יוסף פון צייט צו צייט קויפן נייע ספרים, ספּעציעל פון ר׳ מנשהס־וועגן. צו די געציילטע גוטע פריינט ר׳ מנשהס האָט אויך געהערט ר׳ שמריהו לוריא פון מאָהילעוו. אויך ער פלעגט אָפט אַראָפּברענגען ר׳ מנשהן צו זיך, און דאָרט פלעגט ער דרשענען פאַרן עולם אין גרויסן בית־המדרש, וואו עס פלעגט אים צו מאָל אויסקומען צו הערן גראָבע זלזולים פון זיינע קעגנער. עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט אין זיינער אַ דרשה דערמאָנט די נעמען פון אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָ. איז אויפגעשטאַנען אַ יונגערמאַן, אַ הייסער פאַנאַטיק, און האָט אים געזידלט דערפאַר, וואָס ער דערמאָנט אַזוינע טריפה נעמען ביים ארון קודש. ר׳ מנשה האָט געשוויגן, און אַז יענער האָט זיך באַרואיקט האָט ר׳ מנשה געענדיקט זיין דרשה (14).

דאָס איז אָבער נאָר איינער פון די קליינע עפּיזאָדן, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין ר׳ מנשהס לעבן. ער האָט פיל ערנסטערע רדיפות געהאַט אויסצושטיין, פון פיל אָנגעזעענערע מענטשן ווי עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם פאַנאַטיק אין מאָהילעוו...

עס האָט אַמאָל געטראָפן (15), אַז חשובע יידישע כלל־טוער, מיט ר׳ יהושע צייטלין בראש, זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין איליע אויף אַ באַראַטונג וועגן יידישע כלל־ענינים. איז געקומען דער שטאָט־שרייבער און געמסרט פאַר דער אסיפה אויף ר׳ מנשהן, אַז ער רעדט קעגן רש״י, קעגן תוספות און אַנדערע מפרשי התלמוד. דערביי זאָגט ער נאָך, אַז ווען מען זאָל פון די אַלע מפרשים אַרויסוואַרפן אַלע איבעריקע זאַכן, וואָלט הלוואי געבליבן פון זיי אַ צענט־חלק. און אַפילו קעגן די אמוראים רעדט ער האַרטע רייד. ער האָט קיין מורא ניט צו זאָגן אויף זיי, אַז זיי האָבן אָפט אַ טעות געהאַט און דערפאַר האָבן זיי פאַרדרייט דעם זין פון דער משנה און פון דער בריתא; אַז אַלע זייערע טורעם־בנינים האָבן זיי געבויט אין דער לופט אד״גל.

די פאַרזאַמלונג איז זייער אויפגערעגט געוואָרן, אַז אין איליע, רחמנא לצלן, געפינט זיך אַזאַ כופר און ס׳איז געבליבן מען זאָל אים אַריינלייגן אין חרם. ר׳ מנשה האָט דאָס דערהערט און איז געבליבן גלייכגילטיק. דער שרייבער — האָט ער געזאָגט — האָט ניט דערציילט קיין ליגן; אַלץ, וואָס ער גיט איבער אין מיין נאָמען, איז ריכטיק, אָבער איך בין נאָר דעם אמת אויסן געווען.

באַלד איז די ידיעה וועגן דעם בעפאַרשטייענדן חרם אָנגעקומען קיין ווילנע. ווען ר׳ יוסף ווילנער, וועלכער האָט ר׳ מנשהן זייער ליב געהאַט און זייער הויך געשעצט, האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אילינע. דאָרט האָט ער געבעטן ר׳ מנשהן, אַז ער זאָל גיין צו דער פאַרזאַמלונג און בעטן מחילה איידער מען וועט דעם חרם אויסרופן. אָבער ר׳ מנשה האָט נישט געוואָלט וויסן דערפון.

— ווי וועל איך גיין זאָגן, אַז איך האָב חרטה דערויף, וואָס איך האָב געטאָן, אַז איך וועל דאָס אייגענע אויך ווייטער טאָן ? !

מיט גרויס מי האָט ר׳ יוסף ווילנער געפּועלט ביי ר׳ מנשהן, אַז אויב ניט צו דער פאַרזאַמלונג איז כאָטש צו ר׳ יהושע צייטלין זאָל ער אַריינגיין. אי דאָס מיט דעם תנאי, אַז ער ר׳ יוסף, זאָל פריער אַריינגיין צו ר׳ יהושען און מיט אים איבעררעדן, נאָכדעם שוין וועט ער קומען.

און כך הוי. ר׳ יוסף ווילנער האָט באַרואיקט ר׳ יהושע צייטלין; נאָכדעם, אַז ר׳ מנשה איז געקומען, האָט ער אים אויסגעהערט. אָבער ר׳ מנשה האָט זיך ניט פאַרענטפערט און ניט געזאָגט, אַז מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט בלבולים. ער האָט נאָר באַוויזן, אַז ער האָט דאָס רעכט טעאָרעטיש צו קריטיקירן די מיינונגען פון די קדמונים, פונקט ווי די זעלבע קדמונים האָבן זיך אויך דאָס אייגענע דערלויבט בנוגע צו יענע, וואָס האָבן געלעבט פריער פון זיי. רבי יהושע צייטלין האָט זיך דערמיט באַרואיקט און ר׳ מנשה האָט ביי אים נושא חן געווען.

אין אַ צייט אַרום, ביי אַ צווייטער פאַרזאַמלונג פון יידישע כלל־טוער אין אילינע, האָט ווידער דער אייגענער שטאָט־שרייבער אָנגעהויבן צו מסרן אויף ר׳ מנשהן. אָבער דאָס מאָל האָט שוין צייטלין ניט געוואָלט אַפילו אויסהערן די מסירה, האָט אָנגעשריען אויפן שרייבער און פאַרטיידיקט ר׳ מנשהן (16).

אָבער יענע באַוויזן, וואָס האָבן געגאָלטן פאַר אַזוינע יחידי סגולה ווי ר׳ יהושע צייטלין, האָבן ניט געגאָלטן פאַר די דורכשניט־מענטשן, צווישן וועלכע ר׳ מנשה האָט געלעבט און געווירקט. און ווייל עס איז ניט געווען קיין איינציק ווינקל אין לעבן פון יידן און יידנטום, וועגן וועלכן ר׳ מנשה זאָל ניט זאָגן זיין וואָרט, דערום האָט ער געהאַט פיל שונאים צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק. און פאַרשידן זיינען די אַלע קעגנער געווען : געווען אַזוינע, וואָס זיינען מיט אַן אמת אויסן געווען צו שיצן דעם כבוד פון יענע

גרויסע, וואָס ער האָט אין זיין קריטיק פוגע כבוד געווען; געווען אַזוינע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז דורך אַזאַ פרייער קריטיק קען מען קומען ביז צו אונטערגראָבן די יסודות פונם יידנטום — ווייל אויפן אייגענעם שכל קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, דער שכל איז פאַרפירעריש. און געווען אויך אַזוינע צווישן די קעגנער, וועלכע זיינען בטבע געווען אינטריגאַנטן, און האָבן הנאה געהאַט דערפון, וואָס זיי איז צו האַנט געקומען אַזוינער, וואָס מען קען אים טאַדלען און רודפן אין גאָטס נאָמען און פון גאָטס כבוד־וועגן.

דערביי איז אים אַפילו ניט בייגעשטאַנען דאָס, וואָס אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז זייער חשוב ביים ווילנער גאון, צו וועלכן ער פלעגט אַלע יאָר פאָרן, און בלייבן נאָענט צו אים וואָכן־לאַנג (17). עס האָט אים אויך ניט געהאָלפן דאָס באַציען זיך אויפן ווילנער גאון און זיינע באַווייזן, אַז אייגנטלעך גייט ער אין דרך פון גאון, וועלכער איז אויך געשטאַנען פאַר פשט און קעגן פלפול. ער פלעגט אויך דערציילן, אַז דער גאון האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז יענע מענטשן, וואָס מיינען, אַז מיט דרש קען מען דערקלערן דעם פשט פון אַ פסוק, לעבן אין טעות; און אַז אַפילו אין דער משנה גופא איז אויך פאַראַן אַ דרש און פאַראַן אַ פשט (18) — דאָס אַלץ האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. און ניט מיט אומרעכט. די וועלט, וואָס אַרום ר' מנשהן — דאָס מוז מען מודה זיין — האָט פאַרשטאַנען דעם גאון בעסער און ריכטיקער ווי ר' מנשה האָט אים פאַרשטאַנען. יענע, וואָס האָבן ר' מנשהן פאַרפאָלגט, האָבן — מער ווי ר' מנשה — געהאַנדלט אין גייסט פונם ווילנער גאון.

5.

דער גאון איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך, ר' מנשה איז געווען אָפן פאַר אַלע; דער גאון האָט נאָר פאַר זיך געלעבט און מיט אים אינאיינעם איז אויך זיין חכמה געשטאָרבן, ר' מנשה האָט געלעבט פאַר דער וועלט, ער האָט זיין חכמה פאַרשפרייט, נאָר זי איז ניט אָנערקענט געווען; דער גאון האָט נאָר געלערנט, ר' מנשה האָט געוואָלט אַנדערע לערנען — און האָט געהאַט שונאים אַרום און אַרום. אַפילו פון צווישן זיינע תלמידים, צו וועלכע ער האָט זיך פאַרהאַלטן ווי אַ חבר, ניט ווי קיין רבי, זיינען נאָר ווייניק געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך געפילט זאַט מיט זיין לערנען. ס'רוב תלמידים האָבן זיך ניט געקענט באַנוגענען אָן פלפול, מיט וועלכן זיי האָבן

שוין פריער געהאַט די קאָפּ פול געמאַכט. ר׳ מנשה פלעגט זיך דערויף ניט וואונדערן. „ס׳איז גרינגער — פלעגט ער זאָגן — צו לערנען מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל גאָר ניט געלערנט, איידער מיט אַזעלכן, וואָס די היינטיקע לומדים האָבן זייער גייסט אין אים אַריינגעלייגט (19). עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ פאַרהאַלטן זיך צו די פּלפּולפּולע יידן זיינען אים די לעצטע קיין גוטע פריינט ניט געווען.

אָבער ניט נאָר מיט לערנען אַליין האָט ער זיך פאַרנומען. סתם אָרעמע מענטשן, געדריקטע און געפּלאָגטע, פלעגן זיך שטענדיק ווענדן צו אים און מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט האָט ער זיי געהאָלפן. דאָס האָט אים געבראַכט אין באַרירונג מיט די שטאָט־גבאים און מנהיגים, וועלכע זיינען, ווי געוויינלעך, ניט אַלעמאָל ראוי געווען צו זייער הויכן אַמט. ער האָט אויך זיי געזאָגט דעם אמת אין די אויגן און אויך זיי זיינען זיינע קעגנער געוואָרן.

קינדער־דערציאונג איז ביי אים זייער הויך געשטאַנען. זייענדיק בכלל אַ ווייכער מענטש, וואָס האָט מיט יעדן ליידנדן און הילפלאָזן געהאַט מיטגעפיל, איז ער פאַר קליינע קינדער גרייט געווען די נשמה אַוועקצוגעבן, און ווייל פאַר מלמדות האָט זיך גענומען יעדער קאַליקע, פלעגט ער אָפּרעדן די מלמדים פון צו פאַרנעמען זיך מיט מלמדות, און ווי ווייט ער האָט געקענט פלעגט ער זיך באַמיען זיך זיי צו באַזאָרגן מיט אַנדערע פרנסות. האָט זיך אָבער איינעם די אַנדערע פרנסה ניט איינגעגעבן, איז — נאַטירלעך — ר׳ מנשה דערין שולדיק געווען.

נאָר פאַר זיך אַליין האָט ער ווייניק וואָס געזאָרגט. און אַז די פרנסה איז געווען שלעכט; אָרום און אָרום האָט מען אים דאָס לעבן ביטער געמאַכט, האָט ער איבערגעלאָזט די פאַמיליע און זיך אַוועקגעלאָזט קיין אויסלאַנד. דאָרט — האָט ער געהאָפט — וועט ער קענען רואיק לערנען. ר׳ מנשה האָט אָבער געהערט צו יענע אומרואיקע נאַטורן, וואָס קענען קיין רו ניט געפינען. פאַר זיין אמת איז נאָך אויף דער וועלט קיין אָרט ניט געווען. אין בראָד איז ער אַריינגעקומען צום גאון ר׳ יעקבקע און אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן אין לערנען. רעדנדיק, האָט ער אָנגעהויבן דערווייזן, אַז די ראשונים האָבן אַ טעות געהאַט אין פשט. האָט אים ר׳ יעקבקע ניט געוואָלט אויסהערן. דערביי האָט ר׳ יעקבקע דערקלערט:

— דעם נאָמען מנשה הער איך צום ערשטן מאָל; דעם נאָמען פון דיין שטאָט, איליע, הער איך ערשט פון דיר; טאָ ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דו זאָלסט זיין געדערכטער פון זיי? און ווי שטעלסטו זיך אונטער צו רעדן קעגן גדולים און גאונים?

— וואָס האָט דאָס צום נאָמען פון מיין שטאָט, אָדער צו מיין נאָמען? — האָט ר׳ מנשה געענטפערט — דו הער זיך בעסער צו צו מיינע ווערטער.

אָבער ר׳ יעקבקע האָט שוין מער מיט ר׳ מנשהן קיין מגע ומשא ניט געוואָלט האָבן. מילא, זיינען שוין די יידישע לומדים אויך געווען קעגן אים און ר׳ מנשה האָט שוין לענגער אין בראָד ניט געקאָנט בלייבן. האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. צוריק איז ער געגאַנגען דורך בריסק און דאָ האָט ער זיך באַקענט מיטן בריסקער רב, דער באַוואוסטער גאון א. ל. קאַצענעלענבאָגען. ביי דעם בריסקער רב האָט ער זייער אויסגענומען און ער האָט אים גענומען צו זיך אין שטוב אַריין אויף אַלעם פאַרטיקן, ער זאָל זיין אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. איין תנאי האָט ער נאָר מיט אים אויסגענומען: פאַר די קינדער אין די אויגן זאָל ער ניט רעדן קעגן רש״י און תוספות. ר׳ מנשה האָט דערצו מסכים געווען. עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און ר׳ מנשה האָט עובר געווען אויף דעם תנאי. דער בריסקער רב איז דערויף זייער אויפגעבראַכט געוואָרן. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס ר׳ מנשה האָט קלאָר באַוויזן, אַז ער איז גערעכט געווען, ער האָט געמוזט זיין שטעל פאַרלאָזן און האָט זיך אַ צעבראָכענער אַהיים אומגעקערט (20).

אַ צייט מיט יאָרן האָט ער אַזוי אומגעוואַנדערט און געזוכט רו צום לערנען און אגב אויך חיונה. פלעגט ער דרשענען אין שטעטלעך, שטראָפן יידן פאַר זייערע צווייפלהאַפטע פּרנסות... פלעגט טרעפן, אַז מען פלעגט אים בפרהסיה זידלען, פון בימה אַראָפּ, אָנהעצן אויף אים דעם המון און אים רודף זיין (21).

האָט ר׳ מנשה ווידער אונטערגענומען אַ רייזע קיין אויסלאַנד, דאָס מאָל קיין בערלין. צו וויסנשאַפט האָט ער געשטרעבט און צו רואיקן לערנען. אַלס פאָרבילד האָט פאַר אים געגאָלטן דער בעל „פרי מגדים" און דער בעל „נצח ישראל", וואָס זיינען אויך געלאָפן פון זייערע קעגנער און געפונען שוץ אין בערלין. נאָך לאַנגן וואַנדערן איז ער אָנגעקומען קיין קעניגסבערג. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט פיל ליטווישע און פוילישע סוחרים און געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט געהערט פון אים. אַז ער האָט זיי

דערציילט, דאָס ער וויל פאָרן קיין בערלין לערנען, איז אַ גאַנצע יללה גע־וואָרן צווישן זיי:

— היתכן — האָבן זיי צו אים געטענהט — אַז אַזאַ מענטש ווי דו, זאָלסט גיין אין אַזאַ לאַנד, וואו מען טראָגט קורצע קליידער, געשוירענע באָרד און פאות און ווער עס קומט אַהין, מוז אַרויסגיין לתרבות רעה! פאַרשילטן וועט מען דאָך דיך!

אָבער די אַלע רייד האָבן אויף אים ניט געווירקט. זעענדיק, אַז ר׳ מנשה בלייבט ביי דעם זייניקן, האָבן זיך די סוחרים אַן עצה געגעבן און געגאַנגען אויף אים מיט אַ מסירה... מען האָט ניט צוגעלאָזן אים אַרויסצוגעבן קיין פּאַס, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט כדי צו פאָרן פון קעניגסבערג קיין בערלין, און ער האָט זיך געמוזט אומקערן אַהיים.

אונטערוועגס האָט ער זיך באַקענט מיט באַוואוסטע מאַטעמאַטיקער און זיי באַוויזן זיינע קענטעניש אין דער מאַטעמאַטיק. זיי זיינען נשתומם געוואָרן אויף זיינע גאונישע פעאיקייטן, האָבן אים אָבער דערביי דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט באַקענט געווען מיט דער איצטיקער מאַטעמאַטישער ליטעראַטור, וואָלט ער פיל גרינגער געפונען תשובות אויף זיינע מאַטעמאַטישע פראַגן; אַזוי אָבער איז אים אויסגעקומען צו אַנטדעקן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן שוין פאַר אים אַנטדעקט. דאָס האָט אים פיל פאַרדרוס פאַרשאַפט. איצט האָט ער זיך איינגעשאַפט פיל דייטשע און פוילישע ביכער, אויך העברעאישע ווּיסנשאַפטלעכע ספרים און האָט זיי מיט זיך אַהיים געבראַכט. דאָ האָט ער זיך פאַרנומען לערנען די ביידע שפּראַכן: דייטש און פויליש, אָבער ער האָט דאָס ניט ווייט געבראַכט; אַן אַ ווערטער־בוך האָט ער קיין בוך ניט געקענט לייענען, און די ביכער גופא זיינען אויך אָפט צו אַלט געווען (22).

און מענטשן האָבן ניט געפעלט, וועלכע פלעגן אים נאָכלויערן, אונטער־קוקן אין טיר־שליסל כדי צו זען מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך. זעענדיק, אַז ער האַלט אין האַנט ספרים, וואָס בלעטערן זיך פון רעכטס אויף לינקס, געשריבן מיט משונהדיקער שריפט און דערביי מאַכט ער נאָך עפּעס אַזוינע ווילדע צייכענונגען — האָט מען אויף אים אַלערליי בלבולים אויסגע־טראַכט (23).

6.

ר׳ מנשה איליער האָט געוואוסט פון דער וועלט און פון דער יידישער לאַגע אויף דער וועלט אפשר פיל מער ווי אַלע אַנדערע. אין יאָר 1789, בעת

דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אין מעץ געדרוקט געווען פון צייט צו צייט אַ בלאַט אויף יידיש־דייטש, וואו עס זיינען באַשריבן געווען אַלע געשעענישן פון דער רעוואָלוציע און מנשה איליער האָט זיי באַקומען צו זען אין דער ביבליאָטעק ביי ר׳ יוסף וויאַזינער. די יידן אין האָלאַנד האָבן אין יאָר 1797 באַקומען פאָלשטענדיקע בירגער־רעכט, און אין יאָר 1799 איז דערשינען אַ ווערק אויף העברעאיש מיטן נאָמען „דברי נגידים״ — פון הירש אילפעלד — וואו עס זיינען געדרוקט געווען אַלע רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אינם האָלענדישן פאַרלאַמענט פאַר יידן, און אויך דאָס ווערק האָט ר׳ מנשה איליער געהאַט ביי ר׳ יוסף וויאַזינער אין ביבליאָטעק. דאָס ווערק גופא האָט דער שרייבער פון די שורות ניט באַקומען צו זען. אָבער איידער דאָס ווערק איז דערשינען, האָט דער מחבר פונם „דברי נגידים״ אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע יידן, וואו ער דערקלערט אין קורצן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק.

„... איך וויל איבערגעבן — שרייבט ער אין דעם אויפרוף — וואָס עס איז גערעדט געוואָרן טאָג־טעגלעך אינם באַטאַווישן פאַרלאַמענט וועגן דער פרייהייט פון די יידישע בירגער. און דער נוצן דערפון איז: צו דערציילן יידן, וואָס גאָט האָט מיט אונדז געטאָן און כדי זיי זאָלן קענען זאָגן די פעלקער צווישן וועלכע זיי וואוינען: זעט, אמתע און גערעכטע רייד! זעט, וואָס די באַטאַווער נאַציאָן האָט געזאָגט צו די יידן, וואָס וואוינען מיט איר אינאיינעם: ווי לאַנג נאָך וועט איר זיין צו שאַנד! אאַז״וו. איר פאַרמאָגט דאָך אויך די אייגענע הויכע מענטשלעכע מעלות ווי מיר! דערפאַר זאָלט איר מיט אונז גלייך טיילן דאָס געזעץ, וואָס ליגט אינם מענטשנס נאַטור פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אאַז״וו. און ווידער זאָלן אַלע יידן וויסן, אַז דאָס פאָלק אין אַטאַוויע האָט געשאַפן אַזעלכע געזעצן, וואָס זיינען אויף קיין פאַל ניט קעגן אונזער תורה (24).

און גאַנץ אין גייסט פון אָט די דאָזיקע און ענלעכע רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויך אין פראַנקרייך לטובת די יידן, האָט ר׳ מנשה איליער רעאַגירט אויף די רעפאָרמען פון דער רעגירונג פון יאָר 1804. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער אַליין האָט געשטרעבט צו וויסנשאַפט און פאַרלאַנגט, אַז יידן זאָלן זיך בילדן, האָט אים טיף באַליידיקט דער גייסט פון די דערמאָנטע רעפאָרמען, וועלכע האָבן באַצוועקט צו דערציען יידן, גלייך ווי זיי וואָלטן אין פרט פון אַנטוויקלונג געשטאַנען נידעריקער פון דער גאַנצער

אַרומיקער באַפעלקערונג, און פאַרוואָס זאָל רעכט און פרייהייט אָפּהענגיק זיין פון דער בילדונגס־שטופע פון מענטשן?

האָט ר׳ מנשה איליער גענומען אויף זיך צו באַווייזן דער רעגירונג, אַז יידן זיינען גאָר ניט אַזוי ווילד, ווי אַנדערע מיינען, אַז יידן ווייסן אויך פון חכמה און צווישן זיי געפינען זיך אויך אַנטוויקלטע מענטשן.

און ער האָט אַ ספר אָנגעשריבן אין אַ בריוו־פאָרם, וואו ער האָט אַרויס־געוויזן זייער פיל המצאות און אַנטדעקונגען אין דער העכערער מאַטעמאַ־טיק; ער האָט דאָרט אויך אָנגערירט סטראַטעגישע פראַגן און איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס בוך וועט נויטן די רעגירונג צו ענדערן איר קוק אויף די יידן. ער האָט נאָר געזוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל פאַרשטיין דאָס בוך צו איבערזעצן אויף רוסיש, כדי מען זאָל דאָס קענען צושטעלן אין סענאַט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַן ר׳ יוסף וויאַזנער, זיין נאָענטן פריינט, וועלכער איז געווען אי אַ חכם, אי אַ כלל־טוער, האָט זיך ר׳ מנשה ניט דערלויבט אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך — ווי ווענדן זיך מיט אַ ווערק צום סענאַט. האָט ער דאָס ווערק געוויזן ר׳ יוספן. דער לעצטער איז אויסער זיך געוואָרן דער־זעענדיק דאָס ספר. ער האָט אים נאָך אַנדערע געוויזן און זיי זיינען אויך דערשראָקענע געבליבן. אַלע האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ווען דאָס בוך זאָל אָנקומען צו דער רעגירונג אין די הענט אַריין, וועט דאָס זיין אַן אומגליק פאַר יידן. זייער מאָטיוו:

— ביז איצט האָט אונז די רעגירונג פיינט געהאַט — ווייל זי האָט אונז געהאַלטן פאַר נאַראָנים, פאַר אומוויסנדע. אָבער וואָס קען מען דען פאַדערן פון אַן אומוויסנדן? אַז די רעגירונג וועט אָבער דערזען אָט דעם ספר, וועט זי זיך זאָגן: זעסטו, מיט מאַטעמאַטיק און סטראַטעגיק פאַר־נעמען זיי זיך און מיט ערד־אַרבעט ווילן זיי זיך ניט פאַרנעמען, וועט איר כעס נאָך גרעסער זיין אויף יידן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת איז געבליבן, דאָס מען זאָל דעם ספר פאַר־ברענען, און... מען האָט אים אויך פאַרברענט (25).

מענטשן, וואָס קענען גוט דעם גייסט פון ר׳ יוסף וויאַזינער, קענען בשום אופן ניט צוגעבן, אַז ער האָט צוגעלאָזט מען זאָל אַ ספר — ובפרט נאָך ר׳ מנשהס אַ ספר! — פאַרברענען. אַלנפאַלס איז דעם ספר מער ניט געווען צו געפינען, ניט אין די כתב־ידן און ניט צווישן די געדרוקטע.

אָבער דער דערמאָנטער מאָטיוו האָט ר׳ מנשהן ניט געקענט באַרואיקן און ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט מסכים זיין צו אים. אים איז כלל ניט ניחא געווען, וואָס די רעגירונג האָט אונז פיינט — ווייל זי האַלט אונז פאַר נאַראָנים. און פאַרלאַנגט זי, אַז יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט — וואָלט קיין גרעסערער אומגליק ניט געווען! זאָלן טאַקע יידן אויפהערן צו לעבן נאָר פון האַנדל אַליין און רייסן איינער ביים אַנדערן דעם ביסן פון מויל. און פאַקטיש האָט ער באַוויזן, אַז אַ ייד איז זייער גוט מסוגל צו באַנעמען דעם ענין פון ערד־אַרבעט.

אין מעכאַניק האָט ער שוין פון פריער געהאַט אַ שטיקל ידיעה. איצט, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון יידישער פאַבריקאַציע און ערד־אַרבעט האָט ער זיך נאָך מער פאַראינטערעסירט מיטן מאַשינען־וועזן. האָט ער וואו עס איז דערזען עפּעס אַ מאַשין — האָט ער ניט אָפּגעטראָטן ביז וואַנען ער האָט זי ניט באַנומען מיט אַלע פּרטים. אין דער צייט האָט דער סמאָרגאָנער פּריץ געהאַט באַשטעלט אַ דרעש־מאַשין, וועלכע זאָל אײַנאײַנעם דערמיט אַ ווײַ־מאַשין אויך זיין. ר׳ מנשה האָט די מאַשין גוט באַטראַכט און דורכ־גענומען. האָט ער זיך געזאָגט: אויב דרעשן און ווייען קען מען מיט אַ מאַ־שין און דאָס פאַרשפּאָרט פיל מענטשלעכע אַרבעט, פאַרוואָס זאָל מען קיין אַקער־מאַשין ניט דערפינדן? און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער ממציא געווען אַן אַקער־מאַשין, וועלכע וואָלט מיט איין פּאָר אָקסן געקענט אויס־אַקערן צען מאָל אַזוי פיל, ווי אַ פּאָר אָקסן האָבן ביז איצט אויסגעאַקערט. די המצאה האָט ער געבראַכט צום סמאָרגאָנער פּריץ, נאָכדעם אויך צו אַנדערע פּריצים, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט אַזוי פיל צוטרוי צו אַ יידישער המצאה, אַז מען זאָל זיך לאָזן קאָסטן געלט דערויף — כאָטש דער עצם גע־דאַנק איז זיי געפעלן געוואָרן. האָט ער זיך געווענדט צו די יידישע גבירים, נאָר זיי האָבן אים אויסגעלאַכט: וואָסער שייכות האָט דען אַ ייד צו אַן אַקער־מאַשין? אַזוי איז די דאָזיקע המצאה זיינע פאַרפאַלן געוואָרן.

אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך ממציא געווען אַ מאַשין אויף צו מאָלן שמעק־טאַבאַק. האָט ער זיך געווענדט צו אַ יידן אַ גביר און אים פאַר־געלייגט, אַז ער זאָל אַריינלייגן אַ ביסל געלט דערין און מיטן ריוח וועלן זיי זיך טיילן. דער גביר האָט אים אָבער באַוויזן, אַז אין מסחר וועט ער מיט דעם געלט מער פאַרדינען, ווי אין דער מאַשין... אַליין קיין געלט האָט ער ניט געהאַט, און די דאָזיקע המצאה זיינע איז אויך געגאַנגען לאיבוד (26).

.7

און ר׳ מנשה איליער האָט געהערט וואָס מען רעדט אַרום און אַרום וועגן יידן און האָט געזען ווי אַזוי די יידן רעאַגירן דערויף — און איז זייער אומצופרידן געווען. יידן זיינען פילבאַר געווען צו יעדן ווינטל פון אויבן און זיך אין זייער שאָלעכץ צונויפגעצויגן, באַהאַלטן פון די אויגן און האָבן נאָר פאַרלאַנגט — ביים אַלטן צו בלייבן. צוגעוויינט — צי גוט צי שלעכט — צו זייער לאַגע, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער וועט דאָס נייע נאָך ערגער זיין פאַר זיי. אויף יעדער איבעראַנדערשונג — האָט זי אַפילו געמעגט טראָגן אין זיך גוטע פאָלגן — האָבן יידן געקוקט ווי אויף אַ גזירה און געזוכט זי מבטל צו זיין — ניט רעכענענדיק זיך מיט די ענדערונגען, וואָס די צייט ברענגט מיט זיך.

און דעמאָלט האָט מען דאָך ניט געדאַרפט האָבן קיין שאַרף פּאָליטיש אויג כדי צו זען, וואָס אויף דער וועלט קומט פאָר. אַלע אויגן האָבן געזען, אַז די פרייהייט גייט און איז מנצח פעלקער און לענדער; אַז נאַפּאָלעאָן וואַרפט אַראָפּ מלכים, שטעלט אויף רעגירונגען און אַז אָט די נייעסן ברענגען נאָר גליק פאַר די פעלקער. אין די יאָרן 1806 און 1807 האָט שוין אַ גרויסער טייל דייטשלאַנד געשפּירט נאַפּאָלעאָנס מאַכט, דעם רעפאָרמאַטאָרישן גייסט און יידן אויך אין כלל. נייע לעבנס־צווייגן ווערן געעפנט פאַר זיי — מוזן זיך נאָר די יידן צוגרייטן צו זיי. אינאיינעם מיט די רעפאָרמען וואַקסט די מאַשין, די אינדוסטריע און די מלאכה; דער פויער ווערט פיל־ווייניק פרייער, דער פריץ אָרעמער און דער מסחר הערט אויף צו זיין אַ פעסטע שטיצע פאַר יידן. און בפרט נאָך, אַז אַלע יידן זיינען סוחרים, אַלע האַנדלען מיט אַלץ און איינער שלינגט איין דעם אַנדערן.

ר׳ מנשה איליער האָבן וויי געטאָן די באַשולדיקונגען, וואָס מען שטעלט אַרויס קעגן יידן, אין האַרצן אָבער האָט ער אויך געמוזט מודה זיין, אַז די לעבנס־אָרדענונג ביי יידן איז וויט פון פאָלקאָמענהייט און אַז אין אַ גרויסער מאָס זיינען די יידן אַליין שולדיק דערין. דער יידישער דלות איז אומגעהויער גרויס, אָבער ווי קען דאָס אַנדערש זיין? אַז עס זיינען דאָ מער מיילער ווי אַרבעטס־הענט. יונגע מענטשן האָבן חתונה אויף גאָטס באַראָט און אויפן שווערס קעסט. גאַנצע מחנות ליידיקגייער, אונטער דער מאַסקע פון „לומדים" און „תלמידי חכמים" — כאָטש אין דער אמתן האָבן זיי מיט

לערנען קיין שום שייכות ניט — לעבן זיך רואיק פון צדקה און אויפן חשבון פון קהל. אויב דאָס וועט נאָך ווייטער אַזוי גיין, האָט ער געזען, וועט דער יידישער דלות נאָך גרעסער ווערן, און וואָס ווייטער אַלץ שווערער וועט זיין די נויט אָפּצוהעלפן.

און ווער עס זאָל באַצייטנס זאָרגן דערפאַר איז ניטאָ. די גבירים האָבן נאָר זיך אין זינען, זוכן נאָר געלט צו פאַרדינען; די רבנים און די גדולים זיינען פאַרנומען מיט מחלוקות צווישן חסידים און מתנגדים! די כלל־טוער גייען זיי נאָך און זייער איינציקע אַרבעט איז — מבטל צו זיין „גזירות" אַפילו אַזוינע, וואָס וואָלטן פאַר יעדן געקענט נוצלעך זיין. דאָס פאָלק אַליין, פאַרשטייט ווייניק, אים איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע אַלטע געוואוינהייטן און ווייס ניט מיט וואָס זיך צו העלפן — זיינע פירער לאָזן אים אַ קאָפּ ניט אויפהויבן.

אויב ס'איז אים ניט געלונגען צו ווירקן אויף דער רעגירונג, האָט ער דאָך געוואָלט ווירקן אויף יידן גופא. און ר' מנשה איליער האָט אָנגעהויבן ספרים צו שרייבן.

אין יאָר 1807 האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע ווערק „פשר דבר", און דאָס פאַנאַנדערגעשיקט אין אַלע יידישע שטעט, צו רבנים, כלל־טוער און אָנגעזעענע יידן. דער צוועק פון ספר איז געווען:

„שלום צו מאַכן צווישן די כתות, וואָס האָבן געשפּראַצט צווישן די יידן; צו באַווייזן, אַז די חכמה איז ניט קעגן דער אמונה, און אַז דער דמיון אָן שכל איז פאַלש; צו ווייזן וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס ניט אַרבעטן איז, וואָס ברענגט אום דעם מענטשן און ברענגט אים צו דער נידעריקסטער מדרגה און צו וועקן דאָס פאָלק, אַז עס זאָל זיך נעמען צו אַרבעט און מלאכה" (27).

אויפן שער־בלאַט איז אָנגעשריבן: „איך האָב דעם ספר אָנגערופן „פשר דבר", ווייל איך וויל מאַכן אַ פשרה צווישן די צדיקים". ווער די צדיקים זיינען — זאָגט ער ניט. עס איז אָבער קלאָר געווען, אַז ער האָט דאָ געמיינט דעם ווילנער גאון פון איין זייט און ר' שניאור זלמן לאַדיער פון דער אַנ־דערער זייט. נאַטירלעך, איז ער ניט אויסן געווען די צדיקים גופא, נאָר זייערע נאָכפאָלגער. שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט ר' שניאור זלמנען גערופן צדיק און געשטעלט אויף איין מדרגה מיטן גאון, איז געווען, אַז ווילנע, ווי אויך די גאַנצע מתנגדישע וועלט זאָל זיין אויפגעבראַכט אויף אים.

ער האָט אָבער ניט נאָר דאָס אַליין געטאָן; האַרטע ווערטער רעדט ער — אין ספר — קעגן אים — ניט דערמאָנענדיק אים ביים נאָמען. ער באַשולדיקט אים דערין, וואָס ער האָט ניט געוואָלט זען אַלץ, וואָס אַרום אים טוט זיך. קלענערע פון אים האָבן מורא געהאַט צו רעדן, נייעסן אויפצוטאָן — טאָמער וועט דער המון אומצופרידן זיין, און עס וועט זיי אַרויסקומען אַ רעה. האָבן זיי זיך ליב מער ווי זיי האָבן דאָס פאָלק ליב, זעען זיי און שווייגן. און דאָס פאָלק בלייבט אָן וועג־פירער און אָן אַ לעבעדיק וואָרט. און אַז עס זיינען שוין יאָ פאַראַן גרויסע מענטשן, וואָס האָבן גענוג מוט אין זיך פאַר קיין פאַנאַטיקער ניט מורא צו האָבן — האָבן זיי אָבער נאָר זוכה געווען אַליין צו לערנען, אָבער ניט אַנדערע צו באַלערנען. נאָכמער, מיט זייערע ברייטע פליגלען האָבן זיי געשיצט אינטריגאַנטן, מחלוקת־מאַכער, ניט וויסנ־דיק אַפילו דערפון...

און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס גייט אויף דעם ווילנער גאון (28).

און נאָך די צדיקים גייט דאָס פאָלק, רעדט ער וועגן יידן. אויפן איצט שוין אַלטן און באַקאַנטן שטייגער זוכט ער צו באַווייזן, אַז די וויסנשאַפט איז ניט קעגן דער אמונה, נאָר אדרבה, זי שטאַרקט נאָך די אמונה. ער רעדט דאָרט וועגן חסידים און וואַרפט זיי פאָר: פאַרוואָס זיי לעבן נאָר מיט דער איינבילדונגס־קראַפט, מיט דער פאַנטאַזיע און ווילן פון שכל ניט וויסן. די פאַנטאַזיע, מיינט ער, איז גוט נאָר אַלס וועקער, וואָס וועקט דעם שכל צו אַרבעט — צו באַטראַכטן און באַגרייפן דאָס, וואָס די פאַנטאַזיע זיינע מאָלט אים אויס. ער רעדט דאָרט אויך קעגן די מתנגדים, וועלכע ווילן פון דמיון גאָרניט וויסן; זיי פאַרלאָזן זיך נאָר אויפן טרוקענעם שכל, ווי הילצערנע געצן שטייען זיי. אַפילו ווען זיי דאַוונען, דינען גאָט, איז דאָס אויך אָן אַ סימן פון געפיל, אָן אַ ברעקל פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע. מעכאַניש ווערט אַלץ אָפּגעטאָן. ביי זיי איז רעכט אָנצונעמען, אַז מיטן מעכאַנישן מאַכן מיט די ליפּן — אָן גייסט, אָן כוונה און אָן האַרץ — וועלן זייערע עבירות אָפּגעמעקט ווערן (29). אַלע אינדערפרי גייען זיי אין קלויז אַריין צו גאָטס אַרבעט און זיינען צופרידן, אַז די אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן...

פיל—זאָגט ער דאָרט ווייטער—דאַרף איבערגעאַנדערשט ווערן, אָבער דער פּרט האָט דערויף ניט קיין רעכט. די תורה האָט באַפוילן צו פאָלגן די חכמים פון יעדן דור. זאָלן זיך די גדולי הדור צונויפפאָרן אַלע יאָר און מאַכן די נויטיקע תקנות.

בעת ר׳ מנשה האָט געדאַרפט דרוקן דעם „פשר דבר״, איז יוסף ראָזענסאָן געווען דער צענזאָר פון יידישע ספרים. ראָזענסאָן האָט דעם ספר געלייענט אינאיינעם מיט אַ ווילנער יידישן געלערנטן, וועלכער איז דעמאָלט גראָד ביי אים געווען. נאָכן לייענען האָט דער געלערנטער געזאָגט צו ראָזענסאָנען:

— איך בין מקנא די יידישע גאונים: זיי קענען זיך דערלויבן אַרויסצוזאָגן עפנטלעך אַלץ, וואָס זיי האַלטן פאַר רעכט; זיי האָבן פאַר די פאַנאַטיקער קיין מורא ניט — די תורה איז זייער פאַנצער. אָט איך טראַכט אויך אַזוי, ווי דער מחבר פונם ספר, האָב איך אָבער מורא דאָס אַרויסצוזאָגן — ווייל די רבנים וואָלטן מיך מחרים געווען און דאָס פאָלק וואָלט מיך מיט שטיינער פאַרוואָרפן.

— ניטאָ וואָס די גאונים מקנא צו זיין, — האָט אים ראָזענסאָן געענטפערט — איך קען דאָס פאָלק און זיינע פירער. איך ווייס, אַז ווער עס קומט מיט קריטיק און נייעס, איז ניט זיכער מיטן לעבן — קיין גאונית שיצט ניט דערביי.

און אַזוי איז דאָס אויך געווען.

אַז דער ספר איז דערשינען האָבן די גרויסע רבנים מרעיש עולמות געווען: נייעסן וויל ער גאָר! אַנדערע האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין דאָס, וואָס ער האָט אין ספר פוגע כבוד געווען גרויסע מענטשן, דערהויפט דעם גאון; דריטע — וואו זיי האָבן געפונען דעם ספר, האָבן זיי אים פאַרברענט, כדי ער זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן און פערטנס האָבן זיי פיל כוחות אָנגעווענדט דערויף, צו פאַרטאַדלען דעם מחבר פון ספר און אים מאַכן אַ שם רע... נאָר פון כבוד התורה־וועגן האָט מען אים ניט מחרים געווען און ניט פאַרברענט דעם ספר בפרהסיה (30). אָבער אויסגעראָט דעם ספר האָט מען און מער ווי אַן איינציקער עקזעמפּליאַר, אין בריטישן מוזעאום, איז פון אים ניט געבליבן.

8.

דער נסיון, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין ערשטן ספר, האָט אים דאָך ניט שוואַך געמאַכט און ער איז אין קיין יאוש ניט אַריינגעפאַלן. עס האָבן אויך ניט געווירקט אויף אים די רייד פון זיינע „פריינט און גוטע פריינט וואָס האָבן געוואָלט אָפּהיטן זיין כבוד און געוואָלט אים מאַכן שרעקעדיק

ווי זיי אַליין זיינען״—אַז ער זאָל אויפהערן האָבן צו טאָן מיט אַ וועלט. „איך בין דאָך — שרייבט ער — געבליבן אויף מיין פּאָסטן, ווייל מיין גליק האָט ביי מיר קיין ווערט ניט דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן טובת הכלל״ (31).

און ר׳ מנשה האָט זיך גענומען צוצוגרייטן אַנדערע ספרים צום דרוק. מעגלעך, אַז צוליב דעם טומל, וואָס איז אין דער ליטע געוואָרן צוליב זיין ערשטן ספר, איז ער אַוועק קיין וואָלין, און האָט דאָרט געוואָלט דרוקן זיין ספר „אלפי מנשה״, זיין הויפּט־ווערק. איז ער מיטן דרוקער דורכגעקומען אין פּרייז, מען האָט אָנגעהויבן דרוקן און אָפּגעדרוקט שוין עטלעכע בויגן. איז געקומען אַהין עפּעס אַ פאַנאַטיקער, וועלכער איז ביים דרוקער געווען שטאַרק אָנגעזען, און איבערלייענענדיק דאָס געדרוקטע האָט ער אָנגעהויבן מרעיש עולמות צו זיין אויפן דרוקער:

— ווי דרוקט דאָס אַ ייד אַזאַ ספר, וואָס איז אויסן אונטערצוגראָבן די יסודות פון יידנטום?

דער דרוקער האָט איינגעזען, אַז יענער איז גערעכט, און כדי אָפּצו־וואַשן זיין חטא, האָט ער פאַרברענט די אָפּגעדרוקטע קונטרסים אינאיינעם מיטן גאַנצן כתב־יד. פון ר׳ מנשהס פיליעריקער אַרבעט האָט זיך אים אָפּ־געשטעלט ניט מער ווי דאָס, וואָס אים איז אין זכרון געבליבן (32).

האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, און האָט אָנגעהויבן דעם ספר פון דאָסניי צו שרייבן. אין דער אייגענער צייט האָט ער נאָך אַנדערע ספרים געשריבן און געאָרדנט זיינע ווערק צום דרוקן. און אַלע זיינע ספרים אין דער צייט — אַ משך פון 10 יאָר — פאַרנעמען זיך דערהויפּט מיט פראַגן, וואָס זיינען נוגע דעם אינערלעכן לעבן פון יידן און דערהויפּט דער מאַטעריעלער זייט.

„וואָרום איך האָב זיך אַרומגעזען — שרייבט ר׳ מנשה איליער אין דער פאָררעדע צו זיין ספר „תקון כללי״ (33) — אַז שוין ניט רעדנדיק פון דעם פּשוטן רויב, וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט — ווייל דער שטאַרקערער שלינגט איין לעבעדיקערהייט דעם שוואַכערן, איז די הויפּט־קוועלע פון אַלע רעות, וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט, דאָס, וואָס מענטשן האָבן ניט פון וואַנען צו לעבן. ס׳רוב מענטשן לויפן זוכן פרנסה און געפינען ניט. איינער פון טויזנט לעבט רואיק און די גאַנצע איבעריקע וועלט איז אָרעם, אָן ברויט, הונגעריקע, דורשטיקע, נאַקעטע, אָן אַ וואוינונג, און דערפון נעמען זיך, נאַטירלעך, כלערליי קראַנקהייטן״, און „איך קאָן ניט צוזען

די נויט און דעם צער בעלי חיים פון דער וועלט"... "איך וויל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט־אַרדענונג, אירע באַדערפעענישן און איר צער, ווי אַזוי מענטשן לעבן און מיט וואָס זיי לעבן און וועל דאָס אויפשרייבן. זאָל יעדערער זען צו פאַרריכטן דאָס, צו וואָס ער טויג מער, וועט דאָס זיין נוצלעך פאַר אים און פאַר אַנדערע".

האָט מען דאָך אויך אין די רעגירונגס־ספערן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. כאָטש נאָך דער מלחמה פון 1812, אַז נאַפּאָלעאָן איז געפאַלן, האָט מען זיך מיט יידן פאַרנומען ניט מיט אַזאַ האַסט ווי פריער, ווען מען האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַראייניקן מיט נאַפּאָלעאָנען, אָבער פאַרגעסן אָן זיי האָט מען אויך ניט. אין יאָר 1814 האָט אַלעקסאַנדער באַפעלן, אַז אַ יידישע דעפּוטאַציע זאָל זיצן אין פּעטערבורג, מיט וועלכער דאָס מיניסטעריום וועט זיך האָבן צו באַראַטן וועגן יידישע אַנגעלעגנהייטן. אין יאָר 1817 איז אַרויס דער באַפעל, אַז אַזאַ דעפּוטאַציע זאָל אויסגעוויילט ווערן און אין יאָר 1818 זיינען אויך די וואַלן פאַרגעקומען אין ווילנע.

און צום יאָר 1818 האָט ר' מנשה צוגעגרייט זיינע ווערק. אָבער צו־ליב סיבות, וועלכע זיינען געבליבן אומבאַוואוסט, האָט ער זיי צו דער צייט ניט געקאָנט דרוקן. האָט ער "דערוויל, — אַזוי שרייבט ער אין דער פאָרעדע צום "בינת מקרא" — איידער עס וועלן באַזייטיקט ווערן אַלע מניעות צו דרוקן די גרויסע ווערק", אָפּגעדרוקט דאָס קליינע ספרל "בינת מקרא" (אין יאָר 1818). אַ פּאָר שטעלן פונם דאָזיקן ווערק האָב איך שוין פריער ציטירט, וועלכע האָבן געמוזט אַרויסרופן אַן אומצופרידנ־הייט אין דער יידישער וועלט. דערצו זאָגט ער נאָך דאָרט: "וואו מיר געפינען אויף איין וואָרט צוויי טראָפּ, קומט דאָס דערפון, וואָס יענער, וועלכער האָט די טראָפּ געשטעלט, האָט ניט געוואוסט, וואוהין דאָס וואָרט געהערט, צי צום פריערדיקן ענין, צי צום קומענדיקן"...

אַ גרויסע אומצופרידנהייט האָט דאָס ספרל אַרויסגערופן, אָבער צו קיין גרויסן שטורעם קעגן מחבר האָט דאָס ניט געבראַכט. סוף כל סוף איז דאָס דאָך ניט מער ווי אַ טעאָרעטישע זאַך און קיין פּראַקטישע אויס־פירונגען דערפון האָט ער ניט געמאַכט.

דערפאַר האָט זיין קומענדיקער ספר: "אלפי מנשה" (ווילנע, תקפ"ב, 1822) אַרויסגערופן קעגן ר' מנשהן אַן אומגעהויערן שטורעם.

די ווילנער מנהיגים האָבן שוין געהיט זיין מויל און זיין פעדער. דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן נאָך איידער דאָס בוך איז אַרויס פון דרוק, נאָך איידער עס איז געקומען צו דער שיין פון דער וועלט. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז ער שרייבט דאָרט אין אַן אָרט, דאָס „רבנים האָבן דאָס רעכט מתיר צו מאַכן געוויסע דינים, אַז זיי זעען, אַז די צייט פאָדערט דאָס". האָט ער דאָך בכלל געהאַלטן, אַז קיין אַבסאָלוט גוטס, ווי אַבסאָלוט שלעכטס, איז ניטאָ אויף דער וועלט; אַז אַלצדינג ווענדט זיך אַן דער צייט און אַן די לעבנס־באַדינגונגען פון דער צייט... (34).

דער דאַמאָלטיקער ווילנער רב, ר' שאול קאַצענעלענבויגן, האָט געשיקט רופן ר' מנשהן און אים מזהיר געווען:

— אויב דו וועסט ניט אַרויסוואַרפן פונם ספר די שטעל, אַז רבנים מעגן מבטל זיין געוויסע דינים, זאָלסטו וויסן זיין, אַז איך וועל דעם גאַנצן ספר לאָזן פאַרברענען אויפן ווילנער שול־הויף, פאַר אַלעמען אין די אויגן. ביזן היינטיקן טאָג, האָט זיך נאָך קיין ערלעכער ייד ניט דערלויבט אַזוינע ווערטער פון זיין מויל אַרויסצוברענגען. —

און ר' מנשה האָט געקענט ר' שאולן און גוט געוואוסט, אַז וואָס ער זאָגט וועט ער אויך מקיים זיין. ער האָט די שטעלע אַרויסגעוואָרפן (35), אָבער דער געדאַנק איז דאָך אין פאַרשיידענע ערטער פון ספר גענוג בולט (36). איז דאָך בכלל אוממעגלעך אויסצוראָטן דעם הויפּט־געדאַנק פון אַ ווערק, אויב דאָס ווערק בלייבט.

מעגלעך, אַז די ווילנער מנהיגים האָבן זיך אַזוי דערשראָקן פאַר ר' מנשהס דערמאָנטע ווערטער, ווייל אין דייטשלאַנד האָבן אַזוינע ווערטער געפירט צו רעליגיעזע רעפאָרמען. און דאָך איז דאָס אַן אומזיסטער שרעק געווען. האָט זיך דאָך ר' מנשה געווענדט מיט זיינע ווערטער ניט צו פּי־נאַנסיסטן — ווי דער יידישער רעפאָרמאַטאָר אין דייטשלאַנד, יעקאָבסאָן איז געווען — נאָר צו יידישע גאונים!...

9.

וואָס איז ר' מנשה אויסן געווען מיט זיין הויפּט־ווערק „אלפי מנשה?" דאָס גאַנצע לעבן נעמט ער אַרום, דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע ווי דאָס ספּעציעל־יידישע. ער רעדט דאָ וועגן כלל און וועגן פּרט און פון די באַ־

ציאונגען צווישן איינעם און דעם אַנדערן. ער רעדט דאָ וועגן גשמיות און וועגן רוחניות און ווי ווייט דאָס לעצטע איז פון דעם ערשטן אָפּהענ־גיק. מענטשן זאָגן: דער עיקר מענטש איז די נשמה און די נשמה ווייס ניט פון באַדערפעניש. דאָס איז אמת — זאָגט ר׳ מנשה — „די נשמה גופא דאַרף קיין זאַך ניט. אָבער מען מוז זייער פאַרזיכטיק זיין מיטן גוף — וואו די נשמה רוט״ (36).

און ער הויבט אָן דעם „אלפי מנשה״ מיט פראַגן, וואָס זיינען נוגע דעם גוף, דער מאַטעריאַלער זייט פון מענטשן: פונם שכל מיט די חושים, און באַלד דערנאָך וועגן צוועקן און מיטלען, וועגן „גוט״ און „פאַרגעניגן״, וועגן וויסן און מיינען, אַז מען ווייסט — אָבער שוין פון אָנהויב אָן געפינט איר רייד, וואָס קלינגען משונה אין מויל פון אַ גאון און דערהויפּט נאָך מיט גאַנצע הונדערט יאָר צוריק.

איבערצוגעבן דעם גאַנצן אינהאַלט פונם „אלפי מנשה״ איז כמעט אַ זאַך, וואָס עס איז אוממעגלעך. די שוועריקייט ליגט שוין אַפילו דערין, ווי דער ספר איז צונויפגעשטעלט. אומעטום איז צו באַמערקן, אַז ער האָט זיך גערעכנט מיט זיינע קעגנער און דערום זוכט ער יעדן וועלטלעכן גע־דאַנק צו שטיצן אויף ראיות פון דער גמרא אד״גל. וועלכע פאַרנעמען מער פלאַץ ווי די וועלטלעכע געדאַנקען — כאָטש זיי זיינען דער עיקר אין ספר. דעריבער וויל איך זיך באַמיען נאָר דאָס אַלגעמיינע אַרויסצוזנעמען, כדי כאָטש נאָר אַ באַגריף צו געבן פונם גאַנצן ווערק.

אומצופרידן מיט די יידישע באַשעפטיקונגען, מיטן גרויסן דלות, וואָס נעמט זיך דערפון, וואָס עס זיינען דאָ ביי יידן צופיל אַזוינע, וואָס לעבן פון צדקה, מאַכט ער אַ שאַרפן פאַרוואורף די יידישע מנהיגים, וואָס זאָרגן ניט פאַרן יידישן המון. די מנהיגים וואָלטן געדאַרפט לערנען מיט די מאַסן, און זיי וויזן, אַז זייער גליק הענגט אָפּ פון זייער טעטיקייט און זריזות. מען דאַרף זיי געבן די ידיעות, וואָס זיינען זיי נויטיק צו מלאכה. די אָרעמע לייט וויסן פון זייער אָרעמקייט, און גיט מען זיי די ידיעות, וואָס זיי האָבן נויטיק צו דער פרנסה, וועלן זיי שוין דאָס איבעריקע אַליין דערלערנען — און דערפון וועט אַרויסקומען אַ נוצן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט — ווייל אַלע צרות נעמען זיך פון דלות (38).

זאָגט מען: אויב אַלע וועלן האָבן פרנסה, וועט מען דאָך פאַרגעסן דעם ענין פון צדקה. דערויף ענטפערט ר׳ מנשה, אַז צדקה זאָלן גבירים

געדענקען, אָבער אָרעמע לייט זאָלן דערין פאַרגעסן. ביי זיי דאַרף זיין דער עיקר: זוכן די מעגלעכקייט זיך מפרנס צו זיין מיט די אייגענע קרעפטן, און קומט אים אויס אַמאָל אָנקומען צו צדקה, זאָל דאָס אים פערזענלעך זיין שווער, אומאָנגענעם און זאָל זיך ווענדן צו איר נאָר אין דער העכסטער נויט (39). וואָרעם אַלע קלקולים אויף דער וועלט נעמען זיך פון די לעדיקגייער, וואָס נעמען רואיק צום לעבן פון אַנדערע און טראַכטן אַפילו ניט אַליין צו פאַרדינען און דערמיט צו פאַרגרעסערן דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן (40).

וואָרעם דער פאַרשטענדיקער מענטש פאַרשטייט, אַז די גאַנצע וועלט און אַלע אירע ענינים זיינען ענג פאַרבונדן און פאַרקניפּט איינס מיטן אַנדערן; דער עיקר ציל איז — דאָס גליק פונם כלל, פון דער געזעלשאַפט, דאָס מוז אָבער אַזוי דערגרייכט ווערן, אַז דער פּרט זאָל דערפון ניט ליידן (41).

און ס'קאָן דאָך אַזוי גרינג קלאָר ווערן פאַר אַלעמען, אַז די וועלט קען אַנדערש ניט עקזיסטירן, נאָר סיידן איינער דערפילט דאָס, וואָס עס פעלט דעם אַנדערן. וואָרעם פאַראַן קליינִיקייטן, וואָס איין מענטש קען איינער אַליין מאַכן אינגאַנצן, ווי צ"ב, אַ קלייד אויפנייען, זאָל ער אָבער אָנהויבן אַליין זייען און שניידן און מאַכן פאָדעם און וועבן דאָס קלייד; אָדער זאָל ער פריער גיין גראָבן מעטאַל, שמעלצן, גיסן און מאַכן אַ נאָדל, וועט ער קיינמאָל צו קיין קלייד ניט קומען. שוין ניט־רעדנדיק דערפון, וואָס ס'וואָלט אים דעמאָלט געקאָסט פיל טייערער, נאָר ער וואָלט צו קיין זאַך ניט צוגעקומען. דאָס זעען מיר צ"בביים בויען גרויסע, פיל־שטאָקיקע הייזער, אד"גל (42). און אַזוינע קורצע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע כללים געפינען מיר אין דעם ספר זייער אָפט.

אָבער ניט נאָר מלאכה אַליין. די וויסנשאַפט איז אויך נויטיק צום לעבן פון מענטשן. אויב די גמרא זאָגט, אַז 99 פּראָצענט מענטשן שטאַרבן פון עין־הרע הייסט עס, פון אַ שלעכטער השגחה, ווייל מענטשן ווייסן ניט, וואָס זיי האָבן נויטיק צום געזונט. און וואָלטן דאָס מענטשן פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי אָנגעלעגט מער כוחות דערויף, די דאָזיקע וויסנשאַפט צו פאַרפאָלקאָמען, און ניט קומען דערצו, אַז אומוויסנדע דאָקטוירים זאָלן מאַכן זייערע פּראָבן אויף מענטשלעכע לעבנס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז קוים רעדט ער פון וויסנשאַפט מוז ער שוין באַווייזן, אַז די מעדיצינישע וויסנשאַפט איז דערלויבט על־פּי־דין — באַווייזט ער דאָס... (43).

און וועגן די מנהיגים רעדט ער. מענטשן יאָגן זיך געוויינלעך דערנאָך צו זיין מנהיגים און פאַרשטייער און הויבן אָפילו ניט אָן צו פאַרשטיין ווי שווער דאָס איז אַ מנהיג צו זיין. כדי צו זיין אַ פירער מוז מען פאַרשטיין צו שאַפן האַרמאָניע צווישן די געפירטע אַזוי, אַז די אינטערעסן פונם פרט זאָלן ניט גיין קעגן די אינטערעסן פונם כלל און אויך ניט פאַרקערט. און שטענדיק מוז מען אַכטונג געבן, אַז די אינטערעסן פונם פרט זאָלן ממילא פירן צום גליק פון כלל. ווער קאָן זאָגן, אַז ער פאַרמאָגט דעם נויטיקן שכל דערצו? (44). און דאָך יאָגט זיך יעדער איינער צו זיין אַ מנהיג, כאָטש ער טויג לחלוטין דערצו ניט.

און ווייל דעם אָרעמאַן ליגט שוין אין דער טבע צו אַכטן דעם גביר, דערפאַר נעמט אָפט דער גביר די הנהגה אין זיינע הענט און מיינט, אַז ער האָט גאָר קיין גלייכן ניט. אָבער גראָד דער רייכער פאַרשטייט אַמווייניקסטן, וואָס עס פעלט די מאַסן — ווייל אים אַליין פעלט גאָרניט. און די גאַנצע חכמה פון די גבירים באַשטייט נאָר אין זאָרגן פאַר זיך און געלט צו זאַמלען (45). וואָרעם אויב זיי וואָלטן נאָך אויסער דעם פאַרשטאַנען עפּעס, דאַן וואָלטן זיי דאָך איינגעזען, אַז עשירות האַלט זיך ניט און גייט ניט איבער בירושה על כל פנים ביזן דריטן, אָדער פערטן דור, און זייער אָפט אָפילו ביזן צווייטן דור אויך ניט — דאַן וואָלטן זיי אויך געקוקט מער אויף טובת הכלל. פעלט זיי אָבער דער פאַרשטאַנד. זאָגן זיי: אַלצדינג איז אַ מזל־זאַך! און טראַכטן ניט ערנסט אָפילו וועגן זייערע אייגענע ענינים (46).

נאָר אויב ניט יעדער גביר איז מסוגל צו זיין אַ מנהיג, איז נאָך דערפון ניט געדרונגען, אַז דער מנהיג דאַרף זיין אַן אָרעמאַן. פונקט פאַרקערט: ווער עס האָט אַ התמנות אויף אַ צבור, דאַרף האָבן פּרנסה בהרחבה, לויט דער מדרגה פון זיין שטעל. וואָרעם מיר זעען, אַז די קליי־נע טשינאָווניקעס, וועלכע באַקומען זייער אַ נידעריקן לוין, זוכן זייער פּרנסה פון שוחד־נעמען און קענען דעריבער ניט אויספירן ערלעך דאָס, וואָס זיי זיינען מחויב צו טאָן. דאָס פאַרשטייען אַלע. אָבער ניט אַלע פאַרשטייען, אַז דאָס אייגענע איז אויך נוגע צו ממונים אויף יידישע ענינים, וואָס זיינען שייך צום יידישן דור. וואָרעם, ווען מען וואָלט דאָס פאַרשטאַנען, וואָלט מען באַשטימט מורי הוראות מיט דינים, מענטשן אמתע, זיי גע־געבן פּרנסה ברוח, וואָלטן זיי צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט יעדער זאַך ווי געהעריק, אָרויסצוגעפינען דעם אמת אד״גל (47).

אָבער איצט, צוליב דעם, וואָס עס פעלט פּרנסה, איז אומעטום אַ חורבן, ווי אין אונזער מאַטעריעלער וועלט, אַזוי אויך אין דער גייסטיקער. יעדער נעמט אַן דאָס, וואָס ער הערט פון אַנדערע, ניט צוקוקנדיק זיך און ניט נאָכפאַרשנדיק אפשר האָט דער ערשטער אַ טעות געהאַט. אַזוי אין לערנען און אַזוי אַפילו אין דאַווענען. די קבלה איז דער עיקר און דער שכל גאָרניט. און וואו דער טעות שטעקט אויס די אויגן, זאָגט מען: דאָ שטעקט אַ סוד! אָט נעמט, למשל, „כל נדרי״ די תּפילה איז אַזוי פאַרגרייזט, אַז ס׳קומט אויס ממש ווי קליינע קינדער ריידן: „איך האָב געגעסן מאָרגן״, אָדער „איך וועל עסן נעכטן״ — אַזוי איז דאָס אויסגעמישט די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט. און זאָל מען פאַררייכטן אַ ביסל די בולטע גרייזן, וועט מען דאָך מוזן ענדערן דעם טראַדיציאָנעלן ניגון און דערמיט וועט מען חס ושלום מאַכן ווער ווייס וואָסערע קלקולים אין די עולמות עליונים — ווייל דער ניגון איז פאַרפאַסט געוואָרן על־פּי סוד... ווען איך וואָלט וועלן נאָך ביישפּילן ברענגען, וואָלט צו זיי קיין סוף ניט געווען (48).

עס פאַרשטייט זיך — שרייבט ער באַלד נאָך דעם — אַז איך בין ניט אויסן צו ענדערן וועלכן עס איז מנהג ביי יידן, אָדער צו זאָגן, אַז יעדער אַנדערער קאָן זיך דאָס דערלויבן, אָבער איך פאַרלאַנג, אַז אונזערע גדולים זאָלן זיך צונויפקומען, און פאַרריכטן אַלצדינג, נאָכדעם וועלן מיר זיך פירן לויט זייערע אָנווייזונגען (49).

ער רעדט נאָך דאָ פיל וועגן דער משונהדיקער דערציאונג, וואָס די קינדער באַקומען (50), וועגן די פאַלשע לומדים (51) און נאַרישע חכמים און דאָס אַלץ האָט נאָר די איינציקע ווירקונג געהאַט — אַ וועלט מיט שונאים האָט ער זיך געשאַפן. מען האָט אים ביי זיין לעבן ניט פאַרשטאַנען (52), און דאָס ספר „אלפי מנשה״ ווייניקער נאָך ווי אַלע אַנדערע. און גראָד דערויף האָט זיך ר׳ מנשה איליער ניט גערעכנט. עס איז זיכער געווען — ווי ער שרייבט אין דער הקדמה צו „אלפי מנשה״ — אַז דער ספר איז נויטיק פאַר אַלעמען ווי אַ סידור מיט תּפילות; אַז נאָך דעם, ווי מען וועט זיך באַקענען מיט אים, וועט מען אים „בעטן, אַז ער זאָל שרייבן נאָך און נאָך״, אָבער זיין האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן...

אָבער זעענדיק, אַז דער „אלפי מנשה״ האָט ניט אויפגעטאָן דאָס, וואָס

ער האָט געהאַפּט, איז ער דאָך ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, און די פּעדער פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

שוין אין קומענדיקן יאָר 1823 (תקפ״ג), פאַרעפנטלעכט ער צוויי ספרים מיטאַמאָל: „סמאַ דחיי״ און „שקל הקודש״ — ביידע געדרוקט אין שקלאָוו.

.10

דער ספר „סמאַ דחיי״ איז געווען, דוכט זיך, דאָס ערשטע ביישפּיל, וואָס אַ גאון האָט זיך דערלויבט צו ווענדן צום פּשוטן עולם אין זיין פּשוטער שפּראַך — יידיש. דאָס איז געדרוקט אינאיינעם: אי אויף העברעאיש, אי אויף יידיש. אויף יידיש הייסט דאָס ביי אים „לעבענס־מיטעל״ און ער איז דאָ אויסן צו ווייזן: „אַ רעגולערע פירונג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן און צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן אויף דער וועלט״.

און צוליב אַרויסגעבערישע טעמים האָט ער דעם ספר געדרוקט איינ־ציקע בויגנווייז. ערשטנס, ווייל דאָס דרוקן קאָסט צו טייער און צו קויפן אַ גרויס ווערק, אויסגעבן מיט איין מאָל עטלעכע גילדן איז ניט יעדער אימשטאַנד. צווייטנס, אַז מען קויפט אַ ספר, שטעלט מען אים אַוועק אין אַ זייט און מען קוקט ניט, וואָס אין אים שטייט. אָבער איין בויגן וועט מען געוויס דורכלייענען און מען וועט וואַרטן אויף די קומענדיקע בויגן. און באַלד ווי דער ערשטער בויגן וועט פאַרקויפט ווערן, וועט מען אויף דער אַנדערער וואָך באַקומען אַ צווייטן בויגן און אַזוי ווייטער, ביז דער ספר וועט געענדיקט ווערן (53).

אָבער אויך אָט די האָפענונג זיינע איז ניט דערפילט געוואָרן. ווייזט אויס, אַז קיין קונים האָבן זיך אַפילו אויף איין בויגן אויך ניט געפונען, און מער ווי דאָס ערשטע העפט איז ניט דערשינען.

קיין נייסן אויסער דעם, וואָס מיר ווייסן שוין פון ר׳ מנשהס גע־דאַנקען־גאַנג איז אין „סמאַ דחיי״ ניט צו געפינען. ער ווייזט אויך דאָ דעם חילוק צווישן מענטשן און אַנדערע ברואים און אַז דער מענטש איז אי בטבע, אי לויט די לעבנס־באַדינגונגען אַ סאָציאַלע באַשעפעניש, וועלכע ס׳קאָן ניט אויסקומען אָן דער הילף פון אַנדערע, פון די מיט־מענטשן; אַז דער עיקר איז דאָס גליק פונם גאַנצן כלל, אַז וואָס רייכער דער כלל, אַלץ

גיגסטיקער איז פאַרן פּרט; אַז די וויסנשאַפט איז זייער נויטיק, אַז דעם שכל מוז מען צו אַלצדינג באַנוצן אאַז"וו, אאַז"וו.

נאָר כאָטש ער שרייבט אין דער הקדמה: „אַז ער שרייבט דאָס אַלץ אויף אַ גרינגן לשון, כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין, אַפילו פּשוטע מענטשן", איז דאָך שווער אָנצונעמען, אַז „פּשוטע מענטשן" האָבן פיל פאַרשטאַנען דערפון, וואָס ער האָט אין „סמאַ דחיי" געשריבן. סוף כל סוף איז ער אַפילו אין העברעאיש זייער אַ שלעכטער סטיליסט געווען און דער „סמאַ דחיי" איז אַן איבערזעצונג — כאָטש אַן אייגענע — און זייער אַ שלעכטע איבערזעצונג...

וואָסער איינדרוק דער „סמאַ דחיי" האָט געמאַכט אין זיין צייט — ווייסן מיר ניט. גיכער ווי אַלץ — אַז ער האָט גאָר קיין איינדרוק ניט געמאַכט. דערפאַר האָט אָבער דער „שקל הקודש" גאָר אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט און האָט פאַרן מחבר די ביטערסטע פאָלגן געהאַט: ער האָט שוין מער קיין ספרים ניט פאַרעפנטלעכט!

די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד איז נאָכן יאָר 1818 אַלץ ערגער און ערגער געוואָרן. מען האָט יידן אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן פון די דערפער, טויזנטער מענטשן זיינען געבליבן אָן פּרנסה. די דעפּוטאַטן, וואָס מען האָט אויסגעקליבן און געשיקט קיין פּעטערבורג — וועלכע יידן האָבן אויסגע־האַלטן דערמיט, וואָס מען האָט פאַרקויפט די עטרות פון די קיטלען און פון די טלתים — האָבן קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, אָדער ניט געקאָנט אויפ־טאָן. אין פּוילן זיינען די באַגרענעצונגען פאַר יידן נאָך ערגער געוואָרן ווי אין רוסלאַנד. דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז מען זאָל מאַכן באַגרענעצונגען בנוגע צו יידישע חתונות, כדי די יידן זאָלן זיך ניט אַזוי מערן...

איז געקומען ר' מנשה איליער און פאַרגעלייגט אין „שקל הקודש", אַז יידן זאָלן זען ניט צו זיין אַזוי אָפּהענגיק פון אויסן. דערצו מוזן זיי נאָר זען צו מאַכן בעסערע אָרדענונגען ביי זיך, אינעווייניק.

„...מיר זעען — שרייבט ער — קליינע קינדער זיצן ביים פאָטערס טיש, און אַז זיי וואַקסן אויס, און זיינען שוין אימשטאַנד צו זוכן מיטלען ווי צו לעבן פון אייגענער מי, טראַכטן זיי ניט וועגן דעם, זיי פרעגן ניט, וואָס וועט זיין דער סוף פון אַזאַ פאַלשער שטיצע — ווי לעבן אויף פרעמדן חשבון. און אַז ס'קומט די צייט, ווען זיי מוזן שוין מיט געוואַלד אַרויס פון פאַ־

טערס קעסט, מוזן זיי אָנהויבן צו זוכן נייע וועגן, איז רעכט אַפילו ניט קיין גוטע אויך. ס׳רוב האָבן זיי שוין דעמאָלט פאַמיליעס מיט קינדער, און קאָנען ניט דווקא אויף אַן ערלעכן שטייגער זוכן פּרנסה, נעמט מען זיך צום מסחר, וואָס איז ס׳רוב אַ מלאכה פון רויבעריי, אָפּנאַרעריי מיט ווער־טער און אויסנאַרן געלט. געוויס, ווען מיט מסחר וואָלטן זיך פאַרנומען נאָר יענע, וואָס טויגן דערצו, יעדער לויט זיין פאַרמעגן, וואָלט מען אין מסחר אויך געקענט זיין ערלעך. פאַרנעמען זיך אָבער מיט מסחר אַלע, און ווייל ס׳איז דאָ צופיל האַנדלס־לייט מוז מען פאַלש האַנדלען. דערפאַר מוז יעדערער זען נאָך פון קינדערווייז אַן זוכן מיטלען צום לעבן. געוויס האָט דאָך גאָט אין יעדן מענטשן אַריינגעגעבן אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל אים קאָ־נען מפרנס זיין״ (54).

עס איז קלאָר, אַז וואו אַ סוחר — און וואו איז אַ ייד ניט געווען קיין סוחר? — וואו אַ שווער וואָס האַלט אַן איידעם, אַ תלמיד חכם, אויף קעסט און וואו אַן איידעם, אַ תלמיד חכם, וואָס זיצט אויף קעסט — אַלע זיינען זיי אויפגעבראַכט געוואָרן אויף ר׳ מנשהן. אַגב, האָט מען אויך מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי, אין דער אויסן־וועלט, דערהערן, אַז יידישע גאונים טאַדלען אויך דעם יידישן מסחר און די יידישע פריע חתונות, און עס וועט קומען צו נאָך גרעסערע גזירות. האָט מען געבראַכט דעם ספר קיין ווילנע, און מ׳האָט אים פאַר אַלעמען אין די אויגן פאַרברענט...

נאָך דעם איז ר׳ מנשה געווען צוריקגעצויגן, האָט מער קיין ספרים ניט פאַרעפנטלעכט, נאָר געזעסן און געלערנט און געוויינט אויף יידישע צרות — ווי אויף מאַטעריעלע, אַזוי אויך אויף גייסטיקע. אַן אָנגעזעענער מענטש פון זיין געגנט האָט אים אַמאָל נאָך האַלבע נאַכט געפונען ביי זיך אין צימער ליגנדיק און באַוואַשט זיך מיט טרערן אויף יידישן צער. דאָס האָט אויף אים אַזאַ טיפן איינדרוק געמאַכט, אַז ער איז פון דעמאָלט אָן איינער פון זיינע בעסטע גוטע פריינט געוואָרן (55).

קומענדיק אין סמאַרגאָן, פלעגט ער אַלע פאַרטאָג צונויפנעמען צו זיך אין שטוב אַריין אַ גרויסן עולם פשוטע יידן און לערנען מיט זיי. ס׳רוב פלעגט ער מיט זיי לערנען קורצע כללים פון דקדוק — כדי זיי זאָלן דאַוונען ווי געהעריק און קיין ״תלמיד חכם״ זאָל פון זיי ניט חוזק מאַכן. אַלע שבת צו נאַכט פלעגט ער ביי זיך אין דער היים לערנען מיט פשוטע יידן תורה, חכמה און מוסר (56).

און איבער די חדרים פלעגט ער אַרומגיין, ריידן מיט די חדר־יינגלעך און מיט די רביים, וועגן תורה און וויסנשאַפט. עלטערע בחורים פלעגט ער פאַרהערן און איינריידן, אַז אינאיינעם מיטן לערנען זאָלן זיי עפּעס וועלט־לעכעס קענען. דערהויפּט חשבון. „דאָס — פלעגט ער זאָגן — קאָן אַ יידי־שער יונגערמאַן אַליין, אָן אַ לערער, אויך אויסלערנען". אַליין פלעגט ער זיי שטעלן שאלות אין חשבון און העלפן זיי געפינען תשובות אויף זיי (57).

אין יאָר 1827 (תקפ"ג) האָט ער אָנגענומען סמאָרגאָנער רבנות, וואָס ער האָט דעם גאַנצן לעבן אויסגעמיידט. ער איז אָבער אויף דער רבנות־שטעל גאָר אַ קורצע צייט, אַנדערהאַלבן יאָר, געבליבן.

דעמאָלט איז געווען די צייט פון די „כאַפּער". האָט ר' מנשה געהאַלטן אַן עפנטלעכע דרשה און געזאָגט, אַז די „יידן־כאַפּער" טאָרן ניט גערעכנט ווערן אין כלל־ישראל — וואָרעם יידן זיינען רחמנים בני רחמנים און די „כאַפּער" זיינען אכזרים. האָבן זיך די שטאָט־פירער און זיינע גוטע פריינט דערשראָקן. עס קאָן קומען צו אַ מסירה — האָבן זיי געטענהט, און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל מער וועגן דעם ניט דרשנען.

— אויב ניט צו ריידן וועגן אַזוינע זאַכן — האָט ער געענטפערט — דאַרף איך קיין רב ניט זיין.

און ער האָט זיך באַלד אָפּגעזאָגט פון רבנות (58).

די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן איז ער ניט אַרויסגעפאָרן מער פון דער היים. ער פלעגט אַלץ זיצן און פאַרשרייבן זיינע חדושי תורה. אַ פולן קאַסטן מיט כתבים האָט ער געהאַלטן און אַ משך פון 35 יאָר האָט ער קיינמאָל קיינעם אַ בלעטל ניט געוויזן.

אומנאַטירלעך איז זיין ליידן און זיין לעבן געווען און אומנאַטירלעך איז ער אויך געשטאָרבן. אין יאָר 1832 (תקצ"ב) איז ער געשטאָרבן פון כאָלערע (59).

אין יאָר 1884 (תרמ"ד) איז אויך דער גאַנצער קאַסטן מיט זיינע כתבים פאַרברענט געוואָרן (60). נאָר ווייניק איז איבערגעבליבן און אַ קליינעם טייל דערפון האָט זיין אייניקל, ה' ספּאַלטער, אָפּגעדרוקט אין יאָר 1904 און האָט עס אַ נאָמען געגעבן „דער צווייטער טייל אלפי מנשה", וועלכן איך האָב דאָ עטלעכע מאָל ציטירט. און ביז היינטיקן טאָג, איז נאָך אַפילו קיין רעכטע ביאָגראַפיע וועגן ר' מנשה איליער ניט אָנגעשריבן געוואָרן.

אַט אַזוי האָט געלעבט, געליטן, געאַרבעט און געשטאָרבן דער „איינ־זאַמער דענקער". ביי זיין לעבן ניט אָנערקענט, נאָכן טויט ניט געקענט.

---

(1) זע הקדמה צום „בינת מקרא" פון ר"מ איליער, הוראדנא, תקע"א.

(2) „אלפי מנשה", חלק א׳ סימן קכ"ט, דף 48.

(3) זע „בן פורת" פון ר"מ פלונגיאן, זייט 127.

(4) „אלפי מנשה", חלק א׳, סימן ק"י, דף מ"א, עמוד ב׳.

(5) זע „בן פורת" פון מרדכי פלונגיאן, ווילנע, 1858, זייט 6.

(6) דאָרט.

(7) זע צווייטן טייל „„אלפי מנשה", ווילנע, 1904, זייט 7.

(8) בן פורת, זייט 7.

(9) „סמא דחיי", זייט 15 און ווייטער.

(10) בן פורת, זייט 7.

(11) „אלפי מנשה", צווייטער טייל, זייט 8.

(ה׳ נ. גאָלובאָוו (אין „וואָסחאָד" 1899, נאָיאַבר) שרייבט, אַז „ר׳ מנשה איליער האָט ניט געקענט אָננעמען קיין רבנות דערפאַר, ווייל אַלס רב וואָלט ער דאָך געמוזט זיך האַלטן אין שאלות פסק'ענען אָן שולחן ערוך אַפילו דאָרט, וואו ער האָט דעם דין געהאַלטן פאַר אומגערעכט און ליגט נאָר ווי אַ שווערע לאַסט אויף אידן". דאָס איז לחלוטין ניט ריכטיק. ר׳ מנשה איז ווייט געווען דערפון צו קוקן אויף דעם שולחן ערוך ווי אויף אַ שווערע לאַסט. ער האָט אַליין מדקדק געווען אין אַלע פרטים פון שולחן ערוך און דאָס אייגענע אויך פון אַנדערע געפאָדערט. אויב ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז רבנים קענען אין אַ שעת הצורך עפּעס מבטל זיין פון די עקזיסטירנדע דינים, הייסט עס בכלל ניט, אַז ער איז געווען קעגן דער פּראַקטישער זייט פון שולחן ערוך. אַגב האָט ער דאָך אויף דער עלטער יאָ אָנגענומען אַ רבנות...

(12) „בן פורת", זייט 7.

(13) „אלפי מנשה", טייל 2, זייט 8.

(14) זע „בן פורת", זייט 12, און „אלפי מנשה", טייל 2, זייט 8, 9.

ה׳ ספּאַלטער דערציילט אין „אלפי מנשה" דאָרט, אַז נאָך דער דרשה האָט רבי שמריהו לוריא געפרעגט ר׳ מנשה'ן: פאַר וואָס האָט ער דעם עזות פנים גאָר ניט געענטפערט? ר"מ האָט געשוויגן. גייענדיק אַהיים איז אַ קעלבל אַרויפ־געשפּרונגען אויף ר׳ שמריהו'ן און ער איז אומגעפאַלן. שפּעטער האָט אים ר׳ מנשה געפרעגט: פאַר וואָס האָט ער דעם קעלבל גאָר נישט געזאָגט? „דאָס קעלבל פאַר שטייט דאָך גאָר נישט", — האָט ר׳ שמריהו געענטפערט.

— „נו, און דער, וואָס האָט מיך געזידלט", — האָט ר׳ מנשה געזאָגט, — פאַרשטייט דען יאָ עפּעס?"

(15) צום גרעסטן באַדויערן מוז איך באַמערקן, אַז די פּאָר מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער לעבנס-געשיכטע פון ר׳ מנשה איליער — אי פלונגיאַן,

אי ספּאַלטער — האָבן קיין שום דאַטן ניט אָנגעגעבן בנוגע צום אַנטוויקלונגס-גאַנג פון זיין אינהאַלטסרייכן לעבן. עס איז דערפאַר אוממעגלעך פעסטצושטעלן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיינע מעשים און די געשעענישן אין לעבן, וואָס אַרום אים.

(16) „בן פורת", זייטן 43, 44.

(17) זע „בן פורת", זייט 14.

(18) זע אין דער פאָררעדע צו „בינת מקרא".

(19) זע „בן פורת", זייט 46.

(20) זע „בן פורת", זייטן 46, 48.

(21) דאָרט 49 ; דאָרט 72.

(22)) „בן פורת", זייטן 46, 48.

(23) דאָרט 79.

(24) אַן איינציקער עקזעמפּלאַר פון דעם אויפרוף (געשריבן אויף העברעאיש און דערביי אויך אַ יידיש-דייטשע איבערזעצונג ; אין דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט די שפּעטערע צענזור, וועלכע האָט צענזורירט ר' יוסף וויאַזינער'ס ביבליאָ-טעק, דאָס וואָרט „פּריוויוט" אויסגעמעקט) איז געבליבן פון ר' יוסף וויאַזינער'ס ביבליאָטעק. פון ר' יוספ'ס אַן אייניקל איז ער אָנגעקומען צו ר. ש. ווינער אין פּעטערבורג, וועלכער איז אַזוי פריינדלעך געווען און מיר געגעבן אים איבערצושרייבן.

(25) „בן פורת", זייטן 70, 74.

(26) „בן פורת", זייטן 70, 74.

(27) זע ש. י. סטאַניסלאַווסקי, „השלוח", 1908, באַנד 18, זייט 274.

(28) „בן פורת", זייט 91.

(29) ר"מ איליער פלעגט תמיד זאָגן : דעם חסיד און דעם מתנגד קומט ביידע שמייסן. דעם מתנגד דערפאַר, וואָס ער זאָגט : אַז איך האָב ספרים, צו וואָס דאַרף איך אַ רבי'ן ? און דעם חסיד דערפאַר, וואָס ער זאָגט : אַז איך האָב אַ רבי'ן, צו וואָס דאַרף איך לערנען ? („בן פורת", זייט 131).

ער לאַכט פון די מתנגדישע יידן, וואָס דאַוונען אָן כוונה און פאַרשטייען ניט, וואָס זיי דאַוונען, פאַרלאַזנדיק זיך אויפן מלאך, וואָס ברענגט קרוינען דעם אויבערשטן פון יידישע תפילות, אַז ער, דער מלאך, וועט שוין פאַרשטיין. באַר אויב דער מלאך — פרעגט ער — מאַ צו וואָס גאָר דאַוונען ? זאָל מען לאָזן צו אַפענעם סידור און דער מלאך וועט שוין אַליין מאַן אַלץ, וואָס מען דאַרף... („אלפי מנשה", ח"ב, פרק לח, זייט 49).

(30) „בן פורת", זייט 98.

(31) „העמק שאלה" פון ר' אליער, ציטירט פון „אלפי מנשה", טייל צוויי, זייט 11.

(32) „בן פורת", זייט 99.

(33) ציטירט פון דער פאָררעדע צום צווייטן טייל :אלפי מנשה". דער אַרויס-געבער פונם דאָזיקן טייל, ר' מנשה'ס אַן אייניקל, ר' ספּאַלטער פון סמאַרגאָן, באַ-מערקט דערביי, אַז דער ספר איז פאַרפאַלן געוואָרן און מער ווי עטלעכע איינציקע בלעטער איז פון אים ניט געבליבן.

(34) „אלפי מנשה", זייטן 8, 65 און אויך זייט 49 ; צו די שטעלן וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער אומקערן.
(35) זע „בן פורת", זייטן 97, 100.
(36) „אלפי מנשה", ח"א, זייט 48, סוף עמוד ב'.
(37) „אלפי מנשה", זייט 62, עמוד ב'.
(38) „אלפי מנשה", זייט 42, עמוד א'.
(39) דאָרט.
(40) „אלפי מנשה", זייט 42, עמוד ב'.
(41) „אלפי מנשה", זייט 30.
(42) דאָרט, זייט 66.
(43) דאָרט, זייט 28.
(44) דאָרט, זייטן 28, 29.
(45) דאָרט, זייטן 42, 67.
(46) ציטירט נאָך ב. צ. כּץ, זאַמלבוך „הזמן", באַנד 3, זייט 25.
(47) „אלפי מנשה", זייט 37 עמוד ב', זייט 38 עמוד א'.
(48) דאָרט, זייט 75.
(49) דאָרט, זייט 76, עמוד ב'.
(50) דאָרט, זייט 67, עמוד ב'.
(51) דאָרט, זייט 77, עמוד ב'.
(52) דער באַוואוסטער אַרויסגעבער פון יידישע ספרים, וואָס הייסן „חכמת ישראל", דוד סלוצקי, האָט אין יאָר 1860 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ קיצור פון „אלפי מנשה" און גראָד אויסגעקליבן נאָר זיינע „חדושי תורה", וועלכע האָבן לויט ז י י ן מיינונג אַ ווערט, און דאָס איבעריקע אַרויסגעוואָרפן... אין יאָר 1871 איז אין זשיטאָמיר דערשינען אַ ספר'ל „רבבות אפרים" ק ע ג ן דעם „אלפי מנשה", וואו ר' מנשה איליער ווערט געזידלט מיט די לעצטע ווערטער. דער מחבר האָט זיין נאָמען אויפן ספר'ל ניט געשטעלט.
(53) אין דער פאָררעדע צום „סמא דחיי".
(54) ציטירט פון ד. צ. כּץ, זאַמלבוך „הזמן", באַנד 3, זייט 31.
(55) „בן פורת", זייט 133.
(56) „בן פורת", זייט 68.
(57) דאָרט, זייט 127.
(58) ספּאלטער, פאָררעדע צום 2-טן טייל „אלפי מנשה", זייט 10.
(59) דער זעלבער ספּאלטער שרייבט, אַז ער איז געשטאָרבן אין תקצ"א (1831). אַלע אַנדערע גיבן אָן דאָס יאָר 1832 אַלס דאָס יאָר פון ר' מנשה'ס טויט.
(60) ספּאלטער, דאָרט, זייט 13.

מ. ל. ליליענבלום

(זיין לעבן און אויפטאָן)

קאַפּיטל 1.

ליליענבלומס געבורטס־שטאָט און זיין סביבה

טיף אין זומפּיקן און וואַלדיקן זשאַמעט, ליגט אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען קיידאַן. אַ רעליגיעזע מרה־שחורה רוט איבער דעם שטעטל. די מרה־שחורה קוקט אַרויס פון די אָפּגעשלאָגענע, איינגעהויקערטע ווענט פון די הייזער, ווי פון די אויגן פון זייערע איינוואוינער.

פרום איז דאָס שטעטל. שטרענג־אָרטאָדאָקסיש די יידן, שטרענג־קאַטויליש די גויים. אָרעם איז דאָס יידישע קיידאַן, ווי די ליטווישע באַפעלקערונג פון אַרום, פון וואַנען דאָס שטעטל ציט חיונה. אָבער דאָס איז פאַר בײדן אַ נעבן־זאַך. דער מקור פון א מ ת ע ר חיונה, איז פאַר בײדן אַנדערש־וואו: פאַר יידן — דער קלויז, פאַרן ליטווינער — דער קאָסטיאָל. אָפּגעשיידט זייַנען די בײדע פון אַן אַנדער. נאָר בעת דער ייד לויפט פאַרטאָג צו „ותיקין”, באַגעגנט ער זיין שכן, דעם ליטווינער, אויך לויפנדיק צו דער פריער תפילה. ביידנס מוחות זייַנען פול מיט שדים און רוחות, נסים און מופתים, קמיעות און סגולות, פאַררײדעכצן און אָפּשפּרעכענישן, איבערנאָ־טירלעכן און אומבאַגרייפלעכן, וואָס בײדע האָבן אָנגענומען אויף גוטן גלויבן.

אין 16טן יאָרהונדערט האָט דאָס שטעטל אָנגעהערט צום זשאַמעטער פירשטנטום און געשטאַנען אין רשות פון פוילן. שפּעטער איז דאָס איבער־געגאַנגען צום פירשט ראַדזיוויל. אַ זכר פון די אַמאָליקע רייכע הערשער

אירע, זיינען אין שטעטל געבליבן אלטע חורבות, וועלכע שטימען אזוי גוט צו דער מיסטיש־רעליגיעזער מרה־שחורה, וואס רוט אויף אירע איינוואוינער. דערפאר זיינען די חורבות זיי ליב. א ש ר ע ק איז פאר זיי דאס גימנאזיום, וואס געפינט זיך אין שטאט. הערט מען דאך טאג־טעגלעך די ביטערע קולות, וואס גייען פון דארט. אין שטעטל ווייסט מען, אז דעמאלט שמייסן עס די לערער — די שדים — זייערע תלמידים. און ווען די לערער ווילן ניט, אז מ׳זאל הערן די קולות, האלט מען דעם קאפ פונעם געשמיסענעם אין א פארמאכט קעסטל, אזוי אז מען זאל זיין אטעם ניט הערן בעתן שמייסן.

און די גאטספארכטיקע יידן, ווי קאטאליקן, גייען וויט ארום דאס גימנאזיום, בעת זיי האבן אויף דעם פלאץ פארבייצוגיין. קינדער שיקן אהין בלויז די „מאסקאלישע״ באאמטע, די פארשייטע פריצים פון דער געגנט ארום און א פאר יידן, וואס שטייען לאנג שוין „אויסער דעם גדר״...

אין די פערציקער יארן פון דעם פארגאנגענעם יארהונדערט, זיינען אין קיידאן געווען קנאפע דריי טויזנט יידישע נפשות. א שטאט מיט לומדים. קיידאנער רבנות האט געהאט א שם אויף דער וועלט. פיל בעלי־מלאכות האט קיידאן פארמאגט, ארעמעלייט זיינען זיי געווען, אבער ניט קיין עמי־הארצים.

די קיידאנער ווייבער זיינען געווען זייער געשייט און געזארגט פאר פרנסה, געזעסן אין קראם, געפארן אויף יארידים, דערצויגן קינדער, און די מאנצבילן, די תלמידי־חכמים, זיינען געזעסן און געלערנט און גאט געדינט. אמאל האט מען גערעדט פון פאליטיקע — פארנעמענדיק אלטע קלאנגען, וואס פלעגן, ווייסט גאט פון וואנען, אין א צייט ארום און אין אויסטערלישע נוסחאות, אריינפאלן אין שטעטל אריין.

דאס יידישקייט איז געווען איינגעפונדעוועט און ארכיטעקטאניש־פעסט צונויפגעשמידט מיט אלע פרטים פונעם יידישן לעבן. יידן זיינען באהבה געווען צוגעשמידט צו יידישקייט. ניט אין טראכטן און ניט אין טאן, האט זיך א ייד ניט דערלויבט אפצוטרעטן פון דעם דרך, וואס איז אים איין מאל פאר אלע מאל, און אויף אייביקע צייטן, אנגעוויזן געווען. רואיק האט דער ייד געטראגן זיין עול, וואס איז אים ניט שווער געווען — ווייל דאס א מ ת ד י ק ס ט ע גלויבן האט דאך גאט א י ם באשערט, כדי א י ם זיין לעבן זיס צו מאכן. אבער דאס זיסע לעבן וועט זיך ערשט אנהייבן אויף יענער וועלט. דערפאר איז יענע וועלט דאס איינציקע, פאר וואס עס איז

כדאי זיך מקריב צו זיין אויף ד ע ר וועלט. און ניטאָ גרינגערס ווי אָנצוגרייטן פאַר זיך אַ שיינע עולם־הבא — מען דאַרף נאָר אָפּהיטן, וואָס עס שטייט אין דער הייליקער תורה, אין דער הייליקער גמרא, אין די הייליקע פּוסקים, אין די פיר שולחן־ערוכס און וואָס אונדזערע הייליקע חכמים און גאונים און רבנים און צדיקים און מקובלים, ראשונים און אחרונים, האָבן אין זייערע הייליקע ספרים געהייסן, אוגדז צו גוטן, טאָן.

און „קהל" איז געווען תקיף און גאָטספאָרכטיק און האָט מיט אָפענע אויגן השגחה געגעבן, אַז עס זאָל חלילה וחס אַ האָר ניט געמינערט ווערן אין דת, דערפון, וואָס יידן האָבן בקבלה פון זייערע הייליקע אָבות אבותיהם. און זאָל זיך עמעצער אונטערשטיין אָפּצוקערן פון יידישן וועג, און אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט ער שוין געהאַט אַ געגאָלטן קאָפּ, „שטעקט ער שוין אין געוואָנט" — מ'האָט אים פאַר אַ זעלנער אָפּגעגעבן.

אָט אין דעם שטעטל קיידאַן, קאָוונער גובערניע, איז דעם 29טן תשרי תר"ד (23טן אָקטאָבער 1843) געבוירן געוואָרן משה לייב ליליענבלום.

קאַפּיטל 2.

ליליענבלומס פאָטער און זיין משפחה

ליליענבלומס פאָטער, הירש, איז געווען אַ בעל־מלאכה, אַ באָנדער, אַ גרויסער אביון און אַ יודע־ספר. ער האָט פאַרשטאַנען אָפּצולערנען אַ פּרק משניות און איז קלאָר געווען אין עין־יעקב. צווישן קיידאַנער בעלי־מלאכות איז ער געווען אַ גרויסער חשוב. ער פלעגט זיי צוציען צום לערנען אַ פּרק עין־יעקב צוזאַמען. שבת און יום־טוב פלעגט ער לערנען מיט זיי דעם דאָזיקן שיעור און דערפון משונה הנאה געהאַט. ער האָט עס אויך ליב געהאַט מקרב צו זיין זיך צו „שיינע יידן", האָט זיך אַליין אויך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מיוחס און געפירט שטאַט. אין פרומקייט און אין גוטער יידישקייט איז ער, נאַטירלעך, ניט אָפּגעשטאַנען פון דער גרויסער יידישער הערדע. אַזוי דערציילט ליליענבלום, אַז דער פאָטער זיינער, האָט זיין ערשטער פרוי געגעבן „אַ גט אָן כתובה" דערפאַר, וואָס איר איז אַמאָל אויסגעקומען צו נעכ־

טיקן ביי אַ גוי אין שטוב אָן אַ שומר . . . נאָכדעם האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי, ליליענבלומס מוטער.

דער מוטערס פאָטער איז געווען אַ מלמד אין קיידאַן. ער איז אויך אין קיין זאַך ניט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע קיידאַנער מלמדים און פרומע יידן. נאָר תנ״ך האָט ער געקענט און האָט געהאַט אַ ידיעה אין דקדוק. אָט די קענטשאַפטן זיינע, פלעגט ער זיך באַמיען איבערצוגעבן זיינע תלמידים. אָבער דערמיט אַליין האָט ער ניט יוצא געווען. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך איבערגעבן זיינע תלמידים פאַרשיידענע „ספורי מעשיות״, וואָס האָבן, על פי שכל, געדאַרפט איינפלאַנצן ק ד ו ש ה אין די יונגע הערצער פון זיינע תלמידים. אָבער אין אמתן האָבן זיי אַנגעיאָגט אויף די קינדער אַ מרה־שחורה און געוועבט אין זייערע געדאַנקען אומעטיקע, פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. געווען אויך אַזוינע מיני דערציילונגען, וועלכע האָבן געדאַרפט איינפלאַנצן, אין די קינדערשע הערצער, דאָס גלויבן אין צדיקים און אין מערקווירדיקע נסים. אַ פּאָר ביישפּילן: אַ מעשה מיט רבי יואל בעל־שם, ווי ער האָט אַמאָל מציל געווען אַ יידישע נשמה, וואָס ער, דער ייד, האָט זי פאַר געלט פאַרקויפט די שדים . . . ווי דער זעלבער רבי יואל האָט אַמאָל געהייסן אַן עגונה, זי זאָל קוקן אין אַ כלי מיט וואַסער, וועט זי דאָרט זען דעם מאַן אירן. און אַז זי האָט דעם מאַן דערזען, האָט ער איר געהייסן, זי זאָל אויף גיך אַראָפּכאַפּן די יאַרמעלקע פונעם מאַנס קאָפּ, און זי האָט אַזוי געטאָן . . . אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך דער מאַן אומגע־קערט אַהיים, אָן אַ יאַרמעלקע.

און אַ שיינער ייד, „אַן אמתער מלמד״ — ווי ליליענבלום דריקט זיך אויס — איז אָט דער זיידע זיינער געווען. ער האָט קיינמאָל קיין מוט ניט געהאַט, צו זיין אַ מענטשן דערווידער, אַפילו מיט אַ וואָרט. וואָס איינער האָט געזאָגט, איז ביי אים רעכט געווען; אויף אַלץ האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ . . .

און אַ פעטער האָט ליליענבלום געהאַט — דער מוטערס אַ ברודער — אַ גרויסער מופלג, אַ ווילדער ירא־שמים און „אַ גרויסער טפש״. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטאַרקער אמונה אין „גרויסע יידן״, צדיקים. ער פלעגט זיך שטאַרק אינטערעסירן מיט דער סטרא־אחרא, מיט סמאל

און לילית, מיט זייער מענערשער און ווייבערשער דינערשאַפט און שטענדיק האָט ער געוואוסט צו דערציילן פון זיי און פון זייערע משונהדיקע חפציות. ער האָט געקענט מייסטערהאַפט דערציילן פון דעם מלאך, וואָס רבי יוסף קאַרו פון פּראָג האָט באַשאַפן, פון דעם ווילנער גאונס גולם שוין גאָר ניט צו ריידן. די אַלע וואונדערלעכע מעשיות פלעגט ער דערציילן מיט גרויס התפּעלות. אָבער מיט נאָך גרעסערער התפּעלות, פלעגט ער ריידן פון די ווילנער „בערלינטשיקעס״, וועלכע זיינען, רחמנא ליצלן, אַזוינע שוטים, אַז זיי גלויבן ניט אין אַזעלכע קלאָרע זאַכן, ווי דער זהר און אין די מעשיות פון דער אגדה. ניט אַנדערש פלעגט ער זאָגן, אַז וועמען דער אויבערשטער וויל שטראָפן, נעמט ער אָפּ ביי אים דעם שכל און ער הערט אויף צו באַגרייפן אפילו אַזוינע זאַכן, וואָס מענטשן, מיט אַ שכל הישר, זעען זיי ממש בחוש...

אָט די דריי מענטשן זיינען ליליענבלומען געווען די נאָענטסטע און געהאַט אויף אים די גרעסטע ווירקונג. אונטער זייער השפּעה איז ער פון קינדוויי אָן געוואַקסן און אין זייער שפּינוועבס איז ער געווען איינגעוועבט די ערשטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָרן פון זיין לעבן.

חמשה עשר בשבט פון יאָר תר״ח (1848), דאָס הייסט: אַז ליליענבלום איז אַלט געוואָרן פיר יאָר מיט דריי חדשים, האָט אים דער פאָטער גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן צום זיידן אין חדר אַריין. דער זיידע האָט מיט אים אָנגעהויבן צו לערנען אלף־בית, און מיט דריי חדשים שפּעטער האָט ער שוין געזאָגט גוט עברי. נאָך דאָס אייגענע יאָר הויבט ער אָן צו לערנען חומש. צו זעקס יאָר ווערט ער אַ בקי אין נביאים ראשונים און צו זיבן יאָר לערנט ער שוין גמרא. צו ניין יאָר איז ער שוין אימשטאַנד צו לערנען אַ בלאַט גמרא פאַר זיך, אָן אַ רבין, און צו דער בר־מצוה זאָגט מען אויף אים, אַז דאָס וואַקסט אַ ג ד ו ל ב י ש ר א ל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ חוץ גמרא האָט ער, ווי אַלע אַנדערע יידישע קינדער אין זיין צייט, קיין זאַך ניט געלערנט. צופעליק איז ער געווען אָן אויסנאַם אין איין פּרט: ד ק ד ו ק האָט זיין זיידע מיט אים געלערנט — ווייל ער איז גראָד געווען אַ בעל־מדקדק. און נאָך איינס: ווייל זיין פאָטער איז געווען אַ בעל־אַגדה און אין שטוב זיינען געווען „עין־יעקבס״, מדרשים און אַנדערע דרוש־ספרים, פלעגט ליליענבלום, אין אַ

פרייער שעה, זיך דערלויבן אַריינצוקוקן אויך אין די ספרים און דער פאָטער האָט אים דערין ניט געשטערט. צוליב די אַגדות, האָט ער אויך ליב באַקומען דעם פּיוט פון יום־כּיפּור, וואָס איז כּמעט אינגאַנצן געבויט אויף אַגדות. אין דער זעלבער צייט נעמט דער פאָטער פאַר אים אַ לערער, אויף „אויסצו־שרייבן די האַנט". ביי דעם לערער געפינט ער דעם ערשטן טייל „שירי שפת קודש" פון אדם הכהן לעבענזאָן — **אָבער ער באַקומט אים ניט** לייענען. דערפאַר באַקומט ער צום לייענען שירים פון עפּעס אַ „בריוו־שטעלער". און ער הויבט אָן צו שרייבן שירים, דערהויפּט אָבער שרייבט ער לאַנגע פּיוטים, לויטן אַלף־בית און אין אָנהייב פון די שורות פלעכט ער אַריין זיין נאָמען און דעם פאָטערס נאָמען. און אַז די קיידאַנער „חברה עין־יעקב", וואו דער פאָטער ליליענבלומס איז געשטאַנען בראש, מאַכט דאָס יאָר אַ סיום אויף עין־יעקב, שרייבט לילינבלום אָן, לכּבוד דעם יום־טוב, אַ לאַנגן פּיוט און אין אָנהויב פון די חרוזים קומען די ווערטער: „חברה קדישא עין־יעקב דק"ק קיידאַן". דאָס האָט זייער אויסגענומען ביי לייטן. דער פאָטער איז געווען מלא־שמחה און מענטשן האָבן נביאות געזאָגט אויף אים, אַז ער וועט זיין אַ ב ע ל ־ ל ש ו ן.

אָבער כאָטש לילינבלום איז אין דער צייט געווען נאָך גאָר אַ קינד, זיך פאַרנומען מיט קונדייסעריי, פונדעסטוועגן האָט ער שוין געוואוסט פון „גלות השכינה" און זיך שטאַרק מצער געווען דערויף; ניט איין מאָל האָט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן אויס מיטגעפיל צו דער שכינה אויף איר גרויסן צער . . . זיין פאָטער און דער זיידע האָבן מיט אים געלערנט אויך אַנדערע וויסנשאַפטן, למשל: ח ש ב ו ן — ווי אויסצורעכענען דעם מ ו ל ד; ג ע אָ ג ר אַ פ י ע — וואָס איז נוגע דעם טייך ס מ ב ט י ו ן און די ב נ י ־ מ ש ה; ה י ס ט אָ ר י ע — ווי איינער, אַ הינקענדיקער שניידער פון „בני משה" האָט אַרויסגעזאָגט דעם שם־המפורש און דערמיט געהרגעט אַ רשע; ווי עפּעס אַ פּיטנס אַ זון, איז קינדווייז אַריינגעפאַלן אין גוישע הענט און געוואָרן אַ פּויפּסט און נאָך ענלעכע „היסטאָריעס". דערפאַר האָט ער ניט געוואוסט אַפילו דעם חילוק צווישן רוסישן און פּוילישן אלף־בית, כאָטש ער פלעגט זיך אָנשטרענגען צו לייענען פּויליש און רוסיש פון די נעמען פון די מסכתות, וואָס זיינען געדרוקט געווען אויך אויף פּויליש אָדער אויף רוסיש.

קאַפּיטל 3.

ליליענבלום ווערט אַ חתן און האָט חתונה

זונטיק, דעם 17טן אלול תרי״ז (1857), איז אַ יידענע, אַ קצבס אַ ווייב, געקומען פון ווילקאָמיר קיין קיידאַן אויף קבר־אָבות און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אירס אַ מיידעלע פון עלף יאָר. דעם אייגענעם טאָג האָט מען תנאים געשריבן: דער פערצן יאָריקער ליליענבלום איז פאַר דעם עלף יאָריקן מיידעלע אַ חתן געוואָרן.

„על פי תנאים" האָט זיך די מחותנתטע מתחייב געווען צו געבן דריי הונדערט רובל נדן במזומן און אַכט יאָר קעסט: צוויי יאָר פאַר דער חתונה און זעקס יאָר נאָכדעם.

אויף סוכות פאָרט דער חתן צו גאַסט צו דער כלה, און בלייבט שוין דאָרט אויף קעסט ביז דער חתונה. דאָ געפינט ער זיך אונטער דער השגחה פון זיין פעטער, דער מוטערס ברודער (זע אין צווייטן קאַפּיטל), און לערנט — פריער ביים פעטער גופא, און שפּעטער ביי אַ ראש־ישיבה אַ חריף — ש"ס און פוסקים. ער לערנט אויך פיל פאַר זיך און טוט אַ סך אין יראת־שמים. אַז ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר מיט צען חדשים און די כלה דרייצן יאָר מיט פיר חדשים, האָט מען זיי חתונה געמאַכט.

אייגנטלעך האָט זיך, דורך דער חתונה, אין זיין לעבן גאָרניט געענ־דערט. ווי ער האָט פריער געגעסן קעסט חתנווייז, אַזוי עסט ער איצט קעסט איידעמווייז. די לאַגע ווערט אָבער דאָך אַן אַנדערע: די שוויגער פאַרהאַלט זיך צום איידעם פיל ערגער, ווי די מחותנתטע האָט זיך פאַרהאַלטן צום חתן. פריער איז ער דאָך נאָך געווען, אין אַ געוויסער מאָס על כל פנים, אַ פרעמד קינד; ביי אַ שלעכטער באַהאַנדלונג איז ניט געווען אויסגע־שלאָסן די מעגלעכקייט, זיין פאָטער זאָל דעם שידוך אָפּלאָזן. אָבער איצט, אַז ער איז שוין געווען א י ר ע ר, האָט זי ניט געקאָנט ניט געוועלטיקן איבער אים, פונקט ווי זי האָט געוועלטיקט איבער איר מאַן און אירע קינדער. זי האָט אָנגעהערט צו יענעם מין ווייבער, וועלכע „טראָגן דאָס שטריימל". אַ גרויסע־בעל־גאוה, האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ חכמה און אַלץ האָט געמוזט געשען לויט איר „נאַרישן שכל". זי האָט ליב געהאַט צו גילטן ווי אַן „אשת־חיל", אַ יידענע אַ בריה — און די בריהשקייט אירע האָט דערהויפּט געשטעקט אין דעם, וואָס פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט

האָט זי ניט אויפגעהערט צו שרייען און צו זידלען און צו שילטן איר אייגן הויזגעזינד. פאַר לייטן אין די אויגן, נאָך מער ווי אַז קיינער האָט ניט געהערט — וואָרעם זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד, ווען לייט וועלן זאָגן: „זי טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן עול פון שטוב". מהאי־טעמאַ פלעגט זי אויך פירן געשעפטן, אויף וועלכע זי פלעגט גנבענען געלט פון מאַן, און קלייבן „קניפלעך". און אַז דער מאַן איז געווען געאיינגט, פלעגט זי אונטערשיקן אירע באַקאַנטע ווייבער, זיי זאָלן אים לייען געלט. א י ר געלט, אויף פּראָצענט. דאָס געלט פלעגט זי אין גיכן ווידער אַרויסגנבענען פון מאַן און דעם חוב מאָנען — ווייל זי, אַזוי האָט עס געהייסן, איז ערוב געווען פאַר אים די מלוהטעס.

קיין וואונדער ניט, אַז אַזאַ מרשעת האָט געהאַט די ממשלה אויף איר יונגן איידעם און אים פאַרפינצטערט דאָס לעבן. קיין וואונדער ניט, אַז ער הייבט זיך אָן צו פילן נידערגעשלאָגן, געבונדן, האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן, און זעט נאָר זיך צו קליגן, ווי אויסצומיידן דער שוויגערס בליק און ניט צו טאָן, אָדער צו זאָגן אַזוינס, וואָס קען איר, חלילה וחס, ניט געפעלן.

און אָט די שטענדיקע נידערגעשלאָגנקייט, געבונדנקייט און דאָס מורא האָבן פאַרן פרעמדן ווילן, לאָזט איבער אַ שווערן איינדרוק אויף זיין געמיט אויפן גאַנצן לעבן.

כל ימיו בלייבט ער, אין דעם פּרט, ווי מען זאָגט, אַ בטלן. אין דער קעגנוואָרט פון פרעמדע מענטשן, קאָן ער קיין אויג ניט אויפהייבן, קאָן ער קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסברענגען. די ווערטער, וואָס ער זאָל זאָגן, בלייבן אים שטעקן אין האַלדז — ווי עס וואָלט אים אויסגעפּעלט אָטעם. שטענדיק, ווען ער געפינט זיך צווישן מענטשן, פילט ער ווי אַן אימה אויף זיך פאַר די אַנדערע — גלייך ווי אַלע וואָלטן געווען קליגער פון אים, גרעסערע קענער פון אים, און ער ווערט בטל פאַר זיי.

קאַפּיטל 4.

ליליענבלום ווערט זעלבסטשטענדיק

די זעלבסטשטענדיקייט זיינע באַשטייט אין דעם, וואָס ער הערט אויף צו לערנען מיט אַ רבין און לערנט בלויז פאַר זיך. ער איז שוין איצט אַלט

גאַנצע זעכצן יאָר. גענוג! צייט אָנהייבן צו גיין מיט אַן אייגענעם וועג!

אָבער דער אייגענער וועג פירט אים לכתחילה ניט ווייטער, ווי די פרעמדע וועגן: ער לערנט ש״ס און פוסקים. דערהויפּט פאַרנעמט ער זיך מיט יורה־דעה, וואָס ער האָט פון דער שוויגער באַקומען „דרשה־געשאַנק״. די יורה־דעהס זייַנען געדרוקט געווען מיט פיל מפרשים, און לערנענדיק באַמיט ער זיך אַרויסצובאַקומען דעם קלאָרן דין און אים פאַרשרייבן מיט משנה־לשון, וואָס האָט ביי אים פאַרנומען די גאַנצע צייט.

אָבער אין דעם אייגענעם יאָר, באַמערקט ער די פאָררעדע פונעם רמב״ם צו זיין פּירוש־המשניות, און ער הייבט קוים־קוים אָן פונאַנדערצורייסן זייַנע שטייף־פאַרמאַכטע אויגן. דאָרט ווערט באַהאַנדלט די פאָלגנדיקע פראַגע: אויב גאָט ווייסט פאָרויס — און אַנדערש קאָן דאָך ניט זיין! — וואָס דער מענטש וועט דאָ טאָן און וואָס ער וועט ניט טאָן אויף דער וועלט; אויב דאָס יאָ טאָן ווי דאָס ניט־טאָן איז שוין אין פאָרויס באַשטימט, ווי זשע איז דאָס מעגלעך, אַז דער מענטש זאָל נאָך האָבן אַ פרייען ווילן, לויט וועלכן ער וויילט אויס צו טאָן דאָס גוטע און ניט צו טאָן דאָס שלעכטע? עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז דער מענטש זאָל עפּעס טאָן, ניט אין הסכם מיט גאָטס ווילן! און איז אַלזאָ דער מענטש געצוואונגען צו טאָן אַזוי, ווי גאָט ווייסט, און ניט אַנדערש, און ער איז ניט פריי צו טאָן גוטס אָדער ניט טאָן קיין שלעכטס לויט זיין אייגענער וואָל און אייגענעם ווילן און פאַרלאַנג — דאַן קומט ניט צו באַלוינען דעם מענטשן פאַר זייַנע גוטע מעשים און ניט צו באַשטראָפן פאַר די שלעכטע — ווייל אי די, אי יענע טוט ער בלויז דערפאַר. וואָס ער איז, דורך גאָטס ווילן, געצוואונגען צו טאָן. און אויב אַזוי, איז דאָך די גאַנצע מעשה מיט שכר און עונש אויף יענער וועלט, אַ רעכט ביסל אומקלאָר . . .

דאָס איז געווען דער ערשטער מוק, וואָס האָט אים אָנגעהויבן צו פּיקן אין מוח. צו קיין וויכטיקע רעזולטאַטן און אויספירונגען ברענגט דאָס אים ניט. ער האָט נאָך איצט מורא צו לערנען דעם מורה־נבוכים פון רמב״ם, טאָמער, חלילה, וועט ער ווערן אַן אַפּיקורס. עס הייבט אים אָבער אָן ציען צו חקירה־ספרים. ער קויפט דעם „מלאכת־מחשבות״ פון רבי משה חפץ און ווי דערשטוינט ווערט ער, זעענדיק, אַז דער באַרימטער גאון ר׳ משה חפץ, גלויבט ניט, אַז עס זייַנען פאַראַן שדים אויף דער וועלט, און ער לייקנט אויך אָן דעם כוח פון כישוף — קעגן די מיינונגען, וואָס ווערן

אַרויסגעזאָגט פון די חכמי התלמוד . . . און עס קומט צו נאָך אַ זעמדל צום נייעם שיכט פון געדאַנקען, וואָס הייבט זיך אָן אָפּצולייגן ביי אים אין מוח . . . אין גיכן באַקענט ער זיך מיט אַ בחור אַ למדן, וועלכער קריטיקירט שאַרף די רבנים אין זיין צייט, דעם שטייגער לערנען זייערן און זייער מפלפל זיין זיך. דאָס ברענגט ליליענבלומען צום געדאַנק, אַז די אַלע פּלפּולים — ווי למשל די הדרנס, וואָס מען זאָגט בעת מען מאַכט אַ סיום אויף ש״ס, וואו מען פלייסט זיך צו פאַרפלעכטן דעם סוף ש״ס אין אָנהייב (די משנה פון עוקצין, אין דער משנה פון ברכות), האָבן קיין שום לאָגישן יסוד ניט און זיינען בלויז אויסגעטראַכטע זאַכן, פלוידערייען. וואָרעם רבי יהודה הנשיא, וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, האָט לחלוטין ניט געטראַכט אַריינצולייגן אין די משניות יענע כוונות, וואָס די מפלפלים לייגן אַריין . . .

מיטן אייגענעם בחור האָט ער אַ וויכוח וועגן רש״יס און רבינו תמס תפילין, וואָס ביים עולם איז אָנגענומען די מיינונג — און זי ווערט אויך געבראַכט אין ספרים — אַז משה רבינו איז אַראָפּגעגאַנגען פון הימל און האָט בפירוש געזאָגט, אַז רש״י האָט רעכט. און ליליענבלומען פאַלט איין, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך: זיינען דאָך צווישן די חכמי־התלמוד פאָרגעקומען גרעסערע מחלוקתן, ווי צווישן רש״י מיטן רבינו תם, און יענע מחלוקתן האָבן אויך גרעסערע פאָלגן געהאַט פאַרן יידנטום, פונדעסט־וועגן האָט מען קיינמאָל ניט אַראָפּגעבראַכט משה רבינון, אַז ער זאָל זאָגן זיין מיינונג, און דאָ האָט מען גראָד משהן מטריח געווען פון הימל אַראָפּ! אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ליליענבלום ווערט איבערצייגט, אַז די מעשה איז . . . אַ ליגן! נאָך מער. דער בחור האָט אויך סוף כל סוף מסכים געווען צו זיין מיינונג.

אַ גליקלעכער האָט ער זיך געפילט דעם טאָג, וואָס אים איז געלונגען מיטן אייגענעם שכל צו דערגיין אַן אמת, וועלכער איז לחלוטין קעגן דעם, וואָס עס שטייט געשריבן אין ספרים.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט געלייקנט אין „הייליקע ווערטער״, וואָס שטייען געשריבן אין ספרים. פון דעם טאָג אָן, ריכטיקער: פון דעם לייקענען אָן, הייבט זיך אָן פאַר ליליענבלומען די לאַנגע „איבער־גאַנגצייט״.

קאַפּיטל 5.

ליליענבלום הייבט אָן עפענען די אויגן

דאָס אַלץ, וואָס איז דערציילט געוואָרן אין פאַריקן קאַפּיטל, איז פאָר־געקומען סוף זומער תרכ״א (1861). אין דער אייגענער צייט קויפט ער די „שאַלות ותשובות" פונעם רשב״א, וועלכער האָט געלעבט אין עלפטן יאָר־הונדערט און איז געשטאַנען בראש פונעם רמב״מס קעגנער, וועלכע האָבן די פילאָזאָפיע אין חרם אַריינגעלייגט. דאָרט איז אויך אָפּגעדרוקט די התנצלות פונעם יידישן פילאָזאָף בדרשי. אין דער התנצלות באַווייזט דער בדרשי, אַז אין תלמוד זיינען פאַראַן פיל משונהדיקע אגדות, וואָס עס איז ניט מעגלעך צו גלויבן אַן זיי ווערטלעך — כאָטש ער גלויבט — אַזוי שרייבט ער — אין די נסים, וואָס די חכמי־התלמוד דערציילן, אַז האָבן מיט זיי גופא געטראָפן. ער גלויבט ניט אין קיין גלגולים, וואָס האָט אין מיטלאַלטער געגאָלטן כמעט ווי אַן עיקר פון יידישן דת.

עס איז פאַרשטענדלעך, וואָסער איינדרוק אַט די התנצלות פונעם בדרשי האָט אויף אים געמאַכט. דאַרף מען דען נאָך אַ גרעסערן אויטאָרי־טעט, ווי דער בדרשי איז, כדי צו דערלויבן צו לייקענען אַן ווילדע אַגדות? כדי אויפהערן צו גלויבן אין דעם, וואָס איז אוממעגלעך?

אין דער צייט הייבט זיך שוין אָן פאַר אים אַנצומערקן דער חילוק צווישן מעגלעכן און אוממעגלעכן. אָבער אין קאָפּ בלייבט דאָך אַ מיש־מאַש. דער אייגענער שכל האָט קיין געוויכט ניט — דאָרט, וואו ער געפינט ניט קיין אויטאָריטעט, אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. דערום איז קיין ש י ט ה: אין וואָס צו גלויבן אָדער ניט צו גלויבן, האָט ער ניט. ער גלויבט אָדער ער גלויבט ניט, פון פאַל צו פאַל, אָן אַן אַלגעמיינעם קריטעריום. ער גלויבט ניט אין קיין משונהדיקע אַגדות — ווייל דער בדרשי האָט אויך ניט געגלויבט. אָבער ניט אין אַלע אַזוינע גלויבט ער ניט — ווייל דער בדרשי, זיין אויטאָ־ריטעט, האָט דאָך אויך אין אייניקע געגלויבט. דער בדרשי האָט ניט גע־גלויבט אין גילגולים, אָבער ער גלויבט יאָ — ווייל ניט גלויבן אין גלגול, הייסט ניט גלויבן אין אַ וויכטיקן עיקר פון קבלה, הייסט לייקענען אין דער קדושה פונעם זוהר. דאָס ניט גלויבן הייסט: ווערן אַן אפּיקורס. אָבער קיין אַפּיקורס וויל ער בשום אופן ניט ווערן. און ער לאָזט זיך אַריין אין

איבערטריבענער פרומקייט, אין דביקות.ביידע טעג ראש־השנה און שבת־תשובה, וואָס איז אויסגעקומען דעמאָלט באַלד נאָך ראש־השנה, האָט ער ניט אויפגעהערט מכוון צו זיין דעם שם־הויה — פאַרשטעלן זיך, ווי ער וואָלט געווען אויפגעשריבן מיט שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער — ווי דאָס שטייט געשריבן אין ספרים. אָבער דעם צווייטן טאָג פון „עשרת ימי תשובה", אַז דער מוח איז מיד געוואָרן צו זיין אָנגעבונדן אָן איין וואָרט, אָן איין פאַרשטעלונג, איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן דער מוראדיקער געדאַנק: „פון וואַנען איז דען אייגנטלעך געדרונגען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?" אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט דערהערט, ווי עס שרייט אין אים: „ווער זאָגט עס, אַז עס איז דאָ אַ גאָט?" ער האָט געזוכט זיך צו באַרואיקן דורך דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַזעלכע ספרים, וואו עס ווערט קלאָר באַוויזן, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, איז וואָס מער ער האָט דעם געדאַנק פון זיך געטריבן, אַלץ מער איז ער אים אין קאָפּ געקראָכן. קיין ר א י ו ת פאַר אָדער קעגן האָט ער ניט געהאַט. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה:

ער וועט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ!

כדי צו פאַרטרייבן דעם דערמאָנטן געדאַנק, לאָזט ער זיך אַריין אין פּלפּול. ער קויפט אָן די עכטע פּלפּול־ספרים און פאַרטיפט זיך אין זיי.

אַז ער האָט דעם ערשטן טאָג שבועות תרכ״ב (1862) געמאַכט אַ סיום אויף ש״ס, זאָגט ער אַ פּלפּולדיקן „הדרן" פאַר אַ גרויסן עולם מיט מענטשן. שווער און שוויגער פרייען זיך, דער עולם איז נשתומם פון דער לומדות.

מיט אַ יאָר שפּעטער קומט אויף אין ווילקאָמיר אַ גרופּע „בעל־הבתישע קינדער", יונגעלייט לײַדיקגייער, וועלכע לייענען דעם „הכרמל" און הייבן אַליין אָן אַרויסצוגעבן, אין כתב־יד, אַ וועכנטלעכע צייטונג, אין איין און אייניציקן עקזעמפּליאַר. לילייענבלומען קען מען פאַר אַ בעל־לשון, און ער שרייבט יעדע וואָך אַ שיר פאַר דער צייטונג, די טעמע — די סדרה פון דער וואָך ... אין זעקס וואָכן אַרום ווערט מען אין קלויז געוואָר פון דער „געפערלעכער" קונדסעריי, און דאָס וואָכנבלאַט גייט אונטער. אָבער לילייענבלום באַקומט אַ נאָמען פון אַ „ספרא־רבא" און אַ גרויסן „בעל־מליצה".

אויב אַ בעל־מליצה — דאַרף ער דאָך לייענען „מליצה־ספרים". זוכט ער אויס קלמן שולמאַנס כשרע מליצה־ספרים, ווי „הריסות־ביתר", „מסתרי פּאַריז" און נאָך אַנדערע היי און שטרוי. דעם ווינטער 1863—64 הערט ער אויף זיך צו פאַרנעמען מיט פּלפּול און פאַרברענגט טעגלעך שעהנווייז ביים איינבינדער, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיינע רבנישע „שאלות ותשובות" איינצובינדן. ער איז אָבער אויסן געווען ניט די „שאלות ותשובות", נאָר די השכלה־ספרים, וואָס האָבן זיך געפונען ביים איינבינדער. צווישן אַנדערע געפינט ער דאָרט אויך דעם „אביעזר" פון מרדכי אהרן גינזבורג. ער לייענט אים, האָט הנאה פון אים, אָבער די לעצטע קאַפּיטלעך לאָזט ער ניט געלייענט, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועלן זיי אים אַראָפּפירן פון וועג.

אָנהייב דעם דאַזיקן ווינטער ווערט ער אַלט צוואַנציק יאָר — פאַסט ער דעם טאָג, זיצט דעם גאַנצן טאָג אין טלית ותפילין און לערנט — ווייל דורך דעם, ווייסט דער מחבר פון „תולדות אדם", קומט דער מענטש אריין אין די פופציק טויערן פון קדושה...

אָבער דעם זעלביקן ווינטער שרייבט ער אָן אַ מגילה מיטן לשון פון תנ"ך, מיט נקודות און מיט טראָפּ, וועגן דעם פוילישן אויפשטאַנד און דער מפּלה פון די פּאָליאַקן. איינע אַזאַ האָט ער שוין מיט אַ יאָר פריער געהאַט אָנגעשריבן. דיביידע מגילות גיט ער אַ לערנייִנגל ביי אַ סופר איבערצושרייבן מיט געכתיבהטע אותיות. דאָס לערנייִנגל מאַכט פון זיי עטלעכע קאָפּיעס און פאַרקויפט זיי צווישן ייִנגלעך. דערווייל איז מען אין שטאָט געוואָר געוואָרן פון דער מלאכה זיינער. שטילערהייט האָט מען אָנגעהויבן צו מור־מלען אויף אים, אַז ער איז אַ ב ע ר ל י נ ט ש י ק (דאָס הייסט אַזאַ, וואָס איז אַוועק מיטן דרך פון דער בערלינער השכלה).

דעם קומענדיקן זומער באַקומט ער צו לייענען די שירים פון אד"ם הכהן און מיכה יוסף לעבענזאָן. די שירים, דערהויפּט דעם לעצטנס, מאַכן אויף אים אַ גרויסן איינדרוק. אמת, ער ווייסט, אַז מען טאָר זיי אין קיין ייִדישער שטוב ניט האַלטן; דעם שיר „קהלת" לייענט ער אין בית־הכסא... ער קאָן זיך דאָך אָבער ניט באַפרייען פון דעם רושם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף אים. אין אַ קורצער צייט אַרום קויפט ער יוספס ביכל שירים, נאָר ער שטעלט עס ניט אַוועק אינאיינעם מיט די הייליקע ספרים.

קאַפּיטל 6.

ליליענבלום ווערט אַן אַפּיקורס

אין דעם זעלבן יאָר, 1864, הויבט ער אָן צו צווייפלען, נאָכדעם הערט ער לחלוטין אויף צו גלויבן אין קמיעות און סגולות — אפילו אין אַזעלכע, וואָס זיינען בפירוש דערמאָנט אין דער גמרא . . . אין דער צייט האַלט ער אַ געוועט מיט איינעם, אַז מען טאָר ניט צערייסן קיין לעבעדיקע טויב איבער אַ גוסס — ווייל דאָס הייסט נאָכטאָן געצנדינער (דרכי האמורי). ער פאַרשפּילט אָבער דאָס געוועט (אַ מעסטל קאַרטאָפל) — ווייל דער ווילקאָמירער רב האָט געפּסקנט, אַז מען מעג דאָס יאָ טאָן . . . און שפּעטער קריגט ער זיך אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט זיין שוויגער און מיט זיין ווייב, פאַר־וואָס זיי ווילן דווקא פריער אויסוויגן אַ קאַץ אין נייעם וויגל, איידער מען וועט אַהין דאָס קינד אַריינלייגן . . . ער זעט אויך דערין אַ נאָכטאָן די געצנדינער. צום סוף פונעם זעלבן זומער, דערלויבט ער זיך גרעסערס. מוצאי יום כפּור דערציילט די שוויגער, מיט אַ צובראָכן האַרץ, אַז איר ליכט איז אין שול פאַרלאָשן געוואָרן. און ליליענבלום ענטפערט איר:

— הלואי זאָלן מיר קיינמאָל פון קיין גרעסערן אומגליק ניט וויסן!

פאַר אָט די ווערטער האָט ער נאָכדעם באַצאָלט מיט אַ האַלב יאָר מחלוקת מיט דער שוויגער, וועלכע האָט אים די אַפּיקורסות און די חוצפּה ניט געקענט פאַרגעסן.

נאָר אַז ער לייענט אין „המגיד" צווייפלס אַן אַרטיקל, וואו צווייפל שרייבט, ווי גוט אים איז געווען בעת ער איז געווען אַ מאמין, נאָענט צו גאָט און צו דער רעליגיע, און אַז איצט איז זיין האַרץ קאַלט ווי אייז — פרייט זיך ליליענבלום דערמיט, וואָס ער לעבט בשלום מיטן אייבערשטן, זיין האַרץ איז וואַרעם, און וואָס ער איז ווייט פון די אפּיקורסים, וואָס האָבן אָוועקגעוואָרפן גאָט.

זומער 1865 האָט ער שוין געדאַרפט אַראָפּ פון קעסט. ממילא דאַרף ער זוכן פּרנסה. געוויינלעך, נעמט זיך אַזאַ יונגערמאַן צו מלמדות. אָבער ליליענבלום קאָן קיין מלמד ניט ווערן — ווייל ער קען ניט גיין פון הויז צו הויז בעטן, אַז מ'זאָל אים געבן קינדער צום לערנען. מאַכט ער דאָס אַנדערש: ער איז מגלה פאַר די קלויזניקעס אין דעם קלויז, וואו ער דאַוונט שטענדיק,

אַז ווען ער וואָלט געהאַט תּלמידים, וואָלט ער געמאַכט אַ ישיבה. אין גיכן זאַמלען זיך אַרום אים פופצן בחורים, ער נעמט פון זיי האַנט־געלט און ווערט אַ ראש־ישיבה. צום ווינטער 1865—66 מאַכט ער צוויי ישיבות. אַחוץ דעם לאַדט אים איין אַ גביר און שטילער משכיל, ער זאָל לערנען מיט זיין זון גמרא מיט תּוספות, תּנ״ך און מליצה־ספרים, דקדוק און שרייבן העברעאיש — סך־הכל אַכט שעה אין טאָג פאַר דרייסיק רובל אַ ווינטער. אין איינעם מיטן שכר־לימוד פון די ישיבות, האָט ער עלף רובל אַ חודש — און איז גליקלעך מיט זיין מאַטעריעלן צושטאַנד.

אָבער נאָך גליקלעכער איז ער דערמיט, וואָס ביי דעם גביר אין שטוב, וואָס ער האָט מיט זיין זון געלערנט, האָט ער געפונען עטלעכע ספרים, וואָס ער האָט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. אין די דאָזיקע ספרים, וואָס ער האָט זייערע מחברים געהאַלטן פאַר אויטאָריטעטן, האָט ער געפונען פעסטע ראיות, אַז דער זהר געהערט ניט צו רבי שמעון בן יוחאי, אַז די גאַנצע קבלה איז ניט קיין י י ד י ש ע חכמה, נאָר אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יידישן גבול דורך געטויפטע יידן.

און ער הערט אויף צו גלויבן אין דער קדושה פון קבלה און זוהר.

אינאיינעם דערמיט הייבט ער אָן צו צווייפלען אין אַלץ, וואָס איז איינגעהילט אין סודות, געבויט אויף נסים און נפלאות, וואָס דער שכל קען ניט משיג זיין.

און אַז עס פאַרשווינדט דאָס סודותדיקע, מ׳וואַרפט אַרויס פון קאָפּ דאָס מיסטישע, מען הייבט אָן צו קוקן אויף מענטשן מיט פשוטע אויגן, דעמאָלט זעען די פריערדיקע „הייליקע״ מענטשן אויס ווי מענטשן פשוטע און זייערע לערעס באַקומען אַן אַנדער, אַ פשוטן ווערט.

האָט ליליענבלום אויפגעהערט צו גלויבן אין נסים, אין סודות, אין קבלה און אין אַלץ, וואָס איז למעלה מן השכל, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער תּורה, ווי אויף אַ פשוטער תּורה, אויפן תּלמוד — ווי אויף אַ בוך פאַרפאַסט פון פשוטע מענטשן און איז אַרויסגעוואַקסן פון פשוטן לעבן.
בוך פאַרפאַסט פון פשוטע מענטשן און איז אַריסגעוואַקסן פון פשוטן לעבן.

פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג האָט ער צער, ער האָט אָבער פון איר נחת אויך. עס טוט אים באַנג, וואָס אַזוי פיל קדושה, איז מיט איין מאָל פון אים פאַרשוואונדן, עס פרייט אים אָבער, וואָס זיין שכל איז געלייטערט

געוואָרן, וואָס ער איז צוגעקומען צו השכלה, צו אויפקלערונג. דעמאָלט שטעלט ער פעסט ביי זיך דעם כּלל: „וואָס מ׳קען משיג זיין מיטן שכל — דאָס איז אמת. און דאָס איבעריקע — אויב מיר האָבן דאָס בקבלה פון די נביאים און פון די חכמי התלמוד, נעמען מיר דאָס אָן, אויב ניט — איז דאָס שקר וכזב און מען דאַרף זיך דערמיט ניט רעכענען.

אין דער טעאָריע האָט ער שוין, אַלזאָ, אין דער צייט געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרויס. אָבער פּראַקטיש האָט זיך פאַר אים גאָרניט געענדערט. אַזוי איז אים דעם זעלבן ווינטער אויסגעקומען, דאָס ערשטע מאָל, צו לייענען אברהם מאַפּוס „אהבת ציון". און כּדי אים צו לייענען פּרייטיק צו נאַכט, האָט ער פריער געזוכט אַ היתר דערויף אין „שולחן ערוך", און ביז ער האָט ניט געפונען קיין היתר, האָט ער זיך ניט דערלויבט אים צו לייענען...

און ערב פּסח דאָס זעלבע יאָר האָט ער אין קלויז, וואו ער איז געווען ראש־ישיבה געהאַלטן אויפן שטענדער דעם „אשמת שומרון" און אים געלייענט מיט גרויס התלהבות. נאָר צו דער רעכטער צייט האָט ער אים פאַרמאַכט, געלייענט אין חומש די פּרשה וועגן „קרבן פּסח", ווי דער ווילנער גאון הייסט, און אָפּגעלערנט אין דער מסכת פּסחים די שטעלע, וואָס איז נוגע צום קרבן פּסח — ווי דער דין איז . . .

קאַפּיטל 7.

ליליענבלום וויל טאָן פאַר השכלה און טוט פאַר חזוק הדת

דאָס איז געווען אין יאָר תרכ״ו (1886). ליליענבלום הייבט זיך אָן צו־צוקוקן צו דער גייסטיקער וועלט פון יידן אין זיין שטעטל און באַמערקט משונהדיקע זאַכן. פון איין זייט זעט ער די פרומע, וועלכע גלויבן אין אַלץ — אין גאָט און אין דעם טייוול, אין דער תורה שבכתב און תורה שבעל פּה, וואָס מיר האָבן פון גאָט באַקומען און אין דער קבלה און אין די שבחים פון רבי חיים וויטאַל, וואָס „זיינען געשטיצט אויף הוילע נאַרישקייט". ביי זיי ליגט די קדושה האַרט ביי דער טומאה, און זיי גלויבן אין אַלעם הייליקן ניט דערפאַר, ווייל דאָס איז הייליק, נאָר ווייל זיי גלויבן בטבע אין אַלץ. און פון דער אַנדערער זייט זעט ער יענע ווייניקע, וועלכע האָבן שוין געעפנט די אויגן און גלויבן ניט אין די אַלע נאַרישקייטן, ווי שדים און קבלה. אָבער קוים האָבן זיי אויפגעהערט צו גלויבן אין די שטותים, האָבן זיי אויפגעהערט

צו גלויבן אין גאָט אויך. אַזוי ווי פריער, בעת זיי האָבן געגלויבט, האָבן זיי געגלויבט אין אַלץ, אַזוי איצט, בעת זיי גלויבן ניט, גלויבן זיי אין קיין זאַך ניט.

שוין איצט שטעלט ער די פראַגע אין די אייגענע ראַמען, וואָס די דייטשישע משכילים האָבן זיי מיט אַכציק יאָר פאַר אים געשטעלט. און מיט צוויי יאָר שפּעטער גלויבט ער זי צו פאַרענטפערן אויפן אייגענעם דרך, וואָס מען האָט זי דאָרט געפּרוואוט צו פאַרענטפערן, נעמלעך: דורך רעפאָרמירן די רעליגיע!

אָבער דערוויילע באַנוגנט ער זיך מיט ווייניק. עטלעכע ווילקאָמירער בחורים פאַלט איין צו גרינדן אַ „ביבליאָטעק". מיט דעם כוח פון דער ביבליאָטעק גלויבט ער „אויסצוהיילן"ביידע גרופּעס יידן, פון וועלכע עס ווערט דאָ פריער גערעדט. פון איין זייט וועלן דאָרט זיין ספרים, וואָס קעמפן מיטן אָבערגלויבן, פון דער אַנדערער זייט — וועלן זיי איינפלאַנצן ליבע און אַכטונג צו דער ר י י נ ע ר אמונה, וואָס באַשטייט אין די דרייצן „אני־מאמינס" און אין תלמוד. אָבער „קיין איינציקער ספר, וואָס קען וויפל עס איז שאַדן דעם דת, וועט אין דער ביבליאָטעק ניט אַריינקומען" — אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין די „תקנות" פון דער ביבליאָטעק.

און ליליענבלום שטייט בראש פון דער חברה, וואָס איז, אייגנטלעך, אויסן „מחזק צו זיין דעם דת".

פון איצט אָן הייבט מען אָן ליליענבלומען צו רודפן. עס הייסט „ער פירט אַראָפּ יונגעלייט פון וועג", „ער איז אַן אַפּיקורס", ער לייענט „טרפה־פסול", ווי: „זרובבל" פון י. ב. לעווענזאָן, „שירי תפארת" פון נ. ה. וויזעל, „הצרפתים ברוסיה" פון מ. א גינזבורג אד"גל. אַלע די דאָזיקע ספרים זיינען אַריינגעפאַלן צום רב. און אַז ליליענבלום איז געקומען בעטן, מען זאָל אים די ספרים אָפּגעבן, האָבן אים דער רב מיט דער רביצן מוסר געזאָגט. אין די קלויזן און בתי מדרשים האָט מען ניט אויפגעהערט אויף אים מרעיש עולם צו זיין. אַנדערע האָבן אים געוואָלט פון שטאָט אַרויסטרייבן. דערווייל איז מען געלאָפן איבעררײדן מיט די עלטערן פון זיינע תלמידים, מען זאָל אים ניט געבן קיין קינדער צו לערנען, ווייל ער וועט זיי אָפּשמדן. מער ווי אַנדערע האָבן וואָכן־לאַנג געשטורעמט די צבועיאַקעס און די גראָבע יונגען. און אַז אַ מוכר־ספרים האָט געשיקט מיט בעלי־עגלות השכלה־ספרים קיין ווילקאָמיר, האָבן די בעלי־עגלות דאָס גאַנצע פּעקל ספרים פאַרברענט.

ס׳איז זיך גרינג פאָרצושטעלן, וואָס ער האָט דערביי איבערגעלעבט אין שטוב, פון זיינע אייגענע. זיין פרוי איז פון צער קראַנק געוואָרן און ניט אויפגעהערט צו וויינען; אַלע זיינע באַקאַנטע האָבן אים אויסגעמיטן. אָבער ער איז דאָך געבליבן ביי דאָס זייניקע — ווייל ער איז איבערצייגט געווען, אַז דער אמת איז אויף זיין זייט. און מער ווי דעם אמת צו געפינען איז ער דאָך ניט אויסן געווען.

דעם זעלבן זומער (תרכ״ו — 1886) שרייבט ער צו זיינעם אַ באַקאַנטן אַ בריוו, וואו ער דערציילט אים וואו עס האַלט מיט זיין אַפּקורסות:

„איך גלויב — שרייבט ער — אין דער תורה, און אַז אַלץ, וואָס אין איר שטייט, האָט משה געשריבן ווי גאָט האָט דאָס אים דיקטירט. איך גלויב אין אַלע רייד פון די נביאים — ווייל גאָטס גייסט רעדט פון זיי אַרויס, און האַלט לחלוטין ניט מיט יענע, וואָס מיינען, אַז צוויי נביאים ישעיהו זיינען געווען, און איינעם געהערן די ערשטע 40 קאַפּיטלעך און די איבעריקע 26 געהערן אָן צו אַ צווייטן. איך גלויב, אַז שיר־השירים געהערט געוויס צו שלמה המלך און אַז דעם תהילים — אויסער אפשר אַ פּאָר קאַפּיטלעך — געהערט צו דוד המלך. איך גלויב אין משיחן, אין תחית המתים און אין אַלץ, וואָס ווערט אין דער גמרא געזאָגט וועגן דעם.

איך גלויב, אַז דעם תלמוד, אָדער די תורה שבעל פּה, האָט איינער איבערגענומען פון אַנדערן, אַזוי ביז משה רבינו. אַלץ היט איך אויך אָפּ. איך מיין נאָר, אַז אייניקע זאַכן געפינען זיך דאָרט, וואָס קענען געענדערט ווערן לויט אָרט און צייט. דערביי רעכן איך אָבער, אַז קיינער קען זיך ניט דערלויבט פּאָר זיך דאָס צו ענדערן, אָדער מתיר צו זיין; דאָס קען טאָן נאָר אַן אסיפה פון רבנים.

„ס׳רוב אויסטערלישע אגדות גלויב איך ניט ווערטלעך, נאָר איך דערקלער זיי לויט דער שיטה, וואָס איז אָנגענומען ביי יידישע חכמים. יעדער דין, וואָס יידישע מורי־הוראות פּסקנען, האַלט איך. נאָר מנהגים, וואָס האָבן ניט קיין מקור אין תלמוד, האָבן ביי מיר קיין ווערט ניט. אַזוי, למשל: תשעה באָב אין דער פרי, נאָכן שלאָף, האָב איך די הענט ניט געוואַשן — ווייל איך גלויב ניט, אַז דורך די שדים ליגט אויף די הענט אַ ׳שלעכטער רוח׳ — היינט ווי אַזוי זאָל איך וואַשן די הענט אין אַזאַ טאָג, ווען דאָס וואַשן זיך איז פאַרבאָטן? אויב די חז״ל האָבן געגלויבט אין דער

מציאות פון שדים און כשוף, איז עס דערפאַר, ווייל אין זייער צייט האָבן זיי נאָך ניט געקענט וויסן דעם אמת, און בקבלה פון די נביאים האָבן זיי דאָך דאָס ניט געהאַט".

דאָס איז דער קאַטעכיזם פון זיין גלויבן אין יענער צייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַ רעכטגלויביקער, אַז קיין שפור פון אפיקורסות שטעקט ניט אין אים. ער האָט אָבער ניט געשפירט, אַז שוין דאָס גופא, וואָס ער שטעלט אַוועק די חז"ל אין די גרענעצן פון צייט, און זייערע באַהויפּטונגען פאַרבינדט ער מיט די מיינונגען, וואָס האָבן געגאָלטן אין זייער צייט—אַז אין דעם גופא, זאָג איך, שטעקט שוין אַ שטיק כפירה—לויט ווי עס איז אָנגענומען ביי די רעכטגלויביקע. און ווער עס שטעלט זיך נאָר אויף דעם וועג, מוז אויך דעם גאַנצן וועג דורכמאַכן.

און גאָר אין גיכן האָט ער זיך געמוזט איבערצייגן דעריך. דעם קומענ־דיקן ווינטער לייענט ער אין „הכרמל" אַן אַרטיקל פון ק א ו ו נ ע ר, וועגן יצחק בער לעווינזאָנס ספרים. קאַוונער האָט דאָרט געשריבן, אַז לעווינזאָן איז כלל ניט אויסן געווען דעם תלמוד צו פאַרגעטערן, נאָר אים אויפקלערן, קלאָר מאַכן די סבות, צוליב וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן און די שיטה, אָן וועלכער די חכמי־התלמוד האָבן זיך געהאַלטן. אַז ער האָט נאָכדעם נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם „זרובבל", האָט ער זיך איבער־צייגט, אַז קאַוונער איז גערעכט. די קדושה, וואָס האָט פאַר אים ביז איצט געשוועבט איבערן תלמוד, איז פאַרשוואונדן. ניט אום רוח הקודש האַנדלט עס זיך, און ניט בקבלה פון די נביאים האָבן זיי געהאַט דאָס, וואָס זיי האָבן געזאָגט. דאָס לעבן, דאָס פשוטע טעגלעכע לעבן און זיינע פאָדערונגען, האָבן, אין זייער צייט, דיקטירט די חכמי־התלמוד זייערע הלכות און גזרות. און ווי באַלד אָפּגעוואָרפן דעם רוח־הקודש, דאָס פאַראויסזען אַלע קומענדיקע צייטן — האָט דאָך יעדע צייט אירע פאָדערונגען, וואָס פאַר־לאַנגען באַפרידיקט צו ווערן.

פון איצט אָן בלייבן אים נאָך אומבאַדינגט הייליק בלויז אייניקע הלכות, וועגן וועלכע עס ווערט געזאָגט אין תלמוד, אַז זיי האָט גאָט איבערגעגעבן משה רבינו אויפן באַרג סיני.

אָט דער נייער קוק אויפן תלמוד, וואָס ליליענבלום האָט זיך איצט דער־וואָרבן, באַשטימט זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און זיין עפנטלעכע טעַ־טיקייט.

קאַפּיטל 8.

ליליענבלום הייבט אָן צו שרייבן

דעם ווינטער 1886—1887 האָט ער אַ גוטע קנעלונג געהאַט. עפּעס אַ רייכע אַלמנה האָט אים געגומען פאַר אַ מלמד צו אירע קינדער פאַר 90 רובל דעם זמן. דאָס האָט אַ ביסל אויפגעהויבן זיין אַנזען ביי זיין שוויגער און ביי זיין ווייב. 15 רובל אַ חודש — מסתמא טויג ער דאָך, איז ער דאָך ניט קיין פאַרפאַלענער!

מאַכט זיך אָבער עפּעס אַן עפּידעמישע קראַנקהייט אין ווילקאָמיר. כדי צו קעמפן קעגן דער עפּידעמיע, הייסט דער רב אָפּהאַלטן אַ תענית און לייענען אין די בתי־מדרשים די פרשה קטורת. לויט דער זוהר גיט אָן, איז אָט די פּרשה פון קטורת דאָס בעסטע מיטל קעגן אַן עפּידעמישער קראַנק־הייט. ליליענבלום, וועלכער האָט שוין פון זוהר ניט געהאַלטן, שרייבט אין „המליץ" אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם, און לאַכט אויס די אָבערגלויבער און זייער קאַמפּסמיטל". און ווידער האָט זיך אַלץ צעוויגט אין ווילקאָמיר. אסיפות האָט מען אָפּגעהאַלטן און מען האָט זיך בּאַראַטן, וואָסערע מיטלען אָנצונעמען קעגן דעם אפּיקורס, וואָס לאַכט אָפּ פון „זוהר הקדוש". פאַר־שיידענע מיטלען זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן, ביז — מסירה. אָבער צו קיין פּראַקטישע פאַרפאָלגונגען האָט דאָס ניט געבראַכט.

די גבירטע, זיין ברויט־געבערין, האָט אים אפילו פאַרגעלייגט ניט צו שרייבן מער אין די צייטונגען, וועט זיין „אַזוי וואויל צו אים". ער בלייבט אָבער ביי דאָס זייניקע.

וואָרעם, וואָס הייסט דען: „עס וועט זיין אַזוי וואויל צו אים"? ווי קאָן דען אַ מענטש, מיט אַ וואַך געפיל, צוזען, ווי דאָס יידנטום ברענט „פון צוויי זייטן", מצד דעם אבערגלויבן און מצד דער אַבסאָלוטער כפירה — און בלייבן רואיק? און אין איינעם מיטן יידנטום וועלן דאָך די יידן אונטערגיין. וואָרעם אָן אַ לאַנד און אָן אַ שפּראַך, וואָס קען דען נאָך אונטערהאַלטן זייער קיום?

אָבער מיט וואָס קען מען אָפּהאַלטן דאָס יידנטום און דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג? נאָך לאַנגן טראַכטן און קעמפן מיט זיך, קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איינציקע מיטל דערצו איז: „צו פאַר־

אייניקן דעם דת מיטן לעבן״. דאָס הייסט: אַראָפּצעוואַרפן, מתיר צו מאַכן אַלע חומרות און גזירות און פּאַרבאָטן, וואָס לייגן זיך ווי אַ שווערע לאַסט אויפן מענטשן, וועלכער לעבט מיט דער וועלט און קאָן ניט, אָדער וויל ניט זיין אָפּגעשיידט פון איר. דערמיט וועט גרינג זיין אָפּצוהיטן דעם דת, און דעמאָלט וועלן אים יידן אויך היטן. וואָרעם אַלע מצוות און געבאָטן, ווי זיי שטייען געשריבן אין דער תורה, ניט ווי די חכמי התלמוד האָבן זיי נאָכדעם דערקלערט, זיינען גאָר ניט שווער אָפּצוהיטן. אמת, די תורה נויטיקט זיך אין אַ פּירוש, אָבער דאָס דאַרף ניט שטערן אַראָפּצוואַרפן אַלע חומרות און גזירות, און איבערהויפּט נאַרישע מנהגים, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אויפן דת.

דאָס גאַנצע יאָר 1867 שרייבט ער פון צייט צו צייט קלייניקייטן אין „המליץ״, אָבער זיין הויפּט־געדאַנק לאָזט אים ניט אָפּ. סוף זומער פונעם אייגענעם יאָר רופט אים זיינער אַ באַקאַנטער אַרויס אין דער אויעזד־שטאָט, וואו ער האָט פאַר אים געפונען אַ קנעלונג אויף בעסערע באַדינגונגען, ווי ער האָט געהאַט אין ווילקאָמיר. אָבער דאָ זעט ער ערשט רעכט, אַז זיין געדאַנק וועגן רעפאָרמירן דעם דת מוז אומבאַדינגט דורכגעפירט ווערן. דער יונגער דור, מיט זיינע פרייע גענג, זיינען אים נאָך מער דערווידער, ווי די פרומע מיט זייער אבערגלויבן. און כאָטש די באַדינגונגען זיינען דאָ געווען בעסערע, כאָטש אין ווילקאָמיר האָט ער זיך געפילט עלנט, האָט ער זיך דאָך אומגעקערט קיין ווילקאָמיר און ווייטער געלערנט מיט דער נגידיש־טעס קינדער, וועלכע האָט אַלץ ניט אויפגעהערט אים צו בעטן, אַז ער זאָל ניט שרייבן אין די צייטונגען.

אין דעם ווינטער תרכ״ח (1867—68) שרייבט ליליענבלום זיין ערשטן גרויסן מאמר אין „המליץ״, וואו ער בעט די רבנים רחמנות צו האָבן אויפן יידנטום און אַ ביסל פאַרגרינגערן דעם דת, כדי ער זאָל קענען אָפּגעהיט ווערן.

קאַפּיטל 9.

ליליענבלום קומט צו זיין נאָמען

דעם אַרטיקל האָט ער אָוועקגעשיקט קיין אָדעס, אין „המליץ״, און אַ לאַנגע צייט איז ער ניט געדרוקט געוואָרן. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין געוויינלעכן גאַנג. נאָכן ווינטער איז געקומען דער זומער. די נגידית־

טע האָט מער שוין ניט געקענט אַריבערטראָגן די חוצפה פון איר מלמד, וואָס שרייבט אין די גאַזעטן, כאָטש זי האָט אים געבעטן ניט צו שרייבן. אויף זומער איז ער געבליבן אָן אַ קנעלונג.

די פאַרכטבאַרע פראַגע: „וואָס עסט מען?" שטייט פאַר אים איצט אין איר שרעקלעכסטער געשטאַלט. ער האָט געטראַכט צו פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט זוכן אַ קנעלונג; עס פאַלט אים איין צו פאָרן שטודירן — אָבער ווי אַזוי באַזאָרגט מען דאָס ווייב מיט די צוויי קינדער, וואָס ער דאַרף שפּייזן?

דאָ איז אים די שוויגער געקומען צוהילף. עטלעכע רובל לייט זי אים, עטלעכע רובל לייט ער אָן אַ זייט, אויף וואוכער, און ער ווערט אַ סוחר. דאָס הייסט: ער פאָרט מיט דער שוויגער אין דער אויעזד־שטאָט, שטייט דערביי ווי זי קויפט איין רייז און הירזש און גרויפּן און נאָך אַזעלכע פּראָ־דוקטן, און עפנט אַ קראָם אין ווילקאָמיר. די פרוי זיינע איז די פאַרקוי־פערקע, די שוויגער — די קאַסירשע, און אים האָט מען געצוואונגען צו ניאַנטשען די קינדער, כדי ער זאָל קיין צייט ניט האָבן זיך צו פאַרנעמען מיט זיינע טרפה־פּסולס.

די סחורה האָט מען אין גיכן אויפגעגעסן, די חובות זיינען געבליבן און די מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך.

אַ כאַראַקטעריסטישע איינצלהייט. בעת ער איז מיט דער שוויגער געווען אין דער אויעזד־שטאָט, איז ער שבת בייטאָג אַרייגעגאַנגען צו זיינעם אַ באַקאַנטן משכיל. דער האָט אים פאַרגעלייגט צו נעמען מיט זיך עקזעקמפּליאַרן „שירי יהודה" — פון י. ל. גאָרדאָן. זאָגן, אַז ער קען זיי 5
ניט נעמען, ווייל מען טאָר ניט טראָגן אום שבת — אין שטאָט איז קיין עירוב ניט געווען — האָט ער ניט געקאָנט. האָט ער די ספרים גענומען אונטערן פאַלע, און האָט זיך באַמיט צו גיין ווייניקער פון פיר איילן מיט אַ מאָל, ד"ה נאָך יעדערע פאַר טריט זיך אָפּשטעלן אָפּרוען, ווי דער דין איז...

מיר האָבן דאָ ביז איצט כסדר גערעדט פון ליליענבלומען. אין אמתן איז נאָך אין דער צייט אַזאַ נאָמען אויף דער וועלט ניט געווען. אָפיציעל איז ער נאָך דעמאָלט געווען אַ נעלם, אין ערגעץ ניט קיין פאַרשריבענער. גערופן האָט מען אים הערליכטזאָן. און אין דער צייט, וואָס מיר האַלטן דאָ, פאָרט ער קיין קיידאַן, זיין געבורט־שטאָט, זיך לאָזן פאַרשרייבן. אָבער ווילקאָמירער „חשובים" שרייבן אַ בריוו צו קיידאַנער קהל, אַז מען זאָל אים

בשום אופן ניט פֿאַרשרײַבן מיט זײַן אפּיקורסישן נאָמען. דער רב האָט מסכּים געווען מיט קהל און די ווילקאָמירער „חשובֿים״, ער האָט אָבער געבעטן בײַ ליליענבלומען, ער זאָל כאָטש אײן יאָר ניט שרײַבן אין די צײַטונגען. ליליענבלום זאָגט דאָס אים צו, אָבער בתּנאַי — אויב זײַן בקשה, אַז מען זאָל אים לאָזן בײַ זײַן פֿאַמיליע וועט ווערן דערפֿילט. דערמיט איז אָבער קהל ניט מרוצה. און דער רב פּסקנט: ער קאָן זיך ווײַלן וואָסער פֿאַמיליע ער וויל, אויסער הערליכטזאָן. און פֿון הערליכטזאָן ווערט ליליענבלום.

אין דער צײַט איז אין „המליץ״ דערשינען ליליענבלומס ערשטער אַרטיקל: „ארחות התּלמוד״ (דער שטייגער פֿון תּלמוד), וועלכער האָט כּמעט קײן שום אײַנדרוק ניט געמאַכט. אויסער אײן אינהאַלטסלאָזער תּשובֿה פֿון אַן אומבאַוואוסטן מענטשן, האָט זיך אַפֿילו קײנער אויף דעם ערשטן אַרטיקל ניט אָפּגערופֿן. ליליענבלומען האָט דאָס זייער געערגערט. וואָרעם ער האָט דאָס אַרטיקל געשריבן מיט בלוט, אָנגערירט האָט ער אַזאַ פֿראַגע, וואָס איז נוגע דעם קיום פֿון יידנטום, און צום סוף זאָל דאָס קײנעם ניט אָנרירן.

אָבער די צרת־הכּלל מאַכן אים דאָך ניט פֿאַרגעסן זײַן אייגענע צרה: די הונגער־פּראָגע! ער ווענדט זיך קײן קאָוונע צו זײַן באַקאַנטן משה פּראָזער, און יענער, נאָך מיט אײנעם, באַמיען זיך און געפֿינען פֿאַר אים אַן אָרט צו לערנען מיט קינדער גמרא פֿאַר 120 רובל אַ זמן מיט שבתים עסן. אָבער אײדער נאָך דער זמן האָט זיך אָנגעהויבן, איז יענער געוואָר געוואָרן, אַז ליליענבלום איז אַ גרויסער אַפּיקורס, און פֿון דער קנעלונג אין קאָוונע ווערט גאָרניט.

קומענדיק פֿון קאָוונע צוריק קײן ווילקאָמיר, געפֿינט ער דאָך זעקס לעקציעס, וועלכע ברענגען אים הונדערט רובל דעם ווינטער. אין גרויסן דלות, בעת דער קראַנקהייט פֿון זײַנע בײדע קינדער, שרײַבט ער אַ צווייטן אַרטיקל, „נוספֿות לארחות התּלמוד״ (אַ צוגאָב צום שטייגער פֿון תּלמוד). דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן מיט כּעס און פֿאַרדרוס — ווי אים איז געווען אויפֿן האַרצן. צום סוף ווינטער איז דער מאמר געדרוקט געווען.

איצט איז מען שוין ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען גלײַכגילטיק פֿאַרבײַ זײַן אַרטיקל.

קאַפּיטל 10.

„ארחות התלמוד"

צוויי סיבות: דאָס אבערגלויבן און דאָס אַבסאָלוטע אומגלויבן, האָבן געבראַכט ליליענבלומען צום געדאַנק, אַז ס'איז נויטיק נעענטער מאַכן, מקרב צו זיין דעם דת צום לעבן. דאָס נעענטער מאַכן האָט געדאַרפט באַשטיין אין דעם, אַז די רבנים זאָלן מתיר מאַכן יענע איסורים, בטל מאַכן יענע גזירות און חומרות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַ געוויסער צייט, צוליב געוויסע סיבות. ממילא איז איצט, לעבנדיק אין אַנדערע צייטן, אַז יענע סיבות זיינען מער ניטאָ, האָבן אויך די גזרות און די חומרות, וואָס זיינען אויף זיי געבויט, מער קיין זין ניט. אחוץ דעם, דאַרפן די רבנים בטל מאַכן אַלע יענע נאַרישע מנהגים, וואָס האָבן קיינמאָל קיין זין ניט געהאַט און זיינען ביי אונדז אויפגעקומען צוליב פאַרשיידענע קאַבאַליסטישע פיקציעס.

דער פועל־יוצא דערפון וועט זיין אַ דאָפּלטער: ערשטנס, וועט עס פּאַקטיש גרינגער מאַכן דאָס לעבן פאַר יענע הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס צוליב די נייע לעבנס־באַדינגונגען פילן זיי זיך געדריקט אונטערן שווערן עול פון די איבעריקע דינים, און דערלויבן זיך ניט אים אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך. צווייטנס, איז יענע, וואָס דערלויבן זיך אַליין אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך געוויסע קלייניקייטן, ווערן שוין צוליב דעם פאַררעכנט פון אַנדערע פאַר מופקרים. אַזוי קוקן זיי אַליין אויך אויף זיך. און וויבאַלד אַז סיי־ווי אַ מופקר, דערלויבן זיי זיך שוין עובר זיין אויף וויכטיקערע זאַכן אויך, אַפילו אויף אַזוינע, וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן. אַנדערש וועט עס אָבער זיין, ווען די ניט וויכטיקע חומרות וועלן אויפהערן צו זיין פאַרבאָטן. דעמאָלט וועט דער, וואָס וועט זיי ניט האַלטן, ניט קוקן אויף זיך ווי אויף אַ מופקר, ווייל אַנדערע וועלן אַזוי ניט קוקן אויף אים, און קוים וועט ער דערמיט ניט זיין אָפּגעשיידט פון אַנדערע יידן, וועט ער זיך מער ניט דערלויבן אַזוי גרינג עובר צו זיין אויף האַרבערע זאַכן. און די נאַרישקייטן, וואָס שטיצן זיך אויף קבלה, מוז מען מבטל זיין, כדי אַז אויסער די דערמאָנטע מאָטיוון, זאָלן מיר ניט אויסזען אַזוי ווילד נאַריש אין לייטישע אויגן.

פון איין זייט ווייזט ער אויף די טעאָרעטיקער פון די אומגלויביקע, אַז ניט אַלע דינים און חומרות און גזירות לאָזן זיך מעסטן מיט איין מאָס. שוין ניט ריידנדיק פון די געזעצן, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, נאָר עס זייגען אויך פאַראַן הלכות, וואָס אין דער תורה שטייען זיי ניט, אָבער די חכמי־התלמוד האָבן זיי באַקומען בקבלה פון די נביאים, ווי הלכות, וואָס זיי זייגען אויסגעווייניק געזאָגט געוואָרן משהן אויף דעם באַרג סיני. און אויך אַט די הלכות טאָרן ניט אַנגערירט ווערן. און מיט אַ גרויסער בקיאות אין תלמוד, ווייזט ער זיי אויף, אַז אַלע זייערע רייד וועגן דעם, אַז אַזוינע הלכות זייגען בכלל ניטאָ, זייגען געשעפּט פון דער לופט אד״גל.

פון דער אַנדערער זייט ווייזט ער אויף די רבנים, אַז ניט אַלע דינים שטעקן באמת אין דער תורה; אַז פיל פון זיי האָט מען געשאַפן דערפאַר, ווייל דאָס דעמאָלטדיקע לעבן האָט אַזוי געפאָדערט. נאָר כדי צו געבן אַ חזוק די דאָזיקע דינים אָדער גזרות, האָבן זיך די חכמי־התלמוד געפלייסט זיי אויסצודרינגען פון אַ פּסוק, פון אַ וואָרט, פון אַן אות, אָדער אַ פּינטעלע אין דער תורה.

ווי געזאָגט, האָט דער אַרטיקל אויף קיינעם פון די צדדים קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. און דאָס איז נאָר געווען נאַטירלעך.

די טעאָרעטיקער פון די פרייע האָבן געשוויגן דערפאַר, וואָרעם אַלע רייד ליליענבלומס, אין דעם אַרטיקל, האָבן זיי געמוזט אויסזען נאַאיוו, זיין אַרט דענקען נאָך ניט צייטיק גענוג, ווייל זיינע געדאַנקען זייגען ניט דערטראַכט ביזן סוף. און דעם פונקט „הלכות למשה מסיני״, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זייגען זיי לאַנג שוין געהאַט אַריבערגעגאַנגען. וואָרעם בעת ער האָט זיך נאָך ערשט באַמיט צו באַווייזן, אַז דער תלמוד אָדער די „תורה שבעל פה״, איז אין זיינע הויפּט־פּרינציפּן געבויט אויף דער תורה, אָדער „תורה שבכתב״, איז ביי זיי שוין לאַנג קלאָר געווען, אַז, פאַרקערט, די תורה שבכתב איז געבויט אויף תורה שבעל פה . . . וואָרעם ביז מתן־תורה האָבן דאָך יידן טויזנטער יאָרן געלעבט לויט געוויסע נאָרמען. אויך איידער משה האָט זיי געגעבן די תורה, האָבן זיך יידן געפירט לויט געוויסע געזעצן און מנהגים, וועלכע דאָס לעבן האָט געשאַפן און האָבן זיך אין גאַנג פון לעבן אַנטוויקלט. אַנדערש וואָלטן אפילו די מיטגלידער פון איין משפחה, פון אַ שבט שוין גאָר ניט צו ריידן, ניט געקאָנט לעבן אין איינעם. אַט די אַלע געזעצן און מנהגים זייגען ביז משהן אין ערגעץ ניט געווען

פאַרשריבן, נאָר אויסנווייניק — אָדער בעל־פה — זיינען זיי איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אין איינעם מיטן שטייגער לעבן, וואָס האָט זיך פון דור צו דור אַנטוויקלט. וואָס מען געפינט אין דער תורה האָט משה, אַלזאָ, ניט פון קאָפּ ערשט אויסגעטראַכט, נאָר געבויט אויף יענע געזעצן און מנהגים, וואָס האָבן פאַר אים שוין עקזיסטירט. אַ טייל פון זיי, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר באַזונדערס נויטיק זיי זאָלן אויך ווייטער בלייבן, האָט ער פאַרשריבן, זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן. יענע נאַרמען, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר שעדלעך, האָט ער פאַרשריבן און אַנגעזאָגט זיי ניט צו טאָן. פיל מנהגים אָדער געזעצן האָט ער אויך ווייטער געלאָזט ניט פאַרשריבן. עס איז אויך צו זען פון פיל געזעצן פון דער תורה, אַז זיי שטיצן זיך אויף אַנדערע, ניט־פאַרשריבענע, נאָר אין פאָלק דאָך באַוואוסטע און אָנגענומענע געזעצן.

נאָך אַזאַ אויפפאַסונג לאָזט זיך, נאַטירלעך, ניט מאַכן קיין חילוק צווישן איין מין געזעצן און אַ צווייטן; לאָזט זיך ניט זאָגן: ביז אַהער קאָן מען מבטל זיין, ווייל דאָס איז אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין איינעם מיט די באַדערפעניש פון לעבן, און דאָס איבעריקע טאָר מען ניט אָנרירן — ווייל ס׳איז געגעבן געוואָרן פון משהן און דאָס גלייכן. וואָרעם דאָס, וואָס משה האָט געגעבן, איז אויך אויסגעוואַקסן פון לעבן ...

דערצו האָבן דאָך שוין יענע טעאָרעטיקער געוואוסט פון אַ רעפאָרם־באַוועגונג צווישן די יידן אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָט געהאַט אַ געשיכטע פון זיבעציק יאָר. אַלע טענות פאַר און קעגן דער רעפאָרם האָבן זיי מער שוין ניט איבערראַשט. זיי האָבן שוין איצט נאָר געהאַט פאַר זיי דעם ווערט פון „שטרוי אין שייער“ ...

און מיט דעם טייל, וואו לילינבלום האָט זיך געווענדט צו די רבנים, וואו ער האָט געפאָדערט רעפאָרמען, וואו ער האָט אויפגעוויזן די נישטיקייט פון פיל חומרות, זיינען זיי צופרידן געווען.

די רבנים, פון זייער זייט, זיינען צופרידן געווען מיט דער פּאָלעמיק קעגן די קריטיקער פון תלמוד, וועלכע פאַרנעמט מער ווי דריי פערטל פון דעם אַרטיקל. דערפאַר האָבן זיי אים מוחל געווען די שקצריי, וואָס ער האָט זיך דערלויבט קעגן אייניקע מנהגים. און בפרט, אַז אַפילו בנוגע צו די מנהגים, וואָס זיינען אים ניט געפעלן, האָט ער אויך באַוויזן, אַז דער יחיד טאָר זיך ניט דערלויבן עובר צו זיין אויף זיי, כל זמן אַן אסיפה פון גרויסע רבנים האָט זיי ניט מבטל געווען. הייַנט דער טאָן, די תחנונים,

מיט וועלכע ער האָט גערעדט צו די רבנים, האָט זיי לחלוטין ניט געקאָנט אויפרעגן. דערום האָבן זיי דאָס ביסל גיפט געלאָזט אויסוועבן, דעם האָניק — אויפגעגעסן און רואיק געבליבן.

ביני לביני האָט דער אַרטיקל אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. וואָס האָט ליליענבלומען זייער ווײ געטאָן.

קאַפּיטל 11.

„נוספות לארחות התלמוד"

כאָטש דער צווייטער אַרטיקל הייסט בלויז „נוספות" (אַ צוגאָב) צום ערשטן, איז ער דאָך, סיי לויטן בוי און סיי לויטן ציל, אַ גאַנץ זעלבסטשטענ־דיקע זאַך, נאָר דער אינהאַלט בכלל איז דער אייגענער, וואָס פריער: רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך.

דער טאָן איז אַן אַנדערער און די פּיילן זיינען קאָנצענטרירט בלויז אין איין ציל — אין די רבנים. און אַ סך דינים האָט ער דאָ אויסגערעכנט, וואָס מען דאַרף זיי, לויט זיין מיינונג, מבטל זיין, און צווישן זיי אַזוינע, וואָס זיינען ביי יידן שטאַרק אָנגענומען.

דאָ רעדט ער בפירוש, אַז אַ סך דינים אין שולחן־ערוך שטיצן זיך ניט בלויז אויף אגדות, אויף קבלה און דערגלייכן יסודות, וואָס שטייען אין ווידערשפּרוך מיטן מענטשלעכן שכל־הישר, נאָר שטיצן זיך אָפט אויף חלומות, וואָס האָבן זיך דעם איינעם אָדער אַנדערן פּוסק געחלומט, אָדער אויף אַ פּלפּול, וואָס האָט אויך קיין שייכות ניט צום געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד.

און דאָ זאָגט ער אויך אַרויס די מיינונג, אַז עס איז פאַלש אָנצונעמען, אַז די חכמי־התלמוד זיינען געווען בעלי רוח־הקודש, געגליכן צו מלאכים און דעם אויבערשטנס ווילן האָבן זיי צוגעטראָפן. ניין, די חכמי־התלמוד, שרייבט ער, זיינען געווען נאָר קלוגע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט מיט זייער צייט, פאַרשטאַנען די באַדערפעניש פון דער צייט, און האָבן זיך באַמיט די תורה צוצופּאַסן צום לעבן. דער שולחן־ערוך אָבער איז פול מיט דינים, וואָס האָבן קיין צובונד ניט צו קיין צייט, און די איצטיקע רבנים

ווילן צופאַסן דאָס לעבן צו נאַרישע דינים, מנהגים און חומרות, וואָס האָבן קיין שום יסוד ניט אין תלמוד און קיין זין ניט אין לעבן. נאָך מער, ווייל די דינים און חומרות מערן זיך און זייער צאָל וואַקסט אָן שום יסוד און אָן שום שיטה, דעריבער, איז וואָס מער דער צוים פון די חומרות וואַקסט, וואָס העכער ער וואַקסט, אַלץ גרעסער איז די געפאַר, אַז דער צוים זאָל ניט אײַנגאַנצן אײַנפאַלן.

און ער ברענגט אַ גאַנצע רייע ראיות דערצו, ווי ווייט די פּוסקים און די רבנים האָבן איבערטריבן אין זייערע פאַרבאָטן און פאַרווערן, אסרן און טריף־מאַכן אויף פאַרשיידענע געביטן, און גראַד אויף אַזוינע, וואו יידן זײַנען אַממייסטנס פאַרזיכטיק. אַזוי רעכנט ער אויס אַ גאַנץ צעטל איבער־טריבענע חומרות בנוגע צו פּסח, צו יום־כיפור, צו נידה און דאָס גלייכן. ער רעדט וועגן גיין אָן אַ היטל, וועגן מאַכן פייער אום שבת, וועגן די דינים פון ספירה־טעג, פון די „דריי וואָכן", וועגן ניט עסן פליש די „ניין טעג". און שאַרף רעדט ער וועגן דעם אַלעם מיט די רבנים. ער גלויבט, אַז נאָר די רבנים זײַנען אימשטאַנד צו העלפן דעריבער, אַז דאָס יידנטום זאָל ניט אונטערגיין. און ניט נאָר דאָס אַליין. ער איז איבערצייגט, אַז די רבנים זײַנען אימשטאַנד אויך די דערציאונג צו ענדערן, עס זאָלן ניט זײַן ביי אונדז אַזוי פיל ליידיקגייער, בטלנים, הענדלער, און ממילא אויך שווינדלער, און כדי דעם שווינדל צו פאַרדעקן, ווערן זיי צבועיאַקעס און גאָטס־סטראַפּטשעס.

דער אויספיר פון די ביידע אַרטיקלען, וועגן וועלכע מיר ריידן דאָ, באַשטייט אין פאָלגנדיקן:

„דער תלמוד איז ניט קיין ספר פון הימל אַראָפּ, נאָר קלוגע מענטשן האָבן אים פאַרפאַסט, רעכענענדיק זיך מיט די באַדערפענישן פון זייער צייט, און איז פּרינציפּיעל דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון רעפאָרם — ווייל זיי זײַנען אויסן געווען צו רעפאָרמירן דאָס דעמאָלטדיקע יידנטום און דאָס צופּאַסן צום דעמאָלטדיקן לעבן. דעריבער, ווען די רבנים, וואָס האָבן געשאַפן דעם שולחן־ערוך, וואָלטן אַפילו טריי געבליבן דעם גייסט פון תלמוד, וואָלטן מיר אויך איצט, ביי אַנדערע צייטן און אַן אַנדערן שטייגער פון לעבן, געדאַרפט האָבן אַן אַנדער שולחן־ערוך, וואָס זאָל שטימען מיט אונדזער צייט און מיטן לעבן אין אונדזערע ערטער. די פּוסקים האָבן זיך אָבער ניט גע־רעכנט מיטן גייסט פונעם תלמוד, דעם גייסט פון רעפאָרם, נאָר זיי האָבן אָנגענומען אַלץ, וואָס אין תלמוד געפינט זיך, גלייך ווי יעדע אײַנצעלנע

מייגונג, וואָס ווערט דאָרט אַרויסגעזאָגט, וואָלט געשטאַמט פון באַרג סיני. איז נאָך דאָס ווייניק. לאָ די וואָס זיי האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן גייסט פונעם תּלמוד, האָבן זיי נאָך צוגעגעבן נייע פּסקים און איסורים, שטיצנדיק זיך דערביי בלויז אויף פּלפּול, אגדה, קבלה און חלומות. דערפאַר איז נויטיק, אַז די רבנים זאָלן אונדז געבן אַ נייעם שולחן־ערוך, וועלכער זאָל פאַרפאַסט זיין אין גייסט פון תּלמוד, און זאָל אונדז אסרן נאָר דאָס, וואָס איז מיט אַן אמת אָסור".

ביי דער גאַנצער בקיאות און לומדות און גוטן ווילן, האָט ליליענבלום נאָר איין קליייניקייט פאַרגעסן: אַז פאַר דעם גלויביקן איז דער גאַנצער שולחן־ערוך, מיט אַלע חומרות און איסורים, קיין עול ניט, און פאַר דעם ניט־גלויביקן איז די קלענסטע געבונדנקייט צו שווער. אַנדערש אויס־געדריקט: וואו עס איז פאַראַן די אמונה, דאָרט זיינען קיין קשיות ניטאָ, און וואו עס פעלט די אמונה — דאָרט זיינען קיין תּירוצים ניטאָ . . .

און דער עצם גלויבן אָדער ניט־גלויבן ליגט, נאַטירלעך, אויסער דעם געביט, וואו די רבנים האָבן אַ שליטה.

ליליענבלום — און ניט בלויז ער — האָבן אַנדערש געמיינט. דער־פאַר ווענדט ער זיך צום סוף פון דעם אַרטיקל, וועגן וועלכן מיר ריידן, מיט דער בקשה צו זיינע פריינד, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען און באַקענען מיט זיינע אַרטיקלען די רבנים: ר' יצחק אלחנן פון קאָוונע, רבי אלכסנדר משה לפּידות פון ראַסיין, רבי ישראל סאַלאַנטער פון קאָוונע, רבי מרדכי גימפּל יפה פון ראָזשאַנאָי און רבי יוסף זכריהן שטערן פון שאַוול.

זיינע פריינד האָבן, הפּנים, אים געטאָן די טובה, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן.

קאַפּיטל 12.

דער קאַמף, די פאַרפאָלגונג און די פאַרטיידיקונג

אַלע אויסגערעכנטע רבנים, אויסער צוויי (ר' ישראל סאַלאַנטער און ר' יצחק אלחנן), האָבן דעם קאַמף אויפגענומען. יעדער פון זיי, אויף זיין שטייגער, האָט זיך אָפּגערופן אויף ליליענבלומס פאָדערונג. ווער אין „המליץ", ווער אין „לבנון", און ווער אין באַזונדערע בראָשורן. און ניט נאָר די דערמאָנטע רבנים אַליין זיינען אַרויסגעטראָטן אין עפנטלעכן קאַמף

קעגן דעם „געפּערלעכן שונא״. נאָך די רבנים זיינען געקומען די מגידים, און נאָך די מגידים — די מלמדים, און נאָך די מלמדים — סתם שיינע יידן, וואָס האָבן געקענט, אָדער געמיינט אַז זיי קענען, „האַלטן אַ פּעדער אין האַנט״. און ניט בלויז כלי־קודש האָבן געקעמפט קעגן לילינ־בלומען. צווישן די קעמפער געפינט איר אויך דעם ד״ר לעוויזאָן פון שטאָקהאָלם און דעם משכיל רבי יחיאל מיכל פינס פון ראָזשאַנאַי און אַנדערע.

ווי אָפט אין אַזוינע פאַלן, אַזוי איז אויך אין אונדזער פאַל, די פּאָלעמיק געפירט געוואָרן ניט אַרום דער עצם פראַגע, נאָר אַרום ווערטער. קיינער האָט זיך ניט געפּרוּווט צו באַווייזן, אַז דער שולחן־ערוך איז יאָ צוגעפּאַסט צום לעבן, און דערמיט בטל מאַכן לילינבלומס טענות. דערהויפּט האָט מען זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ער האָט פאַרזען די אָדער יענע גמרא, אַז ער האָט „שלעכט פאַרשטאַנען״ די ווערטער פון דעם אָדער יענעם פּוסק; אַז די קבלה געהערט אויך צו די זאַכן, וואָס משה האָט מיטגעבראַכט פון באַרג סיני; אַז חלומות זיינען אַ וויכטיקער ענין, און מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן און אַזוי ווייטער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז — לויט דעם מנהג פון יענע צייטן און בפרט אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט — האָט ניט געפעלט אין דער פּאָלעמיק קיין זידלעריי, קיין צונעמענישן, קללות, פּוילע וויצן, בלבולים, סטראַשונקעס וכדומה זאַכן, וואָס אויב זיי האָבן לחלוטין קיין שום שייכות ניט צו דער פראַגע, קען מען מיט זיי אָבער אַמאָל פאַרטומלען דעם שוואַך־האַרציקן, אָדער דעם שוואַך־דענקענדיקן אָנשרעקן דעם קעגנער און אים דאָס מויל פאַרשטאָפּן.

דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען אין דער פּרעסע — די אייגנטלעכע ליטע־ראַטור פון יענער צייט. און אין לעבן זיינען פאָרגעקומען שוידערלעכע זאַכן, וואָס מיר, איצט, קאָנען זיך קוים פאָרשטעלן אין זייער גאַנצער מאַומדיקייט. זאָגן מיר דאָס לעבן, מיינען מיר דערמיט די עטלעכע ליטווישע שטעטלעך, וואו קהל איז געווען תקיף, און געהאַלטן עס פאַר זיין חוב זיך אָפּצורעכענען מיטן „מומר להכעיס״, ווי ווייט זיין כוח גרייכט. די שטעטלעך זיינען געווען: ווילקאָמיר — וואו לילינבלום האָט געלעבט, קיידאַן — פון וואַנען לילינבלום האָט געשטאַמט, און עטלעכע שטעטלעך אַרום.

אסיפות איבער אסיפות האָט מען געמאַכט, פּלענער איבער פּלענער אויסגעאַרבעט — איין פּלאַן שטרענגער פון דעם אַנדערן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּגעבן אים פאַר אַ סאָלדאַט, וועגן אַריינלייגן אים אין חרם, מסרן אויף אים דער רעגירונג, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, סמען אד״גל. דער ווילקאָמירער קאַזיאָנער רב, דער פאָרשטייער מצד דער השכלה, האָט אים געשיקט רופן און אַנגעזאָגט, אַז די ווילקאָמירער גבירים האָבן באַשלאָסן אים צו געבן עטלעכע רובל, און ער זאָל אַרויספאָרן פון ווילקאָמיר. ווען ער אָבער דערצו ניט מסכים זיין, דאַן וועלן זיי זיך לאָזן קאָסטן אפילו טויזנט רובל, און זען, אַז די רעגירונג זאָל אים אַרויסשיקן פון שטאָט. ליליענבלום איז, נאַטירלעך, דערויף ניט איינגעגאַנגען.

דערווייל האָט די שטאָט געקאָכט אויף איר שטייגער. וואו אַ טיר פון אַן עפנטלעך הויז, איז זי געווען באַדעקט מיט פּאַסקווילן. די בתי־מדרשים און די קלויזן; די באָד און דער הקדש און די קהלשע „אָפּטרעטן״ — אומעטום זיינען די פּאַסקווילן געווען אויסגעקלעפּט. און אין די פּאַסקווילן האָט מען ליליענבלומען געזידלט, אויסגערעדט אויף אים וואָס אין דער קאָרט, ניט פאַרגעסן אויך זיין משפחה.

און איז ער אין גאַס אַרויסגעגאַנגען, האָבן אים ווייבער און חדר־ייִנגלעך געזידלט, אים נאָכגעשריען כלערליי זלזולים און שטיינער נאָכגעוואָרפן. איז ער געקומען אין קלויז — האָט מען אים צו קיין מנין ניט מצרף געווען. איז ער געקומען אַהיים, האָט ער געהערט, אַז ביי זיין שווער, דעם קצב, האָט מען אויפגעהערט פלייש קויפן; זיין שוויגער האָט מען ניט געוואָלט פאַרקויפן קיין ליכט צום בענטשן — ווייל איר איידעם איז שוין דאָך טריף ווי אַ ליכט; פון זיין ווייב האָט מען אויפגעהערט צו קויפן חלה, וואָס זי פלעגט באַקן און פאַרקויפן און ניט לייען איר קיין כלים. אין קיידאַן האָט מען דעם פאָטער זיינעם געראָדפט, ניט געלאָזט אים מער זאָגן קיין עין־יעקב פאַר די בעלי־מלאכות; זיינען זיינע קינדער געגאַנגען אין חדר אַריין — האָבן די חברים זייערע זיי געשלאָגן, וואָרעם זיי זיינען דאָך „דעם אפּי־קורסעס ייִנגלעך״. האָט ער געדאַרפט דינגען אַ דירה, האָט אים קיין „אָנשטענדיקער״ בעל־הבית ניט געוואָלט קיין דירה פאַרדינגען, און ער האָט געמוזט וואוינען אין דער שמוציקסטער פון אַלע שמוציקע ווילקאָמירער

גאַסן, ביי עפּעס אַ נחות־דרגא, וואָס האָט פאַר קהל קיין מורא ניט געהאַט. און סוף כל סוף האָט מען טאַקע געשריבן אַ מסירה צום ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז לילייענבלום איז אַ כופר בעיקר און פירט אַראָפּ יונגעלייט פון וועג. אויף דער מסירה האָבן זיך געחתמעט 21 מאַן.

אויב די יידן אין די קליינע שטעטלעך זיינען געוועזן אויפן אפּיקורס להרוג ולאבד, און וואָלט געווען „יד ישראל תקיפה", וואָלטן זיי לילייענבלומען אַזוי אָדער אַנדערש געוויס דערגאַנגען דאָס לעבן, דערפאַר איז די „גרויסע שטאָט" — ווי לילייענבלום רופט זי — קאָוונע, אים צו הילף געקומען. קאָוונע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די רעזידענץ פון די „חכמי זאַגער". דערהויפּט האָבן דעמאָלט אין קאָוונער אינטעליגענטע קרייזן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די זאַגערער: אַפּטייקער שאַפּיר און דער ד"ר שאַפּירא. און ניט בלויז אין די אינטעליגענטע קרייזן. ש ט אָ ט האָט זיך צו זיי פאַרהאַלטן מיט גרויס אַכטונג און האָט זיך מיט זייער מיינונג גערעכנט.

קוים זיינען משה פּראָזער און אלכסנדר פּאָרט געוואָר געוואָרן דערפון, וואָס ווילקאָמיר נעמט אונטער קעגן לילייענבלומען, און פון קאָוונע האָבן אַנגעהויבן אָנקומען טעלעגראַמעס: פון רבי יצחק אלחנן — צום רב און צום קאַזיאָנעם רב, מען זאָל ניט מחלל השם זיין און לאָזן לילייענבלומען צו רו; די קאָוונער משכילים און סוחרים האָבן געשיקט אַזוינע טעלעגראַמעס צו זייערע קליענטן אין ווילקאָמיר. נאָך די טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען אויספירלעכע בריוו וועגן דעם זעלביקן ענין, און דער ווילקאָמירער עולם האָט אַביסל דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

און י. ל. גאָרדאָן איז דאַן געווען אַ לערער אין איינער פון די אויעזד־שטעטע אין קאָוונער גובערניע (דוכט זיך, אין טעלז). אַז ער האָט דערהערט, אַז ווילקאָמירער פּרומאַקעס האָבן אָנגעשריבן אַ מסירה אויף לילייענבלומען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט ער זיך מקדים געווען און אָנגעשריבן אויספירלעך דעם קאָוונער גובערנאַטאָר, וואָס פאַר אַ געפאַר עס דראָט אַ יונגנמאַן אַ משכיל אין ווילקאָמיר מצד די פאַנאַטיקער דערפאַר, וואָס יענער האָט געשריבן אין צייטונגען אין גייסט פון השכלה. דער גובערנאַטאָר האָט באַלד באַפוילן דעם זשאַנדאַרמען־מאַיאָר אין ווילקאָמיר חוקר ודורש זיין דעם ענין. דער זשאַנדאַרמען־מאַיאָר האָט זיך געווענדט צום ווילקאָמירער קאַזיאָנעם רב מיט דער פאָדערונג: איבערצוזעצן אויף רוסיש לילייענבלומס אַרטיקלען און זיי אים איבערגעבן און לילייענבלומען האָט דער

מאַיאָר איינגעלאַדן צו זיך, און דורך אַן איבערזעצער — ווייל ליליענבלום האָט קיין רוסיש ניט געקאָנט ריידן — האָט ער ביי אים אויסגעפרעגט אַלץ, וואָס עס איז נוגע דעם טומל, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט אַרום זיינע אַרטיקלען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון איצט אָן, האָט מען אַ ביסל איינגעשטילט די היץ, מיט וועלכער די פאַרפאָלגונג איז פאַרפירט געוואָרן. אויסערלעך איז אַלץ געווען רואיק, אָבער אינעווייניק, אין דער שטיל, איז די שנאה צו ליליענבלומען נאָך גרעסער געוואָרן, און די שטילע נגישות האָבן אויך ווייטער ניט אויפגעהערט. ווייטער לעבן אין ווילקאָמיר איז פאַר ליליענ־בלומען געווען אוממעגלעך. זיינע קאָוונער פריינד האָבן אים געראַטן אָוועקצופאָרן קיין אָדעס — אַ שטאָט פול אינטעליגענטן אין איראָפּעאישן גייסט, און דאָרט זאָל ער זיך מכין זיין אָנצוקומען אין אַן אויסלענדישן אוניווערזיטעט. ער פאַרשטייט מיטן שכל, אַז ער מוז פון דאַנען אָוועקפאָרן, אָבער דאָס האַרץ לאָזט אים ניט.

קאַפּיטל 13.

ליליענבלומס ראָמאַן

עלנט און איינזאַם איז ליליענבלום געווען ביי זיך אין שטאָט און ביי זיך אין שטוב. קיין האַרץ האָט אים ניט מיטגעפילט, קיין מויל האָט פאַר אים קיין גוט וואָרט ניט געהאַט.

אמת, „איך האָב פון תמיד אָן ליב געהאַט די איינזאַמקייט — שרייבט ליליענבלום — און דאָס אָפּגעזונדערט זיין פון אַנדערע. שוין אָט די בייגונג אַליין איז גענוג געווען, כדי צו דערווייטערן מיך פון געזעלשאַפט, און בפרט נאָך פון פרויען־געזעלשאַפט. אָבער אפילו דער מענטש, וואָס האָט ליב איינזאַמקייט, איז דאָך אויך, בטבע, געזעלשאַפטלעך. אויך ער האָט דאָס באַדערפעניש צו ריידן אַמאָל מיט אַ מענטשן און אַרויסזאָגן פאַר אים זיינע געדאַנקען. אָבער דעם זומער האָבן זיך אויך די לעצטע פון מיינע עטלעכע פריינד אָפּגעשיידט פון מיר, ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר די פאַנאַטישע קעגנער מיינע, אַפילו מיינע תלמידים האָבן מורא געהאַט צו ריידן מיט מיר פאַר זייטיקע מענטשן אין די אויגן. מיט מיין פרוי האָב

איך קיינמאָל ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. וואָס מיך האָט אינטערעסירט, דאָס האָט זי ניט פאַרשטאַנען, און וואָס זי האָט אינטערעסירט, איז מיר לחלוטין ניט אָנגעגאַנגען. אַזוי בין איך וואַכנלאַנג געבליבן אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, בעת דאָס האַרץ איז אין מיר געשפּרונגען פון פרייד צוליב דעם נצחון, וואָס איך האָב אָפּגעהאַלטן איבער מיינע קעגנער. עס איז נאַטירלעך, אַז גראָד אין דער צייט, מער ווי אַנדערש־ווען, האָב איך געשפּירט דאָס באַדערפעניש אין אַ מענטשן, וואָס זאָל מיך מיט מיטגעפיל אויסהערן. און ווייל קיין מאַנצבילן אַזוינע האָבן זיך ניט געפונען, האָב איך זיך געפריינט מיט דעם צופאַל, וואָס האָט מיר מעגלעך געמאַכט שטענדיק צו ריידן מיט אַן אינטעליגענטן מיידל. אויך זי האָט געהאַט אַ פאַרביטערט האַרץ, זאַט געווען מיט צרות, וואָס דאָס לעבן האָט ניט געקאַרגט פאַר איר און זי האָט מיר מיטגעפילט אין מיינע פריידן ווי אין מיינע ליידן. זי, פון איר זייט, האָט אין מיר געזען „אַ לערנער", וועלכער איז ווייט פון יענע פאַרשיידענע תאוות, צו וועלכע די אַזוי גערופענע אינ־טעליגענטן האָבן אַזאַ תשוקה. זי האָט אין מיר געזען אַ מענטשן, וואָס די פרייהייט איז אים טייער, וואָס האָט פרייע געזינונגען, וואָס ער טראַכט, דאָס זאָגט ער, און קעמפט פאַר זיינע געדאַנקען. מעגלעך, אַז זי האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ העלד, דערפאַר וואָס איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן מיינע פיינט. דערום איז זי געווען גוט געניגט צו מיר, כאָטש איך האָב כלל ניט געפּאַסט צו זיין אַ חבר פאַר אַ מיידל".

נאָך עטלעכע חדשים פריינדלעכע באַציאונגען צו דער יידישער טאָכטער און דאָס נאַטירלעכסטע איז דערביי געשען: די פריינדשאַפט האָט גע־בראַכט צו צוגעבונדנקייט, די צוגעבונדנקייט צו ליבע, און די ליבע — צו טרערן . . .

וואָרעם ווי האָט דען די ליבע געקענט ברענגען צו עפּעס אַנדערש, אַז זי, די געליבטע, האָט ניט געוואוסט, אַז לילויענבלום האָט זי ליב, און ער האָט ניט געוואוסט ווי ווייט איר פריינדשאַפט צו אים גרייכט. ערשט מיט דריי־פיר יאָר שפּעטער, אַז ליליענבלום איז שוין לאַנג פון דער ליבע געווען אויסגעוועפּט, אַז זי האָט שוין פאַר אים געהאַט בלויז דעם ווערט פון אַן אָנגענעמער דעראינערונג און פון אַן עפּיזאָד אין זיין ביאָגראַפיע — ערשט דעמאָלט האָט ער איר אין אַ בריוו אויסגעזאָגט, אַז זי איז דאָס זיין „איינ־ציקע פריינדין" . . . אי דאָס, ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט פון אים עטלעכע

מאָל געפאָדערט, אַז ער זאָל איר אויסזאָגן, ווער איז דאָס די „איינציקע פריינדין" זיינע.

וואָס איז זי געווען פאַר אַ מענטש ? פון ליליענבלומס אויטאָביאָ־גראַפיע ווייסן מיר, אַז זי איז געווען אַן „אינטעליגענטע פריילין". ווי אַלע יידישע אינטעליגענטן אין יענער צייט, האָט אויך זי גערעדט און געשריבן דייטש, פאַרשטאַנען העברעאיש, געלייענט דעם „אהבת ציון" דעם „אשמת שומרון" און אַנדערע העברעאישע ספרים. ליליענבלום זאָגט עדות, אַז זי איז געווען אַ מענטש מיט אַ דעספּאָטישן כאַראַקטער און זייער אַ קלוגע, אַ לעבנס־לוסטיקע, כאָטש בעת ער האָט זיך מיט איר באַקאַנט, האָט זי שוין געהאַט אַ פאַרוואונדעט האַרץ פון אַן „אומגליקלעכער ליבע".

און דאָס איז אויך געווען איינער פון די מאָטיוון, פאַרוואָס ליליענבלום האָט איר באַלד ניט אַנטדעקט זיינע געפילן צו איר. ער האָט געגלויבט, שרייבט ער, אַז אַ מענטש קען נאָר איין מאָל ליב האָבן. און קוים האָט זי שוין איין מאָל ליב געהאַט, איך דאָך מער ניטאָ צו האָפן אויף ליבע פון איר.

און דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין אַנטוויקלונג און אויף זיין שאַפן.

און דאָך האָט ער לאַנגע יאָרן ניט אויפגעהערט צו האַלטן זיין ליבע איינגעוויקלט ווי אַן אבן טוב. פון צייט צו צייט זי אויסגעוויקלט, זיך גע־שפּיגלט אין איר און משונה הנאה געהאַט פון דעם צער, וואָס זי פאַרשאַפט אים, פון די טרערן, וואָס זי פּרעסט אַרויס פון אים . . .

אפשר איז דאָס געשען מיט אים דערפאַר, ווייל אָט די אומגליקלעכע ליבע איז געווען ביי אים דער איין און איינציקער וואָכנדיקער, גשמיותדיקער געניס־טראָפּן, וואָס ער האָט באַקומען צו פאַרזוכן פונעם גאַנצן לעבן אין לעבנס־געניס, וואָס די וועלט אַרום אים האָט פאַרמאָגט . . .

און אַז עס איז אויפגעקומען דער פּלאַן, ער זאָל אויך אָט דעם איינציקן טראָפּן פון זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן אָפּווישן, אַוועקוואַרפן זיין געליבטע און אויף לאַנגע יאָרן אַוועקפאָרן פון איר, האָט דער קאָפּ דעם פּלאַן אָנגענומען, דאָס האַרץ — האָט פּראָטעסטירט קעגן אים . . .

קאַפּיטל 14.

ליליענבלום אין אָדעס

דעם 25טן יולי 1869 האָט ער באַקומען פֿון קאָוונע דעם בריוו פֿון זיינע פריינד, מיט דער עצה צו פאָרן קיין אָדעס. דער בריוו האָט אין אים דערוועקט אַ פונק שטילע האָפענונג, אַז אפשר וועט אויך דער חלום וועגן זיין ליבע האָבן אַמאָל עפּעס אַ ממשות: ער וועט לערנען, אַנקומען אין אוניווערזיטעט, ווערן אַ דאָקטער, אַן אינזשינער, אַ גלוח . . . זיין ווייב וועט דאָך מיט קיין גלוח ניט וועלן לעבן און וועט פאַרלאַנגען אַ גט, און דעמאָלט, אַז ער וועט פריי זיין, ווער ווייסט ? . . .

זיין „איינציקע פריינדין" האָט אים געשטאַרקט אין זיין האָפענונג, און צוגעגעבן מוט, כאָטש זי האָט ניט געוואוסט, אַז זי פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין זיינע חלומות. מיט גרויס ברייטקייט האָבן אים די קאָוונער משכילים צוגעזאָגט צו באַזאָרגן זיין פאַמיליע מיט אַכט רובל אַ חודש — דעמאָלט האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער געקענט אין ווילקאָמיר אויסקומען דערמיט, און ער ? . . . ער וועט מסתמא אין אָדעס גליקלעך זיין. נאָר ביז וואַנען די אַכט רובל אַ חודש זיינען געזיכערט געוואָרן, זיינען פאַרביי גאַנצע דריי חדשים. ערשט דעם 3טן אָקטאָבער 1869 (תר"ל) איז ער גע־קומען קיין אָדעס.

געקומען איז ער קיין אָדעס מיט אַ גאַנצן פּאַק מליצה־בריוו פון קאָוונער משכילים צו די אָדעסער משכילים, מיט אַ סך ווילן צו לערנען, זיך צוגרייטן צום שטודיום און אַזוי ווייטער, אָבער אָן איין טראָפּן פון יענער חוצפה, וואָס דער קריכער פאַרמאָגט און וועלכע העלפט אים זיך צו דערשלאָגן צו דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. נאָך מער. אים האָט אויך געפעלט דער מוט צום ליידן, קאָלטבלוטיק איבערטראָגן די ליידן, האָבנדיק אין זינען, אַז דורך זיי קומט ער צו אַ ציל, וואָס וועט די אַלע ליידן אויסקויפן. עקשנות האָט ער פאַרמאָגט אַ סך, עקשנות — וואו מען קען אויספירן דורך ניט־טאָן, אָבער ניט דעם פעסטן ווילן, וואָס ברענגט צו טאָן און ברעכט מויערן.

דערפאַר הערן מיר אים, שוין כמעט די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין אָדעס, אַז די מליצה־בריוו האָבן אים גאָרניט געהאָלפן, ווי ער הייבט

אָן זיך מיאש צו זיין פון אַלע זיינע האָפענונגען, הייבט אָן צו וויינען, וויינען און וויינען . . . און ער בענקט, ווי אַ קליין קינד, און ער האָט חרטה דערויף, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן ווילקאָמיר, וואו ער האָט דאָך אַ ראָלע געשפּילט. דער ערשטער אין דאָרף זעט אים דאָן אויס חשובער, ווי דער לעצטער אין שטאָט.

און ניט ווייניק האָט דערצו ביי געטראָגן זיין פּאָפּולאַריטעט אין דער העברעאישער פּרעסע. אַ שרייבער איז ער געווען, אַ יש און אַ ציל, אין וועלכן צענדליקער מענטשן — מעג זיין בטלנים! — האָבן זייערע פּיילן געוואָרפן. און ער זאָל ווערן אַ שילער כמעט פון אלף־בית! ער טוט דאָס. ער פילט זיך אָבער דערפון נידערגעשלאָגן. און מיט אַ באַזונדער התפּעלות שרייבט ער איצט ווייטער זיינע מאמרים און פירט פּאָלעמיק מיט זיינע קעגנער אַרום דער פראַגע וועגן פאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן. דאָ פילט ער זיך דער פּאָפּולערער שריפטשטעלער, דער מענטש, וואָס האָט — פאַר רוסלענדישע יידן על כל פנים! — אַ נייַ וואָרט געזאָגט. און דאָס גיט אים נייעם מוט — צום שרייבן!

שוין אין צען וואָכן אַרום, נאָך זיין אָנקומען קיין אָדעס, שרייבט ער אין זיין טאָגבוך:

„ . . . מיט וואָסערע גלענצנדיקע פאָרשטעלונגען בין איך דאָ אַהער געפאָרן! איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך זיץ און לערן איראָפּעאישע שפּראַכן און קיין זאַך פעלט מיר ניט; איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך האָב געענדיקט אַ הויכשול, אַז איך קער זיך אום אין מיין געבורט־שטאָט מיט פיל וויסן, מיט אַ גרויסן נאָמען אאַז״וו. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון די אַלע פאָרשטעלונגען? הבל הבלים! אַ פוסט לעבן און פאַרדרוס אאַז״וו. אוי ווי מיאוס אַזאַ לעבן איז מיר, ווייל איך בין ניט געוואוינט דערצו. אָט האָב איך געלעבט אין ווילקאָמיר. די גאַנצע שטאָט איז געווען אַ טויטע, אָבער די אַטמאָספערע, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט, איז געווען אַ לעבעדיקע — פול מיט געפיל, טעטיקייט און ענדערונגען! און דאָ — אָדעס לעבט, נאָר די אַטמאָספערע, אין וועלכער איך געפין זיך, איז טויט, אאַז״וו. איך האָב אויסגעביטן אַ געפיל־לעבן אויף אַ טויט לעבן, געליבטע פריינד — אויף מענטשן, צווישן וועלכע איך געפין קיין רו ניט. אאַז״וו.

עס איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד, איז ניט צו געפינען דעם מוט, וואָס איז נויטיק, כדי גרויסע שוועריקייטן מנצח צו זיין און קומען צום באַשטימטן ציל.

דערצו איז דער ציל אויך מער געווען אין דער פאַנטאַזיע, ווי אין האַרצן. וואָרעם אין האַרצן האָט ער געטראָגן אַנדערע, ריין משכּילישע זאָרגן, און דעם יידישן „וועלט־שמערץ", אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן.

„זיבן מייל אַרום ברענט דער גיהנום" — דאָס איז אַן אַלט גלייכוואָרטל. און אַט דער גיהנום לאָזט ניט רוען דעם אינסטינקטיוון יידישן נשמה־פאַרזאָרגער. אין פיר חדשים אַרום נאָך זיין אָנקומען קיין אָדעס שרייבט ער צו י. ל. גאָרדאָן:

אָדעס איז באַוואוסט, ווי אַ שטאָט פון השכּלה און טאָלעראַנץ. מיר דוכט זיך אָבער, אַז אין אמתן איז זי ווייט פון דיביידע מעלות צוזאַמען. דער תוך פון איר השכּלה איז אַ קאַלטער פרייגייסט, וואָס שטאַמט פון מסחר און פון דער ליבע צו גענוס, וואָס שטיצט זיך אויף היציקער פאַנטאַזיע, אָבער ניט קיין אינעוויינינקסטע השכּלה, וואָס קומט אַרויס פון פאָרשן און פון לערנען. דאָס רוב יידן, וואָס קומען אַהער, הייבן אָן אין אַ קורצער צייט אַרום צו פירן אַ הפקר־לעבן. דער עול פון דת איז דאָ ניט שווער. פראַנק און פריי רויכערט מען אום שבת. מען קויפט און מען פאַרקויפט אום שבת אד"גל. אָבער אין איינעם דערמיט זיינען זיי אויך אַבערגלויבער. מיטן ציגאַר אין מויל לויפט אַ ייד שבת אין שול אַריין — קדיש זאָגן נאָכן פאָטער; אַ ייד, וואָס טראָגט אום שבת, איז מדקדק צו האָבן דווקא אַ שניי־ווייסן האָן אויף כּפּרות. אַ זעצער, וואָס אַרבעט אום שבת, פאַסט דאָך עשרה בטבת, און אַ יידענע, וואָס גייט מיט די אייגענע האָר, היט זיך, ניט צו שלאָפן אויף קיין היגערשע פעדערן — ווייל מען טאָר דאָס ניט.

און די טאָלעראַנץ נעמט זיך פון דער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס יעדער מענטש לעבט פאַר זיך, אַריינגעטאָן גאָר אין זיין געשעפט. הונדערטער פאַמיליעס וואוינען יאָרן־לאַנג אין איין הויף און איינער קען ניט דעם אַנדערן, ווייסט ניט אפילו ווי מען רופט זיין שכן און וואָס איז זיין טועכץ. טוט טאַקע יעדערער, וואָס זיין האַרץ גלוסט. דערפאַר איז דאָ אַזוי פאַר־שפרייט דער שאַרלאַטאַניזם".

דער קעמפער פאַרן פשוטן לעבן, האָט דאָס דאָזיקע לעבן דערזען, און מיט אָפּשוי זיך אָפּגעקערט דערפון . . .

ער פּרוּאווט אויך לערנען אַ ביסל, אָבער פאַרשיידענע שטערונגען שטייען אים אין וועג, און ער לאָזט זיך שטערן — ווייל דער קאָפּ איז פאַר־נומען, ווי געזאָגט, מיטן יידישן „וועלט־שמערץ״.

און אַז משה פּראָזער טרייסט אים אין אַ בריוו און דערמאָנט אים, אַז מענדעלסזאָן, שלמה מימון און שניאור זאַקש זיינען אויך פאַרוואָגלט גע־וואָרן אין דער פרעמד און דאָך סוף כל סוף צוגעקומען צו עפּעס, ווייסט אים ליליענבלום צו ענטפערן:

„דער ערשטער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, אַז ער איז געקומען קיין בערלין, דער צווייטער איז געווען אַן אכזר אויף ווייב און קינדער און דערום איז ער אויך געווען ווי אַ קינד, און דער דריטער ווייִנט ביז היינטיקן טאָג אויף זיין בינטל יאָרן״...

„לעבן זאָל דער תירוץ״. און אַמאָל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז גאַנץ טיף און שטיל אין האַרצן איז ער, אפשר אומבאַוואוסט, צופרידן געווען מיט די שטערונגען, וועלכע האָבן אים צוגעשמידט און ניט געלאָזט זיך אַרויסרייסן פון דער וועלט פון „מאמרים״, וואו ער האָט זיך געפילט פיל פרייער און שעפערישער, ווי ביי דער רוסישער גראַמאַטיק...

און ער שרייבט ווידער און פּאָלעמיזירט אין דער פּרעסע, שרייבט לאַנגע בריוו צו יחיאל מיכל פּינס און פּאָלעמיזירט ווידער וועגן דת און ווי אים צו פאַראייניקן מיטן לעבן.

קאַפּיטל 15.

דער „קהל רפאים״

אין יאָר תר״ל (1870) דערשיינט ליליענבלומס ערשט בוך.

נאָך אין ווילקאָמיר זיצנדיק, האָט ליליענבלום — אין יאָר תרכ״ט (1869) — אָנגעשריבן אַ סאַטירישן שיר: „קהל רפאים״ — „אַן עולם טויטע״ קומען אַרויס פון די קברים און קומען מיט טענות צו „אדם הראשון״, פאַרוואָס זיי זיינען צוליב זיינע זינד געשטאָרבן. פאַרשיידענע מענטשן קומען צו אים מיט טענות: אַ גביר, אַ צבועיאַק, אַ ראש־הקהל, אַ גבאי פון חברה קדישא, דער קהלשער שרייבער, אַ שדכן, אַ חזן, אַ ליכטציער, אַ מלמד, אַ חריף און אַ מפולפל, אַ מגיד, אַ מקובל, אַ חסידישער רבי, אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, אַ פּאָעט, אַ מחבר, אַ רב און אַ מופקר.

יעדער איינציקער פון די דאָזיקע טויטע דערציילט פון די גרויסע זאַכן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף דער וועלט, אַז זיין טויט איז אַ גרויסער שאָדן פאַר די לעבעדיקע, אַז אין זכות פון זיינע מעשים טובים וואָלט ער געקענט אייביק לעבן, נאָר ער האָט געמוזט שטאַרבן פאַר אָדם הראשונס זינד, וואָס ער האָט געגעסן פון עץ־הדעת — ווי עס איז ביי יידן אָנגענומען צו גלויבן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָדם הראשונען איז ניט שווער צו באַווייזן, אַז אַלץ, וואָס זיי האָלטן פאַר מצוות און מעשים טובים, זיינען פּורע נאַרעש־קייטן אָדער גאָר עבֿרות; אַז לא די, וואָס זיי האָבן מיט זייערע מעשים ניט געבראַכט קיין נוצן דער וועלט, האָבן זיי איר נאָך פיל שאָדן געבראַכט: מיט זייער אַבערגלויבן, פאַנאַטיזם, נאַרישע פּלפּולים, איבעריקע חומרות. אגבֿ דאַרפן זיי צופרידן זיין מיטן טויט, ווייל זיי שפייזן זיך פון אים און דורך אים, אאַז״וו, אאַז״וו. אָבער כדי די שיטה זאָל בלייבן אויסגעהאַלטן, אַז דאָס יידישע הויז ברענט פון צוויי זייטן: אי מצד די, וואָס גלויבן אין אַלע נאַרעשקייטן, אי מצד יענע, וואָס גלויבן אין קיין זאַך ניט, קומט צו אָדמען מיט טענות אַ מופקר אויך.

מיט דער דאָזיקער אַרט סאַטירע האָט מען זיך אין גאַליציע שוין פריער באַנוצט קעגן די אָרטאָדאָקסן און מיט מער שאַרפקייט. געגוג צו דערמאָנען יצחק ערטער און זיינע פינף מגילות „הצופה לבית ישראל", אָדער כאָטש נאָר איינע פון זיי, דעם „תשליך". אָבער ניט בלויז מיט שאַרפערער סאַטירע האָבן זיך די גאַליציאַנער אויסגעצייכנט. די גרעסטע מעלה ערטערס, למשל, איז די גוואַלדיקע רואיקייט, איינגעהאַלטנקייט און אָביעקטיווקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין קריטיק. קיין שפּור פון פערזענלעכער נקמה, קיין טראָפּן פון „אָפּרעכענען זיך" מיט אַ באַשטימטן קעגנער. דערפאַר איז ערטערס „הצופה" קלאַסיש געוואָרן. פון דעם „קהל רפאים" לאָזט זיך דאָס ניט זאָגן. ניט בלויז ווערט דאָ אַרויסגעפירט דער רעדאַקטאָר פון „המגיד" קלאָר און אָפן און עס ווערן אים אַריינגעזאָגט גאַנץ ביטערע ווערטער דערפאַר, וואָס ער איז גראָב אַרויסגעטראָטן — און געלאָזט אַנדערע אַרויסטרעטן — קעגן לילינבלומען, נאָר גאַנצע ציטאָטן פון די אַרטיקלען ווערן געבראַכט, און „אָדם הראשון" פּאָלעמיזירט קעגן זיי און שטעלט זיך, נאַטירלעך, אויף לילינבלומס זייט. און אין איינעם מיטן רעדאַקטאָר ווערט געשלעפּט פון קבֿר אויך דער משורר פון „המגיד" — אָבער כדי

איין מאָל פּאַר אַלע מאָל מאַכן צו אַש די צייטונג, בעת אַנדערע צייטונגען, דער „המליץ" און דער „הכרמל" — ליליענבלומס צייטונגען — ווערן דורך אים געלויבט.

און דאָס אייגענע טוט ער אויך מיטן ווילקאָמירער רב. אָדם הראשון באַווייזט אים, אַז ער האָט געטאָן אַן עולה דערמיט, וואָס ער האָט גערודפט די ביבליאָטעק, וואָס ליליענבלום, אין איינעם מיט אַנדערע יונגעלייט, האָבן געהאַט געגרינדעט, ווי דאָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן.

דאָס אייגענע איז מיטן מגיד. מיט אַלע די רעכנט ער זיך אָפּ דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים פּערזענלעך גערודפט.

און דאָך האָט דער „קהל רפאים" אין זיין צייט, מיט פופציק יאָר צוריק, געמאַכט אַ רושם אין די משכילישע קרייזן.

און ליליענבלום האָט געדאַרפט ווערן אַ „מחבר", ד"ה: אַ שרייבער, וואָס טראָגט פונאַנדער זיין חיבור איבער די הייזער צו אָנשטענדיקע יידן־גבירים, וואָס קענען און ווילן „אַרויסוואַרפן אַ קערבל" אויף אַ יידישן מחבר אויך . . .

קען ער דאָס אָבער ניט. ער קען ניט פועלן ביי זיך אַנצוּוואַרפן אויף אַן אומבאַקאַנטן מענטשן זיין ווערק און פאָדערן געלט, בעת יענער וויל אפשר דאָס גאַנצע ווערק ניט. גייט ער נאָר צו באַקאַנטע, אָדער מיט אַ באַקאַנטן צו יענעמס אַ באַקאַנטן, אָדער צו אַזוינעם, וואָס האָט בפירוש געזאָגט, אַז ער וויל האָבן זיין ווערק.

„דערווייל איז דער זומער צעריבן געוואָרן — אַזוי שרייבט ער אין זיין טאָגבוך — און איך האָב גאָרניט געלערנט. וואָלט איך אָבער געהאַט דעם מוט, וואָס אַנדערע מחברים האָבן, וואָלט איך געוויס צונויפגענומען פינף הונדערט רובל און פונעם פּראָצענט געקענט לערנען רואיק עטלעכע יאָר"...

אַז ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט, וואָס ניט בלויז מחברים, נאָר אויך אַנדערע, וואָס זיינען פעאיק גובר צו זיין אַלע שטערונגען, וואָס זיי באַגעגענען אויפן וועג צו זייער ציל האָבן, — פאַלט ער אַריין אין אַ מרה־שחורה, און שרייבט אין זיין טאָגבוך: „אַנגענומען, אַז איך קום שוין צום ציל, וואָס וועט נאָכדעם זיין? צי וועל איך דען שוין דעמאָלט וויסן פון אינעווייניקסטער רו?" און נאָך דעם ווי ער ווינקט אָן אויף זיין ליבע, וואָס אָנשטאָט צוצוגעבן אים מוט, שטאַרקט זי נאָר זיין יאוש, שרייבט ער דעם אייגענעם טאָג: „הלואי וואָלט מיין יאוש מנצח געווען און אויס־

געריסן יעדע האָפענונג פון מיין הארצן, וואָלט מיך געמאַכט פאַרגעסן אַלע מיינע נאַרישע פאַנטאַזיעס, וואָלט איך דעמאָלט רואיק געוועזן", אאז"וו.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס שטודירן ביי אַזאַ צושטאַנד ווערט געטאָן אָפּהענטיק און האָפענונגסלאָז, צו וואָסערע זשע רעזולטאַטן קען מען דען נאָך קומען ?

קאַפּיטל 16.

ליליענבלומס נייע וועלט־אַנשויאונג

אין דעם אייגענעם יאָר 1870, דעם 17טן יאַנואַר, באַקענט זיך ליליענבלום, דורך אברהם קראָכמאַל, מיט דער מיינונג פון די ביבל־קריטיקער, אַז די תורה, ווי מיר האָבן זי איצט פאַר אונדז, איז געשריבן געוואָרן ערשט אין ירמיהוס צייטן, אַז געשריבן האָבן זי די כוהנים פון יענער צייט — דערפאַר פאַרנעמען אין דער תורה אַזאַ גרויסן פּלאַץ די קרבנות, וואָס ירמיהו, און די נביאים פאַר אים, זיינען געווען קעגן זיי. והראיה, שטייט דאָך אויך אין תנ"ך, אַז אין די צייטן פון יאשיהו מלך יהודה האָט מען אין בית־המקדש געפונען די תורה, אַז עס איז געווען אַ נייעס פאַר אַלע . . .

אָט די מיינונג האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל. שוין פריער האָט ער פיל געטראַכט וועגן די דערציילונגען פון דער תורה, און ביי אים איז געבליבן, אַז אין דער תורה מוזן אויך זיין לעגענדעס. וואָרעם קלאָר איז אים געווען, אַז די נאַטור גייט זיך איר גאַנג, לויט באַשטימטע געזעצן. אין קיין נסים האָט ער, אַלזאָ, ניט געגלויבט. אָבער אָן נסים און אָן פּלוצעמדיקע אָפּנייגונגען פון דער נאַטור לאָזן זיך פיל זאַכן אין דער תורה ניט דערקלערן, און קודם כל דער ענין פון מתן תורה . . .

פונעם 17טן יאַנואַר ביז ענדע סעפּטעמבער, גאַנצע אַכט חדשים, דויערט ביי אים דער קאַמף, כ'וואָלט געזאָגט, פאַר זיין גייסטיקער עקזיסטענץ.

קראָכמאַלס מיינונג איז אַזוי איינלויכטנדיק, לייגט זיך אַזוי אויפן שכל, פאַרענטפערט אַזוי פיל קשיות, אָבער . . . אויב דאָס איז ריכטיק, אַז די תורה און אַלץ, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, איז אויך נאָר אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער צייט, אָדער אַ באַשטימטער קולטור־מדרגה, דאַן זיינען

דאָך בכלל קיין גרענעצן ניטאָ, דאַן איז קיין קריטעריום ניטאָ, דאַן איז אָדער אַלץ, אָדער גאָרניט — ווי איינער איז געבויגט . . .

און נאָך אַן אַכט חדשימדיקן קאַמף זעט ער זיך געצוואונגען אָנצונעמען קראָכמאַלס מיינונג. און דאָ דערפילט ער דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן. אַלע „זייבע אָנגעלאָדענע שיפן" זייַנען אונטערגעגאַנגען.

„דער גאַנצער אוצר — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך — וואָס איך האָב געהאַט אין מיין מוח, דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין קאָפּ אין משך פון מיין גאַנצן לעבן, איז צו נישט געוואָרן אין דער מינוט, וואָס איך האָב מסכים געווען צו קראָכמאַלס מיינונג. די גאַנצע טעאָלאָגיע מיינע איז פאַרשוואונדן. די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז אין עצם אויך ניט מער ווי טעאָלאָגיע, אָן פּראַקטישן ווערט, איז פון מיר אַוועקגעריבט געוואָרן. די גאַנצע פראַגע וועגן פאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן, פאַר וועלכער איך האָב אַזוי פיל געליטן, האָט מער קיין זין ניט, אאַז"וו. דער גאָט, וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן פון קינדוויַיז אָן, איז מיר אַזוי גוט ווי געשטאָרבן . . . עלנט און איינזאַם האָב איך זיך דערפילט אויף דער וועלט . . . דעם לעצטן טעאָרעטישן טריט האָב איך געמאַכט, און מיין מוח איז ליידיק געוואָרן און מיין האַרץ — דערשראָקן".

אָבער ניט בלויז דער מוח, נאָר אויך די גאַנצע וועלט זעט אים איצט אויס וויסט און לער. ער פאַרשילט דעם טאָג, וואָס ער איז געקומען קיין אָדעס. ער זעט ניט מער פאַר זיך קיין שיין און קיין ליכט, ער פילט ניט מער קיין שום האָפענונג. דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר דער כפירה, צו וועלכער ער איז געקומען, האָט אים לחלוטין אויסגעניכטערט. ער האָט איינגעזען, אַז די עקשנות, מיט וועלכער ער האָט זיך ביז איצט געהאַלטן אין זיינע מיינונגען און דער קאַמף, וואָס ער האָט געפירט פאַר זיי, איז געווען ניט מער ווי אַ מין שכרות, און אַז ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט אים געעקלט פון אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט און געטאָן, בעת ער איז געווען שיכור.

קאַפּיטל 17.

די הויפּט־אידעען פון די זעכציקער יאָרן

די זעכציקער יאָרן בילדן איינע פון די גלענצנדיקסטע און פרוכט־באַרסטע תקופות אין דער געשיכטע פון דעם רוסישן פאָלק. די אויפגאַבן

און די צילן, וואָס די דעמאָלטדיקע רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך געשטעלט, האָבן געגאָלטן נאָך מיט אַ האַלב יאָרהונדערט שפּעטער. נאָך דעם, ווי אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט בטל געמאַכט די „פּאַנשטשינע״, אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון גרויסע רעפאָרמען, איז געשאַפן געוואָרן אַ פריי פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די גאַנצע קולטור, דאָס גאַנצע לעבן, האָט געדאַרפט פון גרונט אויס איבערגעבויט ווערן. מען האָט געמוזט אויסראָטן די פריערדיקע פריצישע וועלט־אָנשויאונג מיט אירע מאָראַלישע יסודות: אונטערטעניקייט און געהאָרכזאַמקייט. מען האָט געדאַרפט ליקווידירן אַלע יענע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, שטאַנד און שטאַנד, וואָס האָבן עקזיסטירט ביי די פריערדיקע לעבנס־באַדינגונגען און געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון לייב־אייגנטום, פון „פּאַנשטשינע״. פריי מוז דער מענטש ווערן, פריי אין אַלע פּרטים; ער זאָל ניט מער, ווי פריער, דינען בלויז ווי אַ מיטל, דורך וועלכן עס ווערן דערגרייכט זייטיקע צוועקן, נאָר זעלבסטצוועק זאָל ער ווערן.

און מיט אַן אומגעהייערער אַרבעטס־לוסט און מיט אַ גוואַלדיקער לעבנס־פרייד, זיינען די אינטעליגענטן צוגעטראָטן צו זייער אַרבעט.

אָבער כדי אַ נייַ לעבן צו דערגרייכן, מוז דער רוסישער מענטש אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין לאַנגווייליקע שלעפעריקייט און גלייכגילטיקייט צו זיין אייגענעם און צום אַרומיקן לעבן און ענערגיש אָנהייבן צו שמידן זיין גליק. און דעם מענטשנס גליק איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זיין אַרבעט. אַרבעט ער ניט, איז ער פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט ניט נויטיק. אַזאַ מענטש האָט אויך קיין רעכט ניט צו געניסן פון די גיטער, וואָס אַנדערע שאַפן דורך זייער אַרבעט. אַלץ דאַרף דינען דער אַרבעט, אפילו דע במענטשנס ליידנשאַפטן, אָדער תאוות, דאַרפן אַזוי באַפרידיקט ווערן, אַז זיי זאָלן דערמונטערן דעם מענטשן צו אַרבעטן.

און די איינציקע שטיצע פון דער אַרבעט איז די וויסנשאַפט, און וואָס נעענטער די וויסנשאַפט איז צו דערווירקלעכקייט, אַלץ נוצלעכער איז זי דעם מענטשן. און ווייל דעם מענטשנס דערפאָלג איז אָפּהענגיק דערפון, ווי ווייט ער קען גובר זיין די נאַטור, דערפאַר איז די וויכטיקסטע פון אַלע וויסנשאַפטן די נאַטור־וויסנשאַפט. אָבער אַזוינע וויסנשאַפטן, ווי די פילאָזאָפיע, די קונסט און די פּאָעזיע, אד״גל, מיט וועלכע די פריצישע אינטעליגענטן האָבן זיך פריער פאַרנומען, זיינען ניט בלויז אומנוצלעך,

נאָר אויך שעדלעך פאַרן מענטשן, ווייל זיי פירן אים אַראָפּ פונעם ריכטיקן וועג.

עס איז קלאָר, אַז די פילאָזאָפיע האָט געמוזט זיין מאַטעריאַליסטיש; אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לעבן פון מענטשן און פון דער געזעלשאַפט, לאָזט זיך דערקלערן לויט נאַטור־מעכאַנישע געזעצן. אַלץ איז מאַטעריע. אויסער איר איז גיטאָ וואָס צו זוכן. זוכט מען יאָ, איז עס אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, און רייסט נאָר אָפּ דעם מענטשן פון זיינע רעאַלע אויפגאַבן און ממשותדיקער אַרבעט.

דער יסוד פון דער מאָראַל איז די נוצלעכקייט. דער גאַנצער כוח פון מענטשן ליגט אין זיין שכל. דורך דער וויסנשאַפט איז ער מנצח די נאַטור און קומט צו זיין אייגן גליק. דער פּרט קען אָבער נאָר דאַן מיט אַן אמת גליקלעך זיין, ווען דער כלל איז גליקלעך. דערום מוז דער מענטש שטרעבן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואו פאַר יעדן פּרט זאָל געזיכערט ווערן די מעגלעכקייט צו געניסן זיין חלק לעבנס־גליק. און נאָר אַזאַ אַרבעט און אַזאַ שטרעבן איז מאָראַליש.

די נוצלעכקייט דאַרף אויך זיין דער איינציקער יסוד פון דער קונסט, וועלכע האָט ניט קיין זעלבסטשטענדיקן ווערט; זי האָט אַ ווערט נאָר אויף אַזוי פיל, ווי ווייט זי דינט דעם גליק פון דער געזעלשאַפט. די איינציקע קוועלע פון שיינקייט, איז דאָס לעבן, די רעאַלע ווירקלעכקייט. אָבער יעדע פאַנטאַסטישע קונסט, איז שעדלעך, ווייל קודם כל דאַרף מען פאַראייניקן אַלע מענטשלעכע כוחות, כדי צו דערגרייכן רעאַלן, ממשותדיקן וואוילשטאַנד.

צו די דאָזיקע פּרינציפּן קומט צו נאָך איינער, דער וויכטיקסטער: די גרעסטע אַכטונג צו דער ווערדע פון יעדן איינציקן מענטשן; פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג פאַר אַלע מענטשן, אין אַלע זייערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דאָס אַלץ איז אויסגעדריקט געוואָרן מיט דעם איינעם וואָרט: עמאַנציפּאַציע (באפרייאונג), וואָס ווערט פון איצט אַן אַ קאַמף־לאָזונג פאַר דער רוסישער אינטעליגענץ.

אָט די אַלע מיינונגען ווערן פאַרשפרייט אין דער ערשטער העלפט פון די זעכציקער יאָרן דורך נעקראַסאָוו, טשערנישעווסקין, דאָבראָלובאָוון און אַנדערע.

אין דער צווייטער העלפט פון דער זעלבער תקופה, ווערן די זעלבע געדאַנקען נאָך שאַרפער און איינזייטיקער פאָרמולירט. דאָס טוט פּיסאַרעוו,

וועלכער האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג אין זיין צייט און אויך צענדליקער יאָרן שפּעטער.

באַפרייאונג, עמאַנציפּאַציע — געוויס! אָבער קודם כל מוז זיך באַפרייען דער פּרט, די איינצלנע פּערזאָן. כדי זיך צו באַפרייען, מוז די פּערזאָן האָבן אַ ניכטערן, אָדער אַ רעאַלן קוק אויפן לעבן און אויף די מענטש־לעכע באַציאונגען צווישן זיך. זיין אידעאַל איז, אין דעם פּרט, באַזאַראָוו — אַ באַוואוסטער טיפּ, ווי טורגעניעוו האָט אים געשילדערט אין זיין ראָמאַן «Отцы и Дѣти» פּיסאַרעוו רופט אים: „דער דענקענדיקער רעאַליסט".

און אָט ווי פּיסאַרעוו שטעלט אים זיך פאָר: קודם כל דאַרף ער זיין אַ פּערזענלעכקייט, און דאָס הייסט: אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן, מיט אַ געזונטן שכל און מיט פיל וויסן. אין זיין אַרבעט מוז ער זיך באַמיען צו דערגרייכן דעם גרעסטן נוצן פאַר דער געזעלשאַפט, אין איינעם מיטן גרעסטן גענוס פאַר זיך. אָבער ער ווייסט ניט פון קיין מוז, קען ניט קיין פליכט. און ממילא פילט ער אויך ניט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מענטשן, וואָרעם אַלץ קומט אַרויס פון פּרט און קערט זיך אום צו אים. אויסער זיך האָט ער ניט צו זוכן קיין אָנשפּאַר און ניט קיין ציל. דער איינציקער ציל זיינער איז — אַליין וואָס מער זיך צו אַנטוויקלען, אַליין וואָס מער צו געניסן. אויסער דעם פּרט, איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין וויכטיקער פון אים. אַלץ, וואָס ציט אָפּ דעם מענטשנס אויפמערקזאַמקייט פון זיך אַליין, איז שעדלעך. דערפאַר איז שעדלעך יעדע מיסטיק, יעדע מעטאַפיזיק — ווייל זיי שטיצן זיך, כלומרשט, אויף פּרינציפּן, וואָס שטייען העכער פון דער פּערזאָן און פאַרנעמען זיך מיט פראַגן, וועלכע שטייען אויסער, אָדער איבער דער נאַטור, און זיינען אויסן צו באַגרענעצן די פרייהייט פון דער פּערזאָן. די דענקענדיקע פּערזענלעכקייט האָט אָבער רעכט אויף פולשטענדיקער, אומבאַגרענעצטער פרייהייט און אויף פולשטענדיקער אומפאַראַנטוואָרט־לעכקייט — וואָרעם זיין איינציקער האַר און באַפעלער איז נאָר די פּער־זענלעכקייט אַליין, און נאָר פאַר זיך אַליין איז דער מענטש פאַראַנטוואָרטלעך. נאָר פריי, לויטן אייגענעם ווילן און צוליב דעם אייגענעם נוצן, באַגרענעצט ער אַליין זיין פרייהייט און אַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט; נאָר אויס אייגענעם גענוס, פאַרוועגדט ער זיין וויסנשאַפט אויף צו קעמפן קעגן דער געזעלשאַפטלעכער אומוויסנקייט, אָרעמקייט, געפאַלנקייט און פאַרקנעכטונג. כדי מיט דערפאָלג צו קעמפן, זיינען נויטיק: אין שול — נוצלעכע וויסנ־

שאַפטן, אין דער ליטעראַטור — רעאַלע געזעלשאַפטלעכע פּראַגן און אַנ־ווייזונגען ווי אַזוי צו קעמפן קעגן דלות, אבערגלויבן אד"גל.

די פּערזענלעכקייט איז אַליין דער האַר פון איר וועלט, און דער שעפער פון איר וועלט. און כדי אַט די וועלט איר ע פולער, רייכער צו מאַכן, אַרבעט זי, אָבער ניט צוליב אַ וועלכן עס איז אויסערן ציל.

אָבער אַזוי צו אַרבעטן קען נאָר דער פּראָלעטאַריער, ווייל ער ווייסט פון זיך, וואָס עס פעלט דעם פאָטערלאַנד. נאָר דער איז דער רעאַליסט, וועלכער האָט ווירקלעכע און ניט אויסגעטראַכטע באַדערפעניש, וואָס די צו זאַטע טראַכטן אויס. נאָר ער קען און וועט שטרעבן דערצו, וואָס עס איז נויטיק און נוצלעך: פריער שטיוול נייען און ערשט נאָכדעם פאַר־שטיין שעקספּירן . . .

די דענקענדיקע, אַנטוויקלטע פּערזענלעכקייט — דאָס איז דער עיקר, דאָס איז דער קערן פון דער געזעלשאַפט. די מאַסע, דער המון איז אָרעם, נאַרעש און ווילד. מען דאַרף קענען אירע באַדערפעניש און ניט לייגן קיין ווערט אויף איר ליבּ און ניט אויף איר טאַדל.

אָבער כדי דער רוב מענטשן זאָל קענען קומען צו דער מדרגה פונעם „דענקענדיקן רעאַליסט", איז פריער נויטיק צו באַפרייען, אָדער עמאַנציפּירן, די פּערזענלעכקייט פון די קייטן, וואָס די טראַדיציע האָט אויף איר אַרויפ־געלייגט. און די פּערזענלעכקייט קען ניט זיין פריי, ווי לאַנג די געזעל־שאַפט, ווי לאַנג דאָס פאָלק איז ניט פריי.

און אָן צוועקמעסיקער אַרבעט, אָן וויסנשאַפט, קען מען ניט קומען צו קיין פרייהייט.

דאָס זיינען, אין קורצן, די הויפּט־אידעען פון די זעכציקער יאָרן. און גאָר אין גיכן הערן מיר ליליענבלומען ריידן אין טאָן פון אַט די אידעען.

קאַפּיטל 18.

די נייע אידעען

נאָך האָט ליליענבלום צו קעמפן מיטן דלות, און דאָס פאַרביטערט אים דאָס לעבן. אין יאָר 1871 רעדאַקטירט ער זיבן חדשים די יידישע צייטונג „קול מבשר", וואָס צעדערבוים האָט אַרויסגעגעבן. נאָכדעם וואַרפט ער

אַוועק די צייטונג און ווערט ווידער אַ לערער. אין יאַנואַר 1872 קומט צו אים די פּרוי מיט די קינדער פון ווילקאָמיר, און זיינע ליידן ווערן נאָך שטאַרקער. ער ווערט אַ קאָרעקטאָר אין אַ דרוק, ציט אַ פּאָר גראָשן פון זיין ספר „קהל רפאים". ביז ער באַקומט אַ קאַסיר־שטעלע אין אַ קאַנטאָר פאַר 25 רובל אַ חודש. אין אַ יאָר אַרום העכערט מען אים די שכירות אויף 10 רובל אַ חודש. דאָס מאַטעריעלע לעבן ווערט, פון איצט אָן, מער אָדער ווייניקער פעסט געזיכערט.

אָבער זיין גייסטיקע וועלט ליגט צעשאָטן און צעשטויבט. „זיין גאַנצע טעאָלאָגיע איז פאַרשוואונדן". ריכטיקער: זי האָט ביי אים איר ווערט פאַרלאָרן, אָבער איר גייסט האָט אין אים אויך ווייטער געווירקט. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט פריער געוויינט דערויף, וואָס דער שולחן־ערוך איז ניט פאַרקניפּט מיטן לעבן, וויינט ער איצט דערויף, וואָס די ליטעראַטור איז ניט פאַרקניפּט מיטן לעבן. פריער, ווי איצט, דאגהט ער פאַרן קיום פון דער אומה. נאָר פריער איז ער געווען אויסגעהאַלטענער, ער האָט געזען, אַז אָן אַ שפּראַך און אָן אַ לאַנד קען די אומה געפינען שטיצע נאָר אין דער רעליגיע, דערפאַר האָט ער געוואָלט, אַז די רעליגיע זאָל פאַרגרינגערט ווערן, כדי זי זאָל ניט, פון שווערקייט, גאָר אונטערגיין. איצט אָבער הערט איר אים זאָגן: דער באַגריף כלל עקזיסטירט בלויז אין ריידן, אָדער אין שרייבן, אָבער במציאות איז פאַראַן נאָר אַ קיבוץ פון פּרטים. איך בין איין פּרט, דער צווייטער — אַן אַנדער פּרט. דערום האָט קיין זין ניט, אַז איך זאָל מקריב זיין דאָס לעבן פון מיין פּרט, צוליב דער טובה פון אַ צווייטן פּרט. נאָך מער: איצט איז ער איבערצייגט, אַז דאָס, „וואָס יידן פאַרלאָזן העברעאיש, וועט ברענגען דערצו, אַז יידן וועלן סוף כל סוף די תורה פאַרגעסן" — ווי טרויעריק דאָס זאָל אויך זיין, מוז עס דאָך זיין, ווייל מיר האָבן ניט קיין לאַנד, וואָס זאָל מגין זיין אויף דעם קיום פון פאָלק. און פּונקט ווי אַ לעבעדיקער מענטש מוז שטאַרבן, אַזוי מוז אויך אַ פאָלק שטאַרבן. פונדעסטוועגן זאָרגט ער דאָך פאַרן אייביקן לעבן פון פאָלק. גלויבט ער דאָך פונדעסטוועגן ניט אין דער מעגלעכקייט פון אַסימילאַציע, ווייל אַסימילאַציע — שרייבט ער — הייסט פולשטענדיקע פאַראייניקונג, ניט בלויז אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך: אין שטייגער לעבן, אין מנהגים, אין מיינונגען און אין די צילן, וואָס די מענטשן שטעלן זיך. און דאָס איז אוממעגלעך — ווייל יעדעס פאָלק האַלט זיך פאַרן

בעסטן פון אַלע פעלקער. און דאָס איז נאַטירלעך. פונדעסטוועגן שיט ער פעך און שוועבל אויף יענע, וואָס זאָרגן פאַרן כלל, און זאָרגן ניט בעסער פאַרן פרט, זאָרגן פאַרן כאָאָס פון השכלה, ווייַנען אויף דער געפאַלנקייט פון דער אמונה, און זאָרגן ניט פאַר אַ ציל אין לעבן. „נאָר פאַרן לעבן מוזן מיר זאָרגן, געבן די יידן אַ מאַטעריאַליסטישן קוק אויפן לעבן, און אַרויסטרייבן פון זיי די לופט פון פאַנטאַסטישן לעבן, מיט וועלכן זיי אָטעמען. דאָס איינציקע ציל פון לעבן — איז דאָס לעבן גופא. און ניטאָ קיין לעבן אָן באַוועגונג, און ניטאָ קיין באַוועגונג אָן כוח, און ניטאָ קיין כוח אָן אַרבעט, און ניטאָ קיין פּאָלקאָמענע אַרבעט אָן וויסנשאַפט און אָן אַ ריכטיקן קוק אויפן לעבן" (באַנד 2, זייט 108).

און וויסנשאַפט הייסט בלויז נאַטור־וויסנשאַפט — ווי פּיסאַרעוו און באַזאַראָוו זאָגן — ווייל נאָר נאַטורוויסנשאַפט איז נוצלעך פאַרן לעבן און שטיצט זיך אויף אייביקע געזעצן. „און לעבן הייסט מיין לעבן — ווייל קיין טייערערע זאַך איז ניטאָ פאַרן מענטשן ווי זיין איך. און פאַרמאָגט דען דער מענטש נאָך אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אים זיין אַזוי טייער ווי זיין לעבן" (ז. 80). און נאָר דאָס, וואָס איז נוצלעך, דאָס האָט אַ ווערט, ווייטער איז אַלץ נאָר פּוסטע פאַנטאַזיעס. עסטעטיק איז בלאָטע. פילאָ־זאָפיע — אַוודאי. „יידישע וויסנשאַפט", „אויספאָרשן די פאַרגאַנגענ־הייט" — הבל הבלים. דאָס, וואָס מיר רופן השכלה, איז בלויז אַ כאַאָס. אמתע השכלה — דאָס זיינען יענע לימודים, וואָס מען לערנט אין גימנאַזיע, אין די ראַבינער־שולן וכדומה. און נאָר מיט מיין נוצן אָדער שאָדן דאַרף איך זיך רעכענען. די געזעלשאַפט איז אַ סטאַדע בהמות, וואָס איינע גייט נאָך דער אַנדערער . . . אָבער דער מענטש האָט נאָר דעמאָלט רעכט הנאה צו האָבן פון לעבן, אויב ער לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט, אָבער ניט פון דער אַרבעט פון אַנדערע. יעדער מענטש איז מחויב צו אַרבעטן און פון דער אַרבעט זיינער צו לעבן. האָט איינער ניט קיין מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, נאָר אַ פאַנטאַסטישע, ברענגט דאָס אים צו בטלה, בטלה ברענגט צו אָרעמקייט, און אָרעמקייט צו אַלע צרות — ווי פּיסאַרעוו זאָגט, לויט נעקראַסאָוו, מאַלעשאָט און ביוכנער. פּאָעזיע — אָן אויסגעבלאָזן איי, ניט ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן מען שרייבט זי. פאַרשטייט זיך, אַז די וויכטיקסטע פראַגע איז די פון „קאַפּיטאַל און אַרבעט". וואָרעם די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג גיט די מאַכט די רייכע און די אָרעמע זיינען

געצוואונגען צו אַלערליי אומאַרטיקייטן, כדי זיך ביים לעבן צו דערהאַלטן. און אַזוי ווייטער.

און נאָך דעם אַלעם, איז ניט־ניט, און פּאַרט רעדט ער, אויב ניט דירעקט, איז ביי יעדער געלעגנהייט, מיט האַרץ־ווייטיק וועגן דעם, וואָס די רעליגיע פאַלט, וואָס סוף כל סוף וועלן זיך נאָך האַלטן אָן יידישקייט נאָר איינצעלנע, „יחידי סגולה", אָבער דאָס פאָלק אינגאַנצן וועט אַוועק דערפון.

ניט־ניט, און דאָך הערט ער ניט אויף צו זאָרגן פאַרן כלל, פאַרן קיום פון כלל. זיינע לעצטע שעהן גיט ער אַוועק דעם שרייבן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז איבערצייגט, אַז די העברעאישע ליטעראַטור האָט קיין ווירקונג ניט אויפן פּראַקטישן לעבן.

אָט די הויפּט־געדאַנקען, וועלכע מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן, זאָגט ער אַרויס אין אַ גאַנצער רייע אַרטיקלען אין אַ משך פון קרוב צו צען יאָר. די גרונדלאַגע איז — די פרייהייט: פון פרט, פון קינד, פון דער פרוי, פון אַרבעטער. פיזישע אַרבעט, אַ ניכטערער מאַטעריאַליסטישער קוק אויפן לעבן; נוצלעכקייט און אייגנליבע, דערציאונג צו מלאכה, אָדער צו וויסנשאַפט — אין דעם זין, ווי ער האָט דאָס דעמאָלט פאַרשטאַנען — דאָס איז זיין טעמע.

אין יאָר 1872 שרייבט ער צוויי גרויסע קריטישע אַרטיקלען „צרעת נושנת" און „עולם התוהו" (דער לעצטער איז געדרוקט געוואָרן אין „השחר", מיט צוויי יאָר שפּעטער) גאַנץ אין גייסט און אין סטיל פון פּיסאַרעוו, ווי קאָוונער האָט דאָס פריער געטאָן. אין יאָר 1873 ענדיקט ער זיין אויטאָביאָגראַפיע „חטאת נעורים", וואָס האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די משכילישע קרייזן.

קאַפּיטל 19.

ליליענבלום שטודירט

דעם 20טן נאָוועמבער 1873 פאַרמאַכט זיך דאָס געשעפט, וואו ליליענבלום האָט געהאַט זיין שטעלע און ער בלייבט ווידער אָן ברויט. אַ גאַנץ יאָר בלייבט ער אָן אַ שטענדיקער פרנסה און ליידט פשוט הונגער. ער ווערט אַ קאָרעקטאָר עפּעס אין אַ יידישן דרוק, אָבער דאָס נעניגנט ניט

אפילו „אויף וואַסער צו קאַשע". עס ווערט אַ פּלאַן, ער זאָל ווערן אַ גמרא־מלמד אין דער אָדעסער „ישיבה", אָבער די אָרטאָדאָקסן — די גבאים פון דער ישיבה, ווילן, נאַטירלעך, ניט, אַז אַזאַ באַרימטער אַפּיקורס זאָל האָבן אין ישיבה אַ דריסת־הרגל.

אַ גליק איז אים דעמאָלט געשען: דער אַרויסגעבער פון זיין „חטאת נעורים" האָט אים געגעבן פאַר האָנאָראַר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן פון זיין ווערק. די ספרים האָט ער ביסלעכווייז פאַרקויפט, און אַט דער פדיון האָט אים אַ ביסל געהאָלפן זיך צו ראַנגלען מיט דער נויט. דערצו האָבן זיך נאָך אים געמאַכט עטלעכע לעקציעס, און מיט גרויסע צרות האָט ער אָפּגעשטופּט דאָס לעבן. דאָס האָט אַזוי געדויערט גאַנצע דריי יאָר (פון 1874 ביז 1877).

דעמאָלט פאַלט אים איין אויסצונוצן די שלעכטע געלעגנהייט צו זיינע גונסטן. ער באַשטימט, נעמלעך, אָפּצופירן זיין פרוי מיט די קינדער אַהיים קיין ווילקאָמיר. אַליין וועט ער זיך אומקערן צוריק קיין אָדעס. ניט האָבנדיק אויף זיך דעם עול צו שפּייזן אין אָדעס די גאַנצע פאַמיליע, וועט ער אין צוויי יאָר צייט זיך קענען צוגרייטן און אָפּגעבן עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע.

געזאָגט און געטאָן. דעם 28טן אַפּריל 1877, איז ער אַרויסגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין ווילקאָמיר. דעם 10טן יוני האָט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין אָדעס, און דעם 18טן יוני האָט ער סיסטעמאַטיש אָנגעהויבן לערנען די לימודים, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט צום עקזאַמען. אַ פּאָר גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן און אַ סטודענט האָבן אים געהאָלפן דערין.

איצט לערנט ער מיט גרויס התמדה און מיט גרויס דערפאָלג. ער לערנט מאַטעמאַטיקע קורס נאָך קורס, ער לערנט אַ קורס נאָך אַ קורס געאָגראַפיע, לאַטיין, גריכיש און דאָס גלייכן. איצט פרייט ער זיך דערויף, וואָס ער גייט מיט ברייטע טריט צו זיין ציל. ער באַקלאָגט זיך נאָר צומאָל דערויף, וואָס זיינע לערער זיינען ניט פּינקטלעך; אַז ער מוז גיין דריי מאָל ביז ער טרעפט אַ לערער אַמאָל אין דער היים. אָבער ער זוכט ניט קיין שטערונגען און זעט זיי אויסצומיידן. וואָס עס איז מעגלעך, לערנט ער אָן אַ לערער און מיט דערפאָלג.

מאַטעריעל — האָט ער 24 רובל אַ חודש. שיקט ער 12 רובל דער פאַמיליע און 12 לאָזט ער זיך. שפּעטער באַקומט ער אַ שטיקל סטיפּענדיע פון ד״ר שוואַבאַכער און הייבט אָן צו שיקן דער פאַמיליע 15 רובל אַ חודש. י. ל. גאָרדאָן גיט אים צו וויסן, אַז עפּעס אַ גביר איז גרייט אים צו שטיצן מיט 25 רובל אַ חודש. דערביי נעמט ער אָבער אויס אַ תנאי, אַז בעת ער וועט אָנקומען אין אַ הויכשול, זאָל ער ניט אַנדערש אָנקומען אין היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט, און זיך פאַרנעמען מיט דער ווייסנשאַפט וועגן די מזרח־פעלקער, ווייל דאָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער ווייסנשאַפט וועגן יידנטום. ליליענבלום קען דעם תנאי ניט אָננעמען — צי ווייסט ער דען צו וועלכן צווייג פון דער ווייסנשאַפט ער וועט האָבן מער תשוקה? ווערט פון דער שטיצע גאָרנישט. אָבער דאָס קימערט אים ניט שטאַרק. פיל מער קימערט אים די ידיעה, וואָס ער האָט באַקומען פון ווילקאָמיר, אַז זיין ווייב מיט די קינדער קלייבן זיך „נאָך סוכות, אם ירצה השם״, זיך אומקערן צו אים קיין אָדעס. ער שרייבט איר מיט גוטן און מיט בייזן, אַז זי זאָל אים לאָזן צו רו אַ פּאָר יאָר, ביז ער וועט אָפּגעבן זיין עקזאַמען, ווייל ער מוז דאָך ענדיקן זיין שטודיום. ער שילדערט איר דאָס פריערדיקע צוזאַמענלעבן אין אָדעס און דערמאָנט איר די מוראדיקע נויט, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, דעם הונגער, וואָס זיי האָבן געליטן; ער דערמאָנט איר, אַז ער האָט אַמאָל געמוזט פאַרקויפן זיינע פינף בענדער פּיסאַרעוו, כדי קאַרטאָפל צו קויפן; אַז מיט דעם געלט, וואָס זי באַקומט פון אים, קען זי איצט לעבן אין ווילקאָמיר און אים געבן די מעגלעכקייט צו ענדיקן דאָס שטודיום, וואָס עס וועט זיין אַ גליק פאַר זייביידן.

די בריוו ווירקן. נאָך סוכות האָט זיך זיין פאַמיליע פון ווילקאָמיר ניט אומגעקערט. די ווירקונג האָט אָבער געהאַלטן נאָר אַזוי לאַנג, ווי די מלחמה האָט זיך געצויגן. ווייל זיין ווייב האָט פּשוט מורא געהאַט זיך צו באַזעצן אין אָדעס. אָבער באַלד נאָכן שלום, דעם 14טן יולי 1778, קערט זי זיך אום צוריק. דאָס איז אים אַ גרויסער שטער אין לערנען. מיט דריי חדשים שפּעטער דינגט ער פאַר זיך אַ באַזונדער וואוינונג, כדי ער זאָל קענען לערנען אומגעשטערט. און ער לערנט מיט דערפאָלג.

אין דעם זעלביקן יאָר, 1878, הויבט דער „המליץ״ ווידער אָן אַרויסצוגיין און ער שרייבט ווידער. דעם 8טן אַפּריל דערקלערט אים דער ד״ר שוואַבאַכער, אַז מער וועט ער פון אים קיין שטיצע ניט באַקומען דערפאַר,

וואָס ער האָט זיך באַטייליקט אין שיקן דעם אַדרעס צעדערבוימען — דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ" — נאָכדעם, ווי צוליב זיינע באַמיאונגען, זיינען ניין יידן באַפרייט געוואָרן אינעם קוטאַיסער פּראָצעס וועגן „עלילת־דם".

שוואַבאַכער האָט געהאַלטן, אַז צעדערבוים האָט דאָ קיין דאַנק ניט פאַרדינט . . .

אָבער ער גייט זיך זיין וועג. די נויט און די טרדה און דער עול פּרנסה שטערן אים איצט ניט זיך פאַרצוברייטן צום עקזאַמען.

דעם 14טן אויגוסט 1830 בלייבט ער אָן אַ לערער — די סטודענטן זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער די פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן.

דעם 26טן אָקטאָבער ענדיקט ער דעם גאַנצן קורס אַלגעברע — דאָס זיינען כמעט די לעצטע ידיעות, וואָס מיר געפינען וועגן זיין שטודירן.

קאַפּיטל 20.

ליליענבלום אין דער סאָציאַליטישער פּרעסע

אין דעם משך פון 1873, ביז 1877, ווען ער האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די רוסישע ראַדיקאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען געווען אַ ביסל סאָציאַליסטיש געפאַרבט, שרייבט ליליענבלום זייער ווייניק. דאָס איז ניט קיין צופאַל. דאָס לאָזט זיך אויך ניט דערקלערן מיט זיין שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע. ווייסן מיר דאָך, אַז ער האָט געשריבן גאַנץ ערנסטע זאַכן, ביי די ערגסטע פּערזענלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

ריכטיקער איז אָנצונעמען, אַז ער האָט ווייניק געשריבן, אָדער גאָר געשוויגן, ווייל ער האָט ניט געהאַט דעם אידעאַל, וואָס זאָל אים צווינגען צו קעמפן פאַר אים. די נייע אידעען, וואָס טשערנישעווסקיס ראָמאַן «Что делать?» האָט פאַר אים אַנטפּלעקט, נעמט ער אָן, ניט גאָר אָן צווייפל. ער האַלט טשערנישעווסקין פאַר אַ פאַנטאַזיאָר. ער מיינט, אַז דער דור איז ניט ראוי זיך צו פירן לויט זיינע אידעען אין פּראַקטישן לעבן. דאָס האָט ער איינגעזען נאָך אין יאָר 1874, וואָר ער זאָגט אויך אַרויס אין אַ בריוו צו אַ פריינד (דרך תשובה, זייט 6). און פאַרהאַלט מען זיך צו אַן אידעע סקעפּטיש, צווייפלט מען אין איר, קען מען דאָך ניט אַרויס־טרעטן און זיך איינשטעלן פאַר איר.

און נאָך איינס. דאָס גאַנצע בינטל געדאַנקען, וואָס איז דעמאָלט געווען מאָדערן און פאַרכאַפּט די גאַנצע דעמאָלדיקע אינטעליגענטע יוגנט, האָט אין זיינע לעצטע אויספירונגען געמוזט פירן צו קאָסמאָפּאָליטיזם, אָדער פּראַקטיש — צו אַסימילאַציע. דאָס האָט קודם כל געהייסן: זיך אָפּזאָגן פונעם אייגענעם פאָלק און פון דער אייגענער קולטור. קעגן דעם שטעלט זיך די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט ליליענבלומס, דער גאַנצער איך זיינער. צו טיף איז ער איינגעוואקסן אין דער יידישער קולטור, צו שטאַרק איז ער צוגעבונדן צו זיין פאָלק, אַז אַ נייע טעאָריע זאָל קענען דאָס אַלץ אויסוואָרצלען ביי אים פון האַרצן. ליליענבלומס מוח און לילענבלומס האַרץ זיינען געווען ניט קיין גינסטיקער באָדן פאַר די נייע קערנער, וואָס זיינען דאָרט געזייט געוואָרן. די פּרוכטן, וואָס קומען ביי לילענבלומען אַרויס פון זיי, זיינען מאָגער און שוואַך און ווייניק אין צאָל. אַרויסגייענדיק פון די אייגענע פּרינציפּן, וואָס אַנדערע, קומט ער דאָך צו גאַנץ אַנדערע אויס־פירונגען. קאָסמאָפּאָליטיזם — אָנגענומען, אַז דאָס איז דאָס גרעסטע גליק פאַר דער מענטשהייט. דאָס וואָלט אפשר געקענט ברענגען צו גוטע פּאָלגן. אָבער ווען? ווען אַזוינע גרויסע פעלקער ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע נאַציאָנאַליטעטן, פון זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און ווערן בלויז מענטשן. אָבער ווי לאַנג די גרויסע פעלקער טוען דאָס ניט, נאָר מיר ווערן אויס יידן און ווערן מענטשן, וואָס ווערן מיר דערמיט אויפטאָן? מיר קאָנען דאָך נאָר זיך אויסמישן מיט די פעל־קער, צווישן וועלכע מיר לעבן. וועט זיך דען די לאַגע פון דער מענטש־הייט ענדערן דורך דעם, וואָס מיר וועלן אויפהערן צו הייסן יידן און הייסן רוסן, דייטשן, פראַנצויזן אד״גל. וואָרעם קיין סתם מענטשן וועלן מיר דאָך ניט ווערן; ניטאָ נאָך דערווייל אַזוינע ביישפּילן. וואו זשע וועט זיין דער אַלוועלטלעכער קאָסמאָפּאָליטיזם? צו אַ נאַציאָנאַלן טויט קאָנען מיר נאָר זיך ברענגען. אָבער וואָסער פאָלק באַגייט דען זעלבסטמאָרד באַ־וואוסטזיניק און מיטן גוטן ווילן?

דערצו האָט ליליענבלום געמוזט איינזען, אַז דאָס, וואָס עס גילט פאַרן רוסישן פאָלק, גילט ניט פאַרן יידישן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין פּריצים, ניט געוואוסט פון „פאַנשטשינע" אין פּראַקטישן לעבן, ניט געהאַט די באַ־ציאונגען צווישן האַר און קנעכט. אגב, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט, צו

זען אין אָדעס די יידן, די „דענקענדע רעאַליסטן", די „באַפרייטע פערזענ־לעכקייטן". וואָס האָבן זיך פריי געמאַכט פון דער טראַדיציע, פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און געזוכט בלויז זייער אייגענעם נוצן, זייער אייגענעם גע־נוס און זיי האָבן אים לחלוטין ניט באַפרידיקט. און כאָטש פּיסאַרעווס כּלל איז געווען, אַז דער פּרט קאָן ניט מיט אַן אמת פריי זיין, אויב די גאַנצע געזעלשאַפט, דאָס גאַנצע פאָלק איז ניט פריי — האָבן זיך דאָך די „באַפרייטע פערזענלעכקייטן" זייער גוט געפילט, נאָר מיט דער אייגענער פריי־הייט, מיטן אייגענעם נוצן און זיך זייער ווייניק געקימערט וועגן דער פריי־הייט פון דער געזעלשאַפט. דערצו האָבן די גרויסע רעפאָרם־פּלענער פון דער רעגירונג קנאַפּ נוגע געווען צו דער יידישער באַפעלקערונג. יידן האָבן ניט געהאַט יענע גרויסע מעגלעכקייטן, צו פאַרווענדן זייער אַרבעט, וואָס די רוסישע באַפעלקערונג האָט געהאַט.

און גיין אַהין אַרבעטן, ווי דאָס האָבן אַנדערע יידן געטאָן, זאָגן דעם פּויער: דו ביסט מיין ברודער, דעם רוסישן אַרבעטער: איך בין דיין פאַרזאָרגער — דאָס האָט ער ניט געקאָנט. אַ געזונטן שכל האָט ער פאַרמאָגט, און האָט געמוזט איינזען, אין וואָסער אַ פאַלשן ליכט, עס שטעלן זיך די יידן, וואָס טוען עס יאָ.

צוליב די אָדער אַנדערע מאָטיוון, נאָר איינס איז קלאָר: ליליענבלום איז ניט געווען בכוח אָנצונעמען יענע נייע אידעען, מיט אַלע זייערע אויס־פירונגען. ממילא האָט ער זיך אויך ניט געקאָנט באַגייסטערן פאַר זיי, און אים איז ניט מעגלעך געווען צו שרייבן. אויף די אַמאָליקע טעמעס ניט — ווייל ער האָט פון זיי ניט געהאַלטן, אויף די נייע ניט — ווייל ער האָט זיי ניט איינגאַנצן געקאָנט אָננעמען.

און נאָך עפּעס. ליליענבלום האָט שטענדיק אויסגעמידן צו קומען אין דער עפנטלעכקייט, ווי אַ נאָכזאָגער נאָך אַנדערע. ער האָט עס ליב געהאַט, מיט אַ ניי וואָרט צו קומען. און דאָס טעמא: „אַרבעט", איז שוין קיין נייס ניט געווען אין דער יידישער פּרעסע. פּיסאַרעוו האָט געהאַט זיינע טיכ־טיקע פאַרטרעטער אויף העברעאיש, אין פּראָזע און אין פּאָעזיע. נאָך אין די יאָרן 1868 — 1865 קלינגט קאָוונער אין דער העברעאישער פּרעסע, מיט פּיסאַרעווס מטבעות. אין יאָר 1873 שרייבט דער ד"ר י. ל. קאַנטאָר, אין „השחר", וועגן „קאַפּיטאַל און אַרבעט" מיט אַ געוואַלטיקן טעמפּעראַמענט. אין די יאָרן 1877 — 1876 פאַרעפנטלעכט יה"לל אין „השחר" עטלעכע פול־

ווערטיקע שירים אויף דער אייגענער טעמע. אין דער אייגענער צייט באַוויזן זיך אין „השחר" אויף די פּיאָנערן פון דעם יידישן סאָציאַליזם: ליבערמאַן און צוקערמאַן. אין יאָר 1877 הויבט אָן צו דערשיינען אָן אָפן סאָציאַליסטיש־קאָסמאָפּאָליטישער אָרגאַן אויף העברעאיש, „האמת", רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן פון ליבערמאַן, וואו דער ד"ר יצחק קאַמינער נעמט אַ שטאַרקן אָנטייל. נאָר אַז ליבערמאַן לייגט פאַר ליליענבלומען צו שרייבן אַ מין אַלעגאָריע אויף דער טעמע אלישע בן אבויה — טוט ער דאָס. אָבער בינו לבינו הערט אויף דער „האמת" אַרויסצוגיין.

ערשט אין יאָר 1878 הייבט ווינטשעווסקי אָן צו רעדאַגירן דעם „אסיפת־חכמים" (ביילאַגע צום „הקול"), פאַרעפנטלעכט דאָרט ליליענבלום זיין „אלישע בן אבויה", אַ ווערק — אַ קאַפּטשיק, וואָס אויב ניט נייע געדאַנקען, האָט ער דאָך די באַקאַנטע געדאַנקען וועגן „אַרבעט" אויסגעדריקט אין אַ נייער פאָרם.

קאַפּיטל 21.

משנת אלישע בן אבויה

אויב דאָס ווערק „משנת אלישע בן אבויה" האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, אויב מען לייענט דאָס אויך איצט מיט פאַרגעניגן — איז עס ניט צוליב דעם, וואָס דאָרט ווערן אַרויסגעזאָגט אָריגינעלע געדאַנקען, נאָר צוליב דער מייסטער־פאָרם. שפּראַכלעך, איז דאָס באמת קלאַסיש, אויסגעהאַלטן אין לשון פון דער משנה און אין סגנון פון דער משנה. ווער עס איז באַקאַנט מיטן תלמוד בכלל און מיט משניות בפרט, דער קאָן זיך קוים אָפּוואונדערן אויף דער גלענצנדער פאַראָדיע. דערצו דער „פירוש הרעב", וואָס האָט אַ צוויי זייטיקן זין. ערשטנס — דער פשט: הרעב — איז דער טייטש הונגעריקער, און רעדט זיך וועגן קאַפּיטאַל און אַרבעט, אָדער אַרבעט און בטלה, פּאַסט זיך אַמבעסטן אַז דער הונגעריקער זאָל געבן זיין פירוש דערויף. און שיין איז דאָס אויך לויטן דרש. אַלע געוויינלעכע משניותן דרוקן זיך מיטן פירוש הרע"ב, וואָס מאַכט: רבינו עובדיהו ברטנורא. ליליענבלום איז אַלזאָ געבליבן ביי דעם געוויינלעכן, אויסערלעכן אויסזען פון משניות און דאָך אַריינגעלייגט דערין אַ נייעם זין...

און דער אינהאַלט?

אלישע בן אבויה איז געווען אַ תנא. די גמרא דערציילט אויף אים, אַז בעת ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערע־סירן מיט „חכמות חצוניות", איז אַרויס פון „גדר" און איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. זיין עובדא איז געווען, אומגיין פון איין בית־המדרש אין אַנדערן, פון איין ישיבה אין דער אַנדערער און טענהן מיט די תלמידים, וועלכע וואָלטן אויסגעוואַקסן תנאים:

„צו וואָס זיצט איר דאָ? אַנשטאָט דעם, וואָס איר פאַרנעמט זיך מיט לערנען הלכות, וואָס זיינען געבויט אויף ווינט, הענגען אויף אַ האָר און האָבן זיך ניט אויף וואָס צו שטיצן, גייט בעסער און פאַרנעמט זיך מיט „ישוב העולם", מיט זאַכן, וואָס דאָס לעבן פאָדערט פון אייך און איר פאָדערט פון לעבן; גייט און ווערט בויער, טישלער, מאַלער — יעדער זאָל זיך ווילן אַזאַ מלאכה, צו וועלכער עס ציט אים מער, אָבער זייט ניט קיין ליידיקגייער, קיין תנאים".

די בעלי־התלמוד האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אים, אים גערופן „אחר" („אַן אַנדערער"), כדי זיין אמתן נאָמען ניט צו דערמאָנען.

הייסט דאָס: ער האָט געטריבן די יוגנט, אין זיין צייט, צום מאַטע־ריעלן לעבן, צו אַרבעט, צו לעבן פון אייגענער מי און זיי אַרויסגעריסן פון דער פאַנטאַסטישער פּלפּול־וועלט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ תנא לאָזט זיך ליטעראַריש זייער גוט אויסנוצן — אים אין מויל אַריינלייגן די אַלע טענות, וואָס מ'האָט אַליין צו דער וועלט. און ווייל די משנה שטאַמט פון די תנאים, דערפאַר הייסט אויך דאָס ווערק: „די משנה פון אלישע בן אבויה". זי איז דורך אַ צופאַל, נאַטירלעך, אַריינגעפאַלן צו ליליענבלומען אין האַנט אַריין...

איז ניט שווער צו טרעפן, אַז דער תנא אלישע בן אבויה, וואָס האָט געלעבט מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק, רעדט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געענדיקט לייענען פּיסאַרעוון... אָדער אַנדערע פון זיין ריכטונג.

אַ רעכט צו עקזיסטירן האָט בלויז דער, וואָס אַרבעט פיזיש און שאַפט מאַטעריעלע גיטער, וואָס לאָזן זיך אָנטאַפּן מיט די הענט. נאָר דער פיזישער אַרבעטער טראָגט עפּעס אַריין אינעם אוצר, וואו עס זיינען אויפגע־שפּייכלערט די גיטער, וואָס באַפרידיקן די מענטשלעכע באַדערפעענישן. אַרבעט איינער ניט פיזיש, און נעמט פאַרט פון יענעם אוצר צו דערהאַלטן זיין לעבן, אָדער אַז איינער נעמט אַרויס פון דעם אוצר מער ווי ער טראָגט

אַריין, מאַכט ער אומגליקלעך די וועלט — ווייל קוים עסן יענע, וועלכע אַר־בעטן ניט, קלעקט דאָך ניט פאַר די, וואָס אַרבעטן יאָ. און אַז איינער אַרבעט אָפּ דעם גאַנצן טאָג, און מוז דאָך זיין הונגעריק — ברענגט עס אים צו פאַרשיידענע אומגליקן: דער ווערט אַן אַכזר אויף ווייב און קינדער, ער הייבט אָן צו זוכן וועגן, ווי אַזוי זיינע באַדערפעגישן צו באַפרידיקן ניט דורך אַרבעט, ביז ער הויבט אָן צו שלעפּן פון פרעמדע קעשענעס. און אַז ער טוט דאָס ניט, הונגערט ער אַזוי לאַנג, ביז ער שטאַרבט אַוועק פאַר דער צייט אַאַז״ו אאַז״וו.

לערנען האָט אויך אַ ווערט, וויסנשאַפט איז אויך נויטיק. אָבער נאָר נאַטור־וויסנשאַפט. און אַפילו דער לערנען קאָן ניט יוצא זיין מיט לערנען אַליין; ער מוז נאָך דערצו פיזישע אַרבעט אויך טאָן, אַנדערש האָט ער קיין רעכט ניט זיך צו באַנוצן מיט די גיטער פונם אַלמענטשלעכן אוצר.

און אַז אַלע מענטשן וועלן גלייך אַרבעטן, אַז קיינער וועט ניט פאַר־צערן מער ווי ער וועט שאַפן, דעמאָלט וועט געניגן שפּייז און עס וועט געניגן רחבות פאַר אַלעמען, אָרעמקייט וועט לגמרי פאַרשווינדן און די וועלט וועט זיין געגליכן צו אַ גן־עדן.

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דעם ווערק.

אָט די אַלע געדאַנקען, ווען זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן (אין יאָר 1878), זיינען זיי, אין דער העברעאישער פרעסע, שוין קיין נייעס ניט געווען. און מער ווי דאָס, האָט ליליענבלום ניט אַריינגעטראָגן אין דער יידיש־סאָ־ציאַליסטישער ליטעראַטור...

קאַפּיטל 22.

אין גייסט פון די דאָזיקע אידעען

עס קומט דאָס יאָר 1881. אין תחום איז אַ הונגער. דערצו קומען אָנגעמען די מאַטעריאַליסטיש־סאָציאַליסטישע טעאָריע, מיט אַלע אירע אויספירונגען און פּרינציפּן. דערהויפּט האָט אים געשטערט דערין דער קאָסמאָפּאָליטיזם און די אַסימילאַציע, וואָס האָבן געגאָלטן ווי אומבאַדינגט נויטיקע עלעמענטן, יסודות פון דער דאָזיקער שיטה. די גאַנצע שיטה ניט, אָבער די אייניקע פּרינציפּן פון דער שיטה, וואָס ער האָט יאָ אָנגענומען.

די האָט ער מיט זיך געבראַכט אין דער יידישער פּרעסע; די האָט ער מיט דערפאָלג אָנגעווענדט ביי אַלע יידישע פראַגן, וואָס ער האָט באַהאַנדלט און דאָ זיינען זיי פרוכטבאַר געווען.

פון דאָרט האָט ער מיטגעבראַכט די איבערצייגונג, אַז אַ פאָלק קאָן גע־וואָרבן זיין געזונטן חוש צום רעאַלן לעבן, דאָרט האָט ער געלערנט צו שעצן און ריכטיק צו שאַצן דעם מאַטעריעלן, אָדער עקאָנאָמישן יסוד פונם לעבן און אויך די שאַרפע אָפּנויגונג פונם מיסטישן, האָט ער דאָרטן אויסגעשמידט.

און אַז ער שרייבט אין יאָר 1877 אַ סעריע אַרטיקלען, וועגן אַ רבנישער אסיפה, וואָס האָט געזאָלט דאַן צונויפגערופן ווערן, הערט מען שוין אין זיינע רייד גאָר נייע טענער. איצט זעט ער איין, אַז דאָס יידישע לעבן איז ניט אָפּהענגיק פון תלמוד, נאָר דער תלמוד איז אָפּהענגיק פונם יידישן לעבן. און דאָס יידישע לעבן זעט אויס, ווי עס זעט אויס — ווייל מיר זיינען אַ פאָלק מיט אָרעמע לייט, און אָרעמע לייט זיינען מיר — ווייל מיר זיינען צונויפגעפרעסט אויף אַן ענגן שטח פון לאַנד און דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרשלאָסן פאַר אונז. אַז מיר וועלן האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע, וועלן מיר אויך זיין מענטשן גלייך. ס׳איז לעכערלעך צו פאָדערן פון אונז פרייע אייראָפּעאישע קולטור, כל זמן מיר זיינען אַליין, אַלס מענטשן ניט פריי, כל זמן מ׳האַלט אונז אין צוואַנגען און יעדע פרייע באַוועגונג און פרייע אונטערנעמונג איז אונז פאַרבאָטן.

אַגב איז ער בכלל ניט קיין גרויסער אָנהענגער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, און ניט קיין מאַ־ין אין דעם אייראָפּעאישן יושר... נאָך אין יאָר 1874 שרייבט ער צו זיינעם אַ פריינט:

„די רעפאָרם אין מיליטער־פליכט און די גלייכבאַרעכטיקונג וואָס זי וועט אפשר ברענגען מיט זיך, וועלן פאַרטרייבן פון יידן זייער איצטיקע אָפּ־געשטאַנענקייט און פאַרשיידענע באַרישקייטן. אָבער וואָס וועט דערפון אַרויס־קומען? אָנשטאָט דעם איצטיקן שטייגער־לעבן, וועלן יידן איבערנעמען די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע מיט אַלע אירע פאַרדאָרבנקייטן. ווייס איך ניט, וואָס איז פאַר אונז געזינטער: די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע, צי די איצטיקע ווילדקייט“. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער ווערט ביי אים די מיינונג, אַז ניט קולטור און אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע פעלט אונז, נאָר אַ פעסטער באָדן אונטער די פיס.

און אַז ער געפינט אין יאָר 1876 אַ ידיעה אין „המגיד", אַז חיים גדליה פון לאָנדאָן, וויל אָפּקויפן פּאַלעסטינע ביים סולטאַן און באַזעצן דאָרט יידן — קומט ער אַריין אין גרויסע התפעלות. קיין וואונדער ניט — שרייבט ליליענבלום — אַז איך, וואָס האָב זיך תמיד מצער געווען דערויף, וואָס עס איז ניטאָ קיין מיטל ווי אַרויס צורייסן יידן פון די ציין פון דער אַסימי־לאַציע, האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם פּלאַן. אויב יידן וועלן זיך באַ־זעצן אין פּאַלעסטינע, ווערט דאָך אין איין אויגנבליק פאַרענטפערט די יידישע פראַגע אין אַלע פּרטים.

אָבער פון דעם פּלאַן איז גאָרניט אַרויסגעקומען.

און אין אויגוסט 1879 איז געקומען אַן ענלעכע ידיעה אין די צייטונגען. עס האָט געהייסן: די חברה „חברים כל ישראל" וויל קויפן אין רוסלאַנד צוויי מאָל הונדערט־טויזנט דעסיאַטין ערד, פאַר זעקס מיליאָן רובל, כדי צו באַזעצן אויף איר צען טויזנט יידישע פאַמיליעס.

און ליליענבלום רופט אויס: „אין אַ גליקלעכער שעה! טויזנטער יידי־שע פאַמיליעס, וועלכע גייען איצט אויס פון הונגער, וועלן האָבן זייער ברויט פון זייער ערד. נאָך זיי וועלן אַהין קומען הונדערטער בעלי־מלאכות, וואָס וועלן געפינען אַרבעט צווישן די יידישע קאָלאָניסטן. טויזנטער יידן וועלן דערלייזט ווערן פון הונגער, פון דרוק, פון קעלט, פון קראַנקהייט, פון פאַר־צווייפלונג, פון הערן ווי זייערע קינדער וויינען און בעטן עסן, און פון פיל אַנדערע ביטערע צרות..."

און מיט צוויי חדשים שפּעטער שרייבט ער אויף רוסיש (אין „ראַזסוועט") אַן אַרטיקל וועגן דעם, אַז עס איז נויטיק צו גרינדן קאָלאָניעס פאַר יידן אין רוסלאַנד. אין דער אייגענער צייט און וועגן דער אייגענער פראַגע, שרייבט ער אויך אַרטיקלען אין „המליץ". פירט אַ גרויסע פּאָלעמיק מיט די פאַרשיידענע קעגנער פון דעם געדאַנק, ער באַמיט זיך דאָרט צו באַווייזן, אַז דער יסוד פון יעדער נאָרמאַלערווירטשאַפט איז ערד־אַרבעט און פאַבריק־אַרבעט. איז אָבער רוסלאַנד דערהויפּט אַ לאַנד פון ערד־אַרבעט און די פאַ־בריקאַציע איז זייער ניט גענוגנט אַנטוויקלט. און אויב אין צענטראַל־רוס־לאַנד איז אַפילו יאָ פאַראַן פאַבריקאַציע, טאָרן דאָך אָבער דאָרט יידן ניט וואוינען. בלייבט אונז דערום איבער בלויז צו גרינדן קאָלאָניעס. און אַז די ידיעה וועגן דעם ווילן און דעם פּלאַן פון „כל ישראל חברים", לאָזט זיך אויך אויס אַ ליגן, פאַלט ליליענבלום ביי זיך ניט אַראָפּ. „אויב דער געדאַנק,

וועגן גרינדן אין רוסלאַנד קאָלאָניעס פאַר יידן, איז אַ ריכטיקער, מוזן מיר אים פאַרווירקלעכן אָן דער הילף פון „חברים כל ישראל". וואָס־זשע, מיר האָבן אַפּנים ניט קיין אייגענע גבירים? און ניט דווקא גבירים. הונדער־טער טויזנטער יידישע פאַמיליעס זייַנען דאָ, וואָס קאָנען שוין אַריינטראָגן צו צען מזומענע רובל. און מיט אַזאַ קאַפּיטאַל קען מען שוין עפּעס אָנהויבן צו טאָן".

און אַ גליקלעכער איז ער, ווען אין אַ חודש אַרום, נאָכדעם ווי זיין אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן יידן אָנגעהויבן אַריינשיקן צו צען רובל צום דערמאָנטן צוועק. „קוים גיבן יידן פּאַקטיש געלט, — שרייבט ליליענבלום, — איז עס אַ סימן, אַז מיין אַרטיקל האָט געווירקט אויף פּראַק־טישע מענטשן אויך, וואָס זשע קאָן איך דען נאָך פאַרלאַנגען?"

נאָך צופרידענער איז ער, ווען פּאָליאַקאָוו גרינדעט (אין יאָר 1880) דעם פאָנד צו שטיצן יידישע בעל־מלאכות און ערד־אַרבעטער אין רוסלאַנד.

די דאָזיקע צופרידנקייט דויערט אָבער ניט לאַנג. אין גיכן ווערט ער געוואויר, אַז דער פאָנד האָט צונויפגעזאַמלט צוויי מאָל הונדערט טויזנט רובל, אָבער פאַרווענדן וועט מען בלויז דעם פּראָצענט פון דעם געלט, וואָס קאָן העכסטנס אויסמאַכן צען טויזנט רובל אַ יאָר.

„פאַר זיי, פאַר די פּעטערבורגער גבירים, — שרייבט ליליענבלום — איז די רעקלאַמע וויכטיקער ווי דער הונגעריקער יידישער המון. גאַנצע יידישע פאַמיליעס שטאַרבן אויס פון הונגער און זיי זאַמלען געלט אַזוי, אַז קיינער זאָל פון דעם קיין הנאה ניט האָבן. שרעקלעך!"

פון צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן, וועגן יידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, הייבט ער אָן זיך מיאש צו זיין. ניטאָ ווער עס זאָל דאָס טאָן! ער בלייבט אָבער פעסט ביי זיין איבערצייגונג, אַז נאָר אויפן יסוד פון ערד־אַרבעט קאָ־נען יידן ראַטעווען זייער לעבן, און ראַטעווען זיך וועלן זיי נאָר דאַן, ווען זיי אַליין, ניט־וואַרטנדיק אויף די גבירים, וועלן זיך נעמען צו פאַרווירקלעכן דעם דערמאָנטן געדאַנק.

קאַפּיטל 23.

דער קריזיס און דאָס געזעגענען זיך

עס קומט דאָס יאָר 1881. אין תחום איז אַ הונגער. דערצו קומען קלאַנגען פון פאַרשיידענע זייטן, אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג גרייט זיך

צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. ליליענבלום גלויבט ניט, אַז מ׳זאָל קאָנען אומקערן צוריק דאָס מיטלאַלטער, מיט אַלע זיינע גרויזאַמקייטן. די העצע קעגן יידן ווערט אָבער אַלץ שטאַרקער. דער אָדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר קלעפּט אויס מודעות אין שטאָט, וואו ער איז מתרה, אַז ער וועט צו קיין אומאָרדענונגען ניט דערלאָזן.

און ידיעות קומען אָן פון יעליסאַוועטגראַד, קיעוו און אַנדערע שטעט, אַז דאָס מיטלאַלטער האָט זיך דאָך אומגעקערט, אַז יידישע פּאָגראָמען זיינען דאָך פאָרגעקומען. אינגיכן לעבט אָדעס אויך איבער פּאָגראָם־שרעק, כאָטש צו קיין פּאָגראָם קומט עס ניט. ליליענבלום איז צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די אימה און דעם טויט־שרעק. „כאָטש איין מאָל אין לעבן — שרייבט ער — איז מיר אויסגעקומען צו פילן די שרעקן, וואָס יידן האָבן כמעט אַלע זייערע יאָרן איבערגעלעבט".

דעם גאַנצן זומער הערן ניט אויף אין דרום־רוסלאַנד די פּאָגראָמען, אין צפון־רוסלאַנד — די שריפות. עס ווערט חרוב איין יידישער ישוב נאָכן אַנדערן. אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע. מ׳הערט אָפּטריידן פון אַמעריקע, מען רעדט אַפילו פון שפּאַניען. יידן לויפן, וואוהין די אויגן טראָגן זיי. דער טומל אין דער יידישער געזעלשאַפט ווערט אַלץ גרעסער. אָבער וואָס קאָן מען טאָן דערצו? מיט וואָס קאָנען זיך די יידן העלפן?

עטלעכע יידישע סטודענטן פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, ווילן אָנהייבן אַן אַגיטאַציע צווישן יידן, אַז מען זאָל אָפּקויפן פּאַלעסטינע און דאָרט שאַפן אַן אָרט פאַר יידן, וואו זיי וועלן זיך פריי קאָנען פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט און אינדוסטריע. אויב יעדער ייד זאָל געבן צו 25 קאָפּיקעס, — אַזוי האָבן זיי אויסגערעכנט, וועט מען קאָנען צונויפזאַמלען די סומע, וואָס עס איז נויטיק צו געבן דעם סולטאַן. ליליענבלום האָט ניט קעגן עצם פלאַן; ער מיינט נאָר, אַז אַזאַ איניציאַטיווע דאַרף קומען פון אויסלאַנד.

די חברה „חברים כל ישראל" עצהט צו פאָרן נאָר קיין אַמעריקע, אָבער ניט קיין שפּאַניע און ניט קיין ארץ־ישראל.

וואונדערט זיך ליליענבלום: „מילא, מיט שפּאַניע האָבן מיר אַלטע, בלוטיקע חשבונות. אָבער פאַרוואָס ניט ארץ־ישראל? פאַרקערט: פאַרוואָס זאָל מען ניט אָפּקויפן ארץ־ישראל און צונויפזאַמלען אַהין יידן פון אַלע פאַרשיידענע פּאַרטייען? פאַרוואָס ניט?"

ליליענבלום האָט ניט געגלויבט אין אייראָפּעאישן יושר און ניט אין דער אויפריכטיקייט פון די ליבעראַלע פּאַרטייען. נאָך ווייניקער האָט ער געגלויבט אין דעם גוטן ווילן פון דער רוסישער רעגירונג, אַרויסצוהעלפן יידן פון זייער לאַגע. פאַרקערט, ער האָט אויך דאַן חושד געווען די רעגירונג, אַז זי האָט עס אָרגאַניזירט די יידישע פּאָגראָמען. פונדעסטוועגן, אַז ער לייענט דעם באַפעל צו די גובערנאַטאָרן: .. „זאַמלען און צושטעלן פּאַקטישע ידיעות און השערות וועגן דער פראַגע: וועלכע זייטן פון דער יידישער, עקאָנאָמישער טעטיקייט, ברענגען שאָדן דער אייגענער באַפעלקערונג", זעט ער זיך ווי אין אַן עולם־התהו. אין דער קאָנקורענץ־וועלט — שרייבט ער — איז עס אַזוי, אַז וואָס עס גילט איינעם צום נוצן, גילט דעם צווייטן צום שאָדן. פאַרוואָס־זשע זאָל דער רוס יאָ מעגן טאָן אַזוינס, וואָס קאָן אַ געווינסן שאָדן ברענגען דעם אַנדערן רוס, און דער ייד טאָר דאָס ניט? און וואָס הייסט דען „זאַמלען און אַרויסגעפינען די שעדלעכע זייטן"? די שעדלעכקייט, הייסט עס, מוז אַרויסגעפינען ווערן!... אַפילו וואו זי איז ניטאָ, וועט מען זי מוזן אויסטראַכטן...

„שטייען מיר פאַר אַ נייעם פּאָליטישן קורס?"

„זיי ברענגען שאָדן דער אייגענער באַפעלקערונג". וואו עס זיינען פאַראַן אייגענע, זיינען אויך פאַראַן פרעמדע.

„בעת די פּאָגראָמען, האָט אַן אַלטע, שיכורע גויע געטאַנצט אין גאַס און געשריען: „אונזער לאַנד!" קאָנען מיר אויך אַזוי שרייען? ניין! מיר קאָנען דאָס ניט — ווייל מיר זיינען פרעמדע".

און ניט בלויז אין רוסלאַנד, אין גאַנץ אייראָפּע זיינען מיר פרעמדע. איצט ווערט אים קלאָר דאָס וואָרט „אַנטיסעמיט". אין אים ליגט דער סוד פון אַלע אונזערע צרות. מיר זיינען ניט ווי אַלע, פרעמד צו אַלע. סעמיטן צווישן אַריער, אַזיאַטן צווישן אייראָפּעער. אמת, אַלע פעלקער זיינען אַהער געקומען פון אַזיע. אָבער בעת זיי זיינען געקומען קיין אייראָפּע, זיינען זיי געווען ניט קיין פעלקער, נאָר האָרדן, אָן אַ געשיכטע און אַזוינע האָרדן האָבן זיי געפונען דאָ, וואוהין זיי זיינען געקומען, און זינט זיי האָבן אַ געשיכטע, זיינען זיי אייראָפּעער. אָבער מיר? אַ פאָלק מיט אַ געשיכטע, און אַ פאַרטיקער קולטור זיינען מיר געקומען אויך צו די פעלקער שוין, מיט זייער געשיכטע און זייער קולטור. געקומען — ווי אומגעבעטענע געסט...

ווי אונטערגעוואָרפענע, האָט מען אונז אויס רחמנות, אין שטוב אַריינגע־לאָזט.

קלאָר ווי דער טאָג. כאָטש אין שטוב, דאָך אָבער ווי פרעמדע, ניט ווי אייגענע קינדער. דער גרעסטער פּסול איז עס, אויב דער פרעמדער דער־לויבט זיך צו חלומען וועגן ווערן אַן אייגענער אין שטוב. און אין דעם פּרט וועט די ציוויליזאַציע אויך גאָרניט העלפן. אין מיטלאַלטער זיינען מיר זיי פרעמד געווען — ווייל אונזער גלויבן איז אַן אַנדערער, איצט, בעת דאָס נאַציאָנאַלע פּרינציפּ הערשט, זיינען מיר זיי פרעמד — ווייל אונזער אָפּשטאַ־מונג איז אַן אַנדערע. די פאָלגן זיינען, אין ביידע פאַלן, די זעלבע.

און וואָס דערוואַרט אונז אין דער צוקונפט? שרעקלעך! ניטאָ קיין איינציקער פונק האָפענונג, קיין איינציקער שטראַל ליכט, קנעכט, פרעמדע אויף אייביק און אייביק... אַ געלעכטער און אַ שאַנדע!

און ארץ־ישראל? פאַרוואָס זאָלן מיר דווקא זיין פרעמדע אין פרעמ־דע לענדער? פאַרנעמט דאָך אונזער פאָטערלאַנד איר אַמאָליקן פּלאַץ אויף דער ערד און איז אויך איצט נאָך פונקט אַזוי וויסט ווי געווען. דאָס לאַנד, אינאיינעם מיט די דערבייאיקע לענדער, קאָנען אַריינגעמען דאָס גאַנ־צע יידישע פאָלק. ווי גרויס, ווי הויך דער געדאַנק! אין אים שטעקט דאָך אונזער אייביקע הילף! אַ נאַרישקייט איז עס געווען פון מיר צו שרייבן: מ׳דאַרף אָפּקויפן אונזער פאָטערלאַנד. צו וואָס קויפן? דערהויפּט מוזן מיר אויפהערן צו זיין פרעמדע. וועלן מיר זיך ביסלעכווייז אומקערן אין אונ־זער פאָטערלאַנד, וועלן מיר דאָרט ממילא ניט זיין קיין פרעמדע. און דאָס איז דער עיקר. ערד דאַרף מען דאָרט קויפן, פיל ערד, ביסלעכווייז זיך דאָרט באַזעצן — אַזוי גוט ווי אַנדערע פעלקער לעבן אין די לענדער פון זייערע עלטערן — כאָטש זיי שטייען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אַנדערע פעלקער. ניט די הערשאַפט איז דער עיקר, נאָר די בירגערלעכקייט, די היס־טאָרישקייט, דאָס זיצן פונם פאָלק אין לאַנד פון זיינע עלטערן.

געוויס איז עס אוממעגלעך אַריבערצופירן מענטשן פון איין לאַנד אין אַן אַנדערן, אַפילו צוליב אַ הויכן אידעאַל. אָבער ווען איז דאָס גערעדט, אַז די מענטשן זיצן פעסט, דאָרט וואו זיי זיצן. מיר זיינען דאָך אָבער סיי־ווי אויס־געריסן פון אונזערע ערטער. דאָס לאַנד איז אָפן פאַר אונז — צו גיין, וואוהין מיר ווילן. און מיר גייען ניט, נאָר מיר לויפן. צו וואָס־זשע לויפן

קיין אַמעריקע, וואו מיר וועלן ווידער טאָקע זיין פרעמדע, און ניט בעסער קיין ארץ־ישראל?...

אַ הויכער רעיון! פאַראַן אַ מעגלעכקייט, יידן זאָלן געהאָלפן ווערן! און דאָס פאָלק אַליין, אויב ס׳וועט נאָר וועלן, קאָן זיך העלפן! און אַ פאָלק, וואָס איז אומשטאַנד זיך צו העלפן, איז שוין ניט מער אומגליקלעך, נאָר גליקלעך — אויב עס וויל!...

„דער שווערער שטיין, וואָס האָט געדריקט אויף מיר די לעצטע צייט — שרייבט ליליענבלום — איז אין איין מינוט פאַרשוואונדן. ליכטיק איז מיר געוואָרן. מיין גייסט האָט זיך דערהויבן און גאָר אַן אַנדער מענטש בין איך געוואָרן. אַ ווידער אויפלעבונגס־טוי האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט, און דער „שרעקלעכער אייז״, וואָס האָט אַזוי פיל יאָר געפרעסט מיין האַרץ, איז צעשמאָלצן״.

איצט וואַרפט ער לחלוטין אַוועק זיין שטודיום און גיט זיך אינגאַנצן אָפּ דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל.

קאַפּיטל 24.

ליליענבלום אַלס חובב ציון

ווי אַזוי ליליענבלום איז געקומען צו חבת־ציון — דאָס דערציילט ער אויספירלעך, אין זיין ווערק „דרך תשובה״ (וואַרשע, הוצאת אחיאסף, תרנ״ט 1899).

און וואָלט ער דאָס אונז אַפילו ניט דערציילט, וואָלט עס אונז אויך קלאָר געווען דערפון, וואָס מיר ווייסן פון זיינע איבערלעבונגען.

האָט ער דאָך נאָך אַלס קינד, פאַרגאָסן ביטערע טרערן אויף „גלות השכינה״ און אויף יידישע צרות. און אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער שטענדיק געליטן פון דעם שרעקלעכן געדאַנק, אַז יידן מוזן סוף־כל־סוף אונטערגיין — ווייל זיי האָבן ניט קיין לאַנד און ניט קיין שפראַך, וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן און אויפהאַלטן. און אַ צייט מיט יאָרן הערט ער ניט אויף צו באַדויערן דעם פאַקט, וואָס דאָס אַבערגלויבן און די הפקרות, זיינען אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן פאָלק, און אַז ביידע אינאיינעם גראָבן אונטער אויך דעם גייסטיקן באָדן, אויף וועלכן דער יידישער קיום האָט זיך

ביז איצט געשטיצט. נאָך אַ טריט ווייטער, און ער זעט איין, אַז דאָס יידי־שע פאָלק איז אַזוי אָרעם און שפל און פאַרווילדעט — ווייל די רעכטלאָ־זיקייט לאָזט אים ניט לעבן רואיק אפילו קיין „חיי־שעה", לאָזט אים ניט־צו צו קיין רואיקע און זיכערע פרנסות, לאָזט אים ניט־צו צו דער איינצי־קער געזונטער קוועלע פון חיונה — צו ערד־אַרבעט, און בכלל צו אַרבעט.

און אַ פאָלק — דעריין איז ער איבערצייגט — קאָן ניט עקזיסטירן, אָן אַ פּראָדוקטיוון קלאַס פון ערד־אַרבעטער און פאַבריק־אַרבעטער.

זעט ער לכתחילה די ישועה, אין גרינדן קאָלאָניעס פאַר יידן אין רוסלאַנד.

קומען די פּאָגראָמען, קומט די רעגירונגס־פּאָליטיק בנוגע צו יידן, און ווייזן אים, אַז יידן, אומעטום וואו זיי זיינען, זיינען זיי פרעמדע. אַזוי קוקן אויף זיי אַנדערע. אָבער זיי אַליין קאָנען זיך אויך ניט פילן ווי אייגענע, ווי עס פילן זיך אַלטגעזעסענע בירגער אין היסטאָרישן לאַנד פון זייערע עלטערן, ווי מענטשן פילן זיך אין זייער פאָטערלאַנד...

און דאָס איינציקע לאַנד, וואו יידן וועלן זיך, ביי אַלע אומשטענדן, פילן, ווי ביי זיך אין דערהיים, און ניט ווי קיין פרעמדע — דאָס איז דאָס היסטאָרישע, יידישע פאָטערלאַנד, ארץ־ישראל.

דאָס איז דער וועג, דאָס זיינען די געדאַנקען־שטופן, אויף וועלכע ליליענבלום האָט געשטיגן, ביז ער איז געקומען צו דער העכסטער שטופע פון זיין לייטער — צו חבת־ציון.

דאָס ווערק, וואו ליליענבלום דערציילט אונז פון זיין קומען צו חבת־ציון, האָט ער גערופן: „דרך תשובה". דער נאָמען איז ניט קיין געלונגענער; דאָס וואָרט האָט אים פאַרפירט — ווייל די ערשטע צוויי טייל פון זיין ביאָגראַפיע, וואו ער דערציילט פון זיין שטורעם און קאַמף־צייט, הייסן חטאת־נעורים, דערפאַר האָט ער דעם דריטן טייל פון זיין ביאָגראַפיע, וואו ער דערציילט אונז פון זיין רו־צייט, אָנגערופן דרך־תשובה.

דאָ איז אָבער ניטאָ קיין תשובה, ווי מ'איז געוואוינט דאָס וואָרט צו טייטשן. וואָרעם „תשובה" הייסט געוויינלעך: צוריקקערן, אומקערן זיך דערצו, וואָס מען האָט פאַרוואָרפן, חרטה האָבן דערויף, וואָס מ'האָט גע־זאָגט און געטאָן. ביי ליליענבלומען איז דאָס ניט דער פאַל.

זיין חבת־ציון איז ניט קיין טריט צוריק, נאָר אַ טריט פאָראויס; ער האָט געפונען דאָס מיטל ווי צו ראַטעווען יידן: פון דלות, פון האַס, פון

רויב, פון ווינט־פּרנסות, פון אָבערגלויבן, פון הפקרות און פון אונטערגאַנג — דאָס מיטל, וואָס ער האָט כל ימיו געזוכט.

וואָרעם שוין אַ חובב־ציון, בלייבט ער דאָך ביי זיין מיינונג, אַז ס'איז נויטיק צו רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך, אַז דאָס אָבערגלויבן און די מיס־טישע וואָלקן, אין וועלכע יידן לעבן, זיינען אַן אומגליק פאַר זיי, אַז די דערציאונג מוז אַן אַנדערע זיין — די קינדער מוזן דערצויגן ווערן צו אַ רעאַלן, מאַטעריעלן תכלית אין לעבן — — —

אָבער כדי אָט די אַלע נויטיקע זאַכן צו דערגרייכן, איז קודם כל נויטיק אַ פּלאַץ צו דערווערבן, וואו דער ייד זאָל קאָנען פעסט און זיכער, אַ פוס שטעלן. אַ פאָלק אין דער פרעמד, איז ניט קיין באַלעבאָס אויף זיך, קאָן זיך ניט איינאָרדענען אַזוי, ווי אים איז בעסער, ווי אים איז נויטיק. אָבער ביי זיך אינדערהיים, דאָרט וועט אים דאָס לעבן צווינגען, אַזוי זיך איינצואָרדענען, ווי ער האָט נויטיק פאַר זיין נאָרמאַלער אַנטוויקלונג...

אָבער קודם־כל דאָס לאַנד דערווערבן, דאָרט זיך באַזעצן, דאָרט אָנ־הויבן אַ לעבן פירן.

דאָס איז, פון איצט אָן, ליליענבלומס לייכט־טורעם אין האַפן פונם שטורמישן ים, אויף וועלכן דאָס יידישע שיף ווערט געשליידערט, ביז צע־בראָכן צו ווערן, ביז צום אונטערגיין.

זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז פון איצט אָן אָנגעשטרענגט אויף דעם לייכט־טורעם, זיין גאַנצע ענערגיע איז אָנגעשטרענגט דערויף — דאָס שיף אין דעם האַפן צו ברענגען.

און שטייט דער שיפס־קאַפּיטאַן אויף זיין בריקל, אין אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן מאָמענט, זאָלט איר זיך מיט אים ניט אַריינלאָזן אין קיין זייטיקע שמועסן...

און ניט דערפאַר זאָלט איר ניט ריידן מיט אים וועגן די אַלע זאַכן, ווייל זיי זיינען ניט וויכטיק, ניין! געוויס זיינען זיי וויכטיק, געוויס נוי־טיק, אָבער... אַלע זיינען זיי איינגעשלאָסן אין דער איינער, גרויסער פראַגע — וועגן באַזעצן יידן אויף אַן אייגן לאַנד. אויסער דער אַלגעמיינער פראַגע, וועט איר די איינצלנע פראַגן ניט פאַרענטפערן (כל כתבי ליליענ־בלום „החיים והמות", כרך ד' ז. 5 — 101).

און פּרואווט איר דאָס, וועט איר נאָר ברענגען צו חלוקי־דעות, צו מחלוקת און צעברעקלען די כוחות, וואָס מוזן פאַראייניקט זיין — ווייל אַנדערש וועט איר דאָס אַלגעמיינע ציל ניט דערגרייכן.

קאַפּיטל 25.

ליליענבלום ביי דער אַרבעט

ניט פון מליצה־וועגן, האָב איך ליליענבלומען פאַרגליכן מיטן שיפס־קאַפּיטאַן אויף זיין בריקל, אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט, נאָר ווייל דאָס כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע אַרבעט, אין משך פון די אַכט־און־צוואַנציק יאָר, וואָס ער איז טעטיק געווען אַלס חובב־ציון.

ליליענבלום האָט שטענדיק נאָכגעשפּירט דאָס קלענסטע זייטיקע ווינטל, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אים, און האָט, אַזוי אָדער אַנדערש, געקאָנט אַראָפּפירן די פּאַלעסטינע־אַרבעט, פון איר גלייכן וועג.

קיין חילוק ניט געווען, צי איז דער ווינט געקומען פון רעכטס, אָדער פון לינקס. אויב נאָר זייטיק — זיינען זיי ביידע גלייך שעדלעך געווען פאַר אים.

אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, האָט מען געטענהט קעגן חבת־ציון:

איר ווילט ניט לעבן פון ווינט, איר ווילט ניט היטן קיין פרעמדע גערטנער — רעכט! ניט אייביק וועט דאָך אָבער אַזאַ צושטאַנד דויערן. אינאיינעם דערמיט, ווי ס'וועט פאַרשווינדן די איצטיקע, קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג וועט ווערן אַ סאָציאַליסטישע, וועלן אויך פאַרשווינדן אַלע אונטערשיידן צווישן מענטש און מענטש, פאָלק און פאָלק, גלויבן און גלויבן. און קיין אייגענע און פרעמדע וועלן מער ניט זיין. וואו איינער וועט אַרבעטן, דאָרט וועט זיין דאָס פאָטערלאַנד זיינס. און די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, איז דאָך גרינגער און גיכער צו דערגרייכן, איידער ברענגען דאָס יידישע פאָלק צו זעלבסטשטענדיקייט אין פּאַלעסטינע. ווילט איר אַרויסקומען פון אייער איצטיקער, טרויעריקער לאַגע, — גיט אונז די האַנט און לאָמיר אינאיינעם אַרבעטן פאַר דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

און ליליענבלום ענטפערט דערויף:

— אמת, עס איז פאַראַן איין קלאַס, וואָס מאַכט לעת־עתה קיין חילוק ניט, צווישן אייגענע קינדער און פרעמדע, און קען נאָר אַרבעטער. אָבער אויב אָט דער קלאַס וועט, חס־ושלום, ווען עס איז, וואו עס איז, כאָטש נאָר אויף אַ קורצער צייט קומען צו הערשאַפט — דאַן... זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין פון אַזאַ צייט! מ׳קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז בעת דער המון וועט זיין אויפגעהעצט, וועט מען אונז אַלע אויסקוילן — ווייל אונז האַלט מען פאַר קאַפּיטאַליסטן (כל כתבי ליליענבלום, כרך ד׳ זייט 54).

און אַז די ליבעראַלן זיינען געקומען אין נאָמען פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס, און האָבן געטענהט, אַז דער אַנטיסעמעטיזם איז בלויז אַ צייט־ווייליקע, פאַרביילויפנדיקע דערשיינונג, און איידער נאָך יידן וועלן צייט האָבן זעלבסטשטענדיק צו ווערן אין פּאַלעסטינע — אַפילו אַנגעמען, אַז דאָס איז בכלל מעגלעך — וועט שוין פון אַנטיסעמיטיזם קיין זכר ניט בלייבן, ענטפערט זיי ליליענבלום:

— מ׳דאַרף קיין נביא ניט זיין, כדי פאָראויסצוזען, אַז בעת די נאַ־ציאָנאַלע ציוויליזאַציע וועט מנצח זיין דעם קאָסמאָפּאָליטישן (איצט וואָלט ער זאָגן, דעם אימפּעריאַליסטישן) רויב; בעת די נאַציאָנאַלע לענדער וועלן — פריער אָדער שפּעטער — שטרענג אָפּגעגרענעצט ווערן פון אַן אַנדער, לויטן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן אייגנטום און דערצו פירט איצט די געשיכטע — דעמאָלט, אַז ס׳וועט מער ניט זיין קיין האָפענונג, איינצושלינגען פרעמדע טעריטאָריעס, וועלן אויך מער קיין מלחמות ניט זיין. דעמאָלט וועלן די פעלקער, יעדער פאָלק פאַר־זיך, אָנהויבן פולשטענדיק זיך צו אַנטוויקלען. דעמאָלט וועט עס מעגלעך זיין צו שאַפן אַ פעלקער־בונד. צווישן די זעלבסט־שטענדיקע פעלקער. ווער עס גלויבט ניט אין דעם, דער גלויבט ניט אין דעם פאָרשריט פון דער ציוויליזאַציע און פּראָגרעס... און ממילא האָט ער קיין רעכט ניט, אַזוי לייכטזיניק זיך צו פאַרהאַלטן צום אַנטיסעמיטיזם. וואָרעם ער פאַרלאָזט זיך דאָך אויף אַזאַ האָפענונג, וואָס ער גלויבט אַליין ניט, אַז זי וועט אַמאָל מקוים ווערן.

און דער, וואָס גלויבט יאָ אין דער זעלבסטשטענדיקייט פון די אונטער־דריקטע נאַציאָנען אין דער צוקונפט, דער מוז דאָך זיך פרעגן: און וואָס וועט זיין מיט יידן, אויב זיי וועלן צו יענער צייט ניט זיין זעלבסטשטענדיק?

און ליליענבלום לאָזט ניט אָן אָן ענטפער אויך יענע, וואָס טענהן אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס איר

היסטאָרישע אויפגאַבע איז — פאַרשפּרייטן דעם מאַנאַטעאיזם (דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט) אויף דער וועלט, און צוליב דעם מוזן די יידן אייביק בלייבן פאַרשפּרייט צווישן פאַרשיידענע פעלקער. און ער וואַרפט אָפּ די טענות פון די רבנים און סתם אָרטאָדאָקסן, קעגן חבת־ציון, אַז דערמיט, וואָס מען וויל זיך שוין באַזעצן אין ארץ־ישראל, און ניט וואַרטן אויף משיחן, איז מען „דוחק דעם קץ"; אָדער אַז מ'טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל — ווייל ס'איז ניטאָ וועמען אָפּצוגעבן תרומה און מעשר, אָדער ווען זיי זיינען שפּעטער געקומען און געפאָדערט ניט אַנדערש, אַז די יידישע קאָלאָניסטן זאָלן ניט אַרבעטן אין שמיטה אד"גל.

און אַז זיין אַלטער פריינט י. ל. גאָרדאָן קומט מיט דער פאָדערונג: פריער מוז מען אויסלייזן די יידישע נשמה און ערשט נאָכדעם וועט מעגלעך זיין אויסצולייזן דעם יידישן גוף — אַז פריער מוז מען רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך, אויסרייניקן פון דאָרט אַלע נאַרישקייטן, און ערשט נאָכ־דעם וועט מען קענען ריידן פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין פּאַלעס־טינע, — לאָזט אויך אים ליליענבלום ניט אָן קיין ענטפער:

— די אַלע רייד. וועגן רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך, זיינען בלויז טעאָריע אויף שפּעטערע, אומבאַשטימטע צייטן. אָבער ישוב ארץ־ישראל איז אַ פּראַקטישע לעבנס־פראַגע, וואָס יעדער טאָג איז איר צייט, און לאָזט זיך ניט אָפּלעגן אַפילו אויף אַ טאָג. און אַחוץ דעם. עס איז אַ טעות צו מיינען, דאָס דער שולחן־ערוך איז שולדיק דערין, וואָס אונזער לעבן איז אַזוי משונה־ווילד, פאַרקערט, דאָס לעבן האָט אונז געשאַפן דעם שולחן־ערוך, מיט די אַלע משונהדיקע זאַכן, וואָס מיר ווילן מ'זאָל זיי אויסמעקן. וועלן יידן נאָרמאַל לעבן, וועט אויך זייער שולחן־ערוך ווערן נאָרמאַל. אָבער אַ נאָרמאַל לעבן איז מעגלעך נאָר אין אַן אייגן לאַנד אאַז"וו.

און אַז אחד־העם קומט מיט זיין „גייסטיקן ציוניזם" אין די גלות־לענדער און מיט אַ „קולטור־צענטר" אין פּאַלעסטינע, טרעפט ער אין ליליענ־בלומען דעם שאַרפסטן קעגנער. ניט רוחניות פעלט אונז — טענהט ליליענ־בלום — נאָר גשמיות. ניט מיט פאַרגלאָצטע אויגן צו די וואָלקן, דאַרפן מיר קוקן אויף דער אַרבעט אין ארץ־ישראל, נאָר מיט אָפענע אויגן, צו דער ערד געווענדט. ניט דורך גריבלען זיך אין זיך, נאָר דורך גראָבן אין דער ערד, וועלן מיר אונזער ציל דערגרייכן. גענוג האָבן זיך יידן מפלפל געווען וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שום רעאַלן ווערט ניט. רוחניות — מהיכא

תיתי; זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט, וועמען דאָס איז ליב, אָבער צו חבת־ציון האָט דאָס ניט. חבת־ציון וויל שאַפן אַן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן צענטר אין פּאַלעסטינע, דערצו איז נויטיק פּראַקטישע, און נאָר פּראַקטישע אַרבעט...

און שפּעטער, אַז עס איז אויפגעקומען דער הערצלשער „פּאָליטישער ציוניזם", אַז דער רוב חובבי־ציון האָבן זיך אָנגעהויבן מער אינטערעסירן מיט דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע, ווי מיט דער רעאַלער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, איז אויך דאָ ליליענבלום געקומען מיט זיין וואָרנונג. דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דער טערקיי און מיט די אייראָפּעאישע הער־שער — האָט ליליענבלום געשריבן — דאַרפן געפירט ווערן. דאָס איז אָבער ניט קיין אַרבעט פאַר אַלע, נאָר פאַר אויסדערוויילטע יחידים. און דאָס וויכ־טיקסטע: אויב ארץ־ישראל וועט בלייבן ניט באַזעצט, די ערד ניט דערוואָרבן און קיין ערד־אַרבעטער וועלן מיר דאָרט ניט האָבן — דאַן וועלן אונז קיין שום אונטערהאַנדלונגען און קיין שום טשאַרטערס ניט העלפן. נאָר אויב מיר וועלן דאָרט זיין, נאָר אויב מיר וועלן בילדן אַ שטאַרקע עקאָנאָמישע און קולטורעלע קראַפט אין לאַנד, וועלן מיר קאָנען האָפן, אַז סוף־כל־סוף וועט מען אָנערקענען אונזער רעכט אויף ארץ־ישראל. עס איז שטענדיק אַזוי: פריער געשעט דער פאַקט, נאָכדעם קומט די אָנערקענונג. ווער קאָן דאָס אָבער גלויבן, אַז מ'זאָל אָנערקענען דאָס רעכט פון אַ פאָלק אויף אַ לאַנד, וואו זיין געביין איז כמעט ניטאָ?

און אַז עס האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט אין ציוניזם, פאַרשיי־דענע גרופּן: דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע, אָרטאָדאָקסישע — שטענדיק און אַלעמען האָט ליליענבלום אָנגעוויזן: אַז ווי וויכטיק די אויפגאַבן פון דער איינער אָדער אַנדערער גרופּע, פאַר־זיך, מעגן אויך זיין, אָבער צום ציוניזם האָבן זיי ניט. קיינמאָל איז אים ניט צופיל געווען איבערצוחזרן, אַז דער ציוניזם, אָדער חבת־ציון, האָט נאָר איין באַשטימטן ציל פאַר זיך: דערווערבן ארץ־ישראל און באַזעצן דאָרט, וואָס מער יידן. אַז דאָס וועט געשען — דעמאָלט וועט דאָרט זיין פּלאַץ פאַר אַלע און פאַר אַלץ, אויב דאָך לעבן וועט דאָס פאָדערן. אָבער ווי לאַנג מיר זיינען נאָך אונטערוועגס, ווי לאַנג דער „פאַראַנטוואָרטלעכער מאָמענט" איז נאָך ניט פאַרביי, זאָל ניט איי־נער שטערן דעם אַנדערן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט, וואָס אויב זי וועט

ניט געטאָן ווערן, זיינען אַלע רייד און פאַרלאַנגען אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט.

אין אַלע אַזוינע זייטיקע שטרעמונגען און שטרעבונגען, זעט ער שטענדיק די געפאַר: דאָס שיף וועט אָפּנייגן פונם גלייכן וועג, וואָס פירט צום לייכט־טורעם אין האָפן, וואוהין ער שטרעבט דאָס צעשעדיקטע שיף אַריינברענגען.

און מיט אַלע כוחות באַמיט ער זיך, די דאָזיקע געפאַרן אויסצומיידן.

אַזוי האָט לילינבלום, אַלס חובב־ציון, שטענדיק געווירקט אין דער פּאַלעסטינע־באַוועגונג ווי די קראַפט, וואָס ציט צו אַלע קערפּער צו דער ערד, און לאָזט זיי ניט פאַרפליען אין דער אומענדלעכער פוסטקייט. ער איז דער מאַטעריאַליסט צווישן די חובבשע אידעאַליסטן, דער פּראַקטיקער צווישן פאַנטאַזיאָרן, דער חובב־ציון אַפילו אין דער צייט, ווען אין פּאָליטיש־ציוניסטישע קרייזן, האָט מען דעם נאָמען „חובב־ציון" ניט אַרויסגעבראַכט פון מויל, אָן אַן איראָנישן שמייכל...

דאָס פליגעלע אין האַנט, איז אים טייערער ווי דער אָדלער אויפן דאַך.

און אויף דעם רעאַלן פליגעלע, האָט ער געאַרבעט און געאַרבעט און האָט קיינמאָל קיין פרייע צייט ניט געהאַט.

דערפאַר, איז לעבנדיק אין אָדעס, איז ער קיינמאָל ניט אַריבערגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, כדי צו זען די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט, וואָס ער האָט איר אַ האַלב לעבן אָפּגעגעבן.

דערפאַר, איז אינטערעסירנדיק זיך מיט דער פּאָליטישער, דיפּלאָמאַטישער און פינאַנציעלער אַרבעט פונם פּאָליטישן ציוניזם, איז ער דאָך אַפילו קיין איינציק מאָל אויף קיין ציוניסטישן קאָנגרעס ניט געוועזן.

אַפילו אויף איין מינוט טאָר ניט דער שיפס־קאַפּיטאַן פאַרלאָזן זיין בריקל!

און לילינבלום טוט זיין פליכט.

קאַפּיטל 26.

לילינבלומס עלטער און זיין טויט

אייגנטלעך איז נאָך צו־פרי שוין איבערצוגיין צו לילינבלומס עלטער. אין דער צייט, וואו מיר האַלטן, איז ער נאָך ערשט אַכט און דרייסיק יאָר

אַלט. עס שטייען אים נאָך פּאָר צענדליקער יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. אי אין דער ליטעראַטור, אי אין לעבן. עס שטייט אים נאָך פּאָר אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אויף דער יידישער גאַס, דערהויפּט צווישן חובבי־ציון און ציוי־ניסטן, — און מיר ריידן שוין פון דער עלטער, און גאָר פון טויט ? !

און דאָך זיינען מיר געצוואונגען דאָס צו טאָן. וואָרעם אויב מיר זאָלן ווייטער נאָכגיין לייליענבלומען טריט פאַר טריט, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט, וואָלטן מיר געדאַרפט שרייבן די געשיכטע פון חבת־ציון אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט, און נאָך מער. דאָס איז אָבער ניט אונזער אויפגאַבע.

און האָט דען ניט לייליענבלום אַליין דאָס אייגענע געטאָן? ביז דער צייט, וואו זיין לעבן האָט אים אָנגעהערט; ווי לאַנג ער האָט אויפגעטראָטן ווי אַן אומרואיקע פּערזענלעכקייט, מיט אירע צווייפלען און אירע אמתן, מיט אירע שטרעבונגען און איבערלעבונגען, נצחונות און מפלות — אַזוי לאַנג האָט ער זיין ביאָגראַפיע אויספירלעך געשריבן. אָבער פון זינט אָן ער האָט זיין לעבן שטרעבן און ווירקן אויסגעמישט מיטן לעבן פון פאָלק, אָדער

טייל פון אים, שרייבט ער מער ניט — ווייל פון איצט אָן הערט אויף זיין ביאָגראַפיע זיינע צו זיין; פון איצט אָן ווערט זיין לעבנסבאַשרייבונג פאַר־וועבט מיט דער געשיכטע פון דער אידעע, אָדער פון דעם פאָלקס־טייל, מיט וועלכן ער האָט זיך צונויפגעשמאָלצן. די פּערזענלעכקייט ווערט פאַר־שוואונדן. פון איצט אָן איז דער דערפאָלג פון דער אידעע — זיין דערפאָלג, אירע נצחונות און מפלות — זיינע נצחונות און מפלות, און ער ווייסט ניט פון קיין פריידן אָדער ליידן אויסער איר...

ווי זאָל מען דען נאָך איצט פון זיינע, פּערזענלעכע איבערלעבונגען ריידן ?

און נאָך איינס. שוין גאָר פרי האָט זיך לייליענבלום אַראָפּגעלאָזט אין באַקוועמען און רואיקן פּאַטערשטול פון דער עלטער. צו אַכט און דרייסיק יאָר שטעלט ער זיך אין דער לאַגע פון אַ זיבעציק־יעריקן, וואו כמעט יעדע ביאָגראַפיע ענדיקט זיך...

וואָרעם קוים אַכט און דרייסיק יאָר אַלט, און ער פירט שוין אונטער אַ שטריך און מאַכט דעם סך־הכל פונם אָפּגעלעבטן. מיט דער פאַרגאַנגענהייט מאַכט ער שלום. די באַליידיקונגען און פאַרפאָלגונגען, וואָס ער האָט אי־

בערגֿעלעבט, פֿאַרגעסט ער. די באַליידיקער און פֿאַרפֿאַלגער אַמנעסטירט ער. די גאַנצע קעגנוואַרט, מיט אַלע אירע פֿראַגן און פֿאָדערונגען, קאָנצענטרירט ער אין איין פּונקט, וועלכער שיינט אים אַרויס פֿון דער ווייטער צוקונפֿט... און אין דעם פּונקט, ווייסט ער מער ניט פֿון קיין צווייפֿל און הערט ניט מער, פֿון זיך אויס, דעם „טאָמער פֿאַרקערט ?", וואָס האָט פֿריער אַזוי אָפֿט חרוב געמאַכט זיינע „פֿעסטע איבערצייגונגען".

צו אַכט און דרייסיק יאָר דערהויבט זיך ליליענבלום צו זיין אידעאַל, פֿון וואַנען ער זעט אַרויס דאָס לאַנד, וואו עס ליגט די צוקונפֿט פֿון זיין פֿאָלק. אין דעם מאָמענט — דאָס איז פֿון דאַן אָן זיין טיפֿסטער גלויבן — האָט ער געזען דעם אמת „פּנים אל פּנים". נאָכמער : ער האָט דעם אמת דורכגעלעבט. און ער ווערט פֿאַר אים אַ פֿאַקט, וואָס שטייט איבער און אויסער יעדער צווייפֿל.

פֿעסט און זיכער און איבערצייגט באַשטייט ער פֿון דעם טאָג אָן אויף זיין אמת. פֿון איצט אָן, ווידמעט ער זיין לעבן, זיינע פֿעאיקייטן, זיין וויסן און זיין ענערגיע דער גליקלעכער צוקונפֿט פֿון זיין פֿאָלק, ווי ער האָט זיך דאָס גליק פֿאָרגעשטעלט. פֿון איצט אָן, ווייסט ער מער ניט פֿון דאגות חיונה *) און דאגהט נאָר פֿאַר זיין אידעאַל און פֿאַר אַלץ, וואָס ער איז נויטיק, כדי אים צו פֿאַרווירקלעכן ; אַלץ, וואָס עס ווערט פֿון דעם טאָג אָן געטאָן, בנוגע צו חבת־ציון, איז פֿאַרבונדן מיט ליליענבלומס נאָמען, אַלץ, וואָס ליליענבלום האָט פֿון דעם טאָג אָן געטאָן, איז פֿאַרבונדן מיט חבת־ציון.

און אַזוי ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן.

— — — — — — — — — — — — — —

צו אַכט און דרייסיק יאָר, האָט ליליענבלום שלום געמאַכט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט. און די מענטשן, וואָס האָבן אים, אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿאַרפֿאָלגט, האָבן אויך מיט אים שלום געמאַכט. אַז ער איז אין יאָר 1889 געקומען קיין קיִדאַן זיך צו זען מיט זיין פֿאָטער, האָבן אים, אַפֿילו זיינע אַמאָליקע שונאים, גרויס כבוד אָפּגעגעבן. איצט האָבן זיי זיך גרויס געהאַלטן דערמיט, וואָס ליליענבלום שטאַמט פֿון זייער קיִדאַן...

*) פֿון יאָר 1885 האָט ער אַ שטעלע אין אָדעסער חברה קדישא, שפּעטער איז ער אויך אַ באַצאָלטער סעקרעטאַר אין פּאַלעסטינע קאָמיטעט און ביידע שטעלעס אינאיינעם גיבן אים די נייטיקע מיטלען צום לעבן.

וואָרעם אין דער צייט, איז שוין ליליענבלום באַרימט געווען און אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער באַגעגנט גרויס אַכטונג און געפונען אַ סך פאַרערער.

ער האָט דאָך איצט שוין מער קעגן קיינעם נישט געקעמפט!... על כל פנים ניט קעגן יענע מיני מענטשן, וואָס ווערן שונאים און זיינען גרייט זיך „אָפּצורעכענען" מיט יעדערן, וואָס טרעט אַרויס קעגן זייערע מיינונגען.

ווינטער אין יאָר 1909, איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ ראַק. די דאָקטוירים האָבן דאָס אים ניט אויסגעזאָגט, אָבער ס'איז פאַר אים קיין סוד ניט געווען. ער האָט דאָס אַליין באַגריפן און זיך פאַרן טויט נישט געשראָקן.

— קיין יונגערמאַן, — האָט ער געזאָגט, — בין איך ניט, און קעגן דער נאַטור, העלפן קיין מיטלען ניט.

פון לעבן האָט ער קיינמאָל ניט געפאָדערט פיל. און שטייענדיק שוין ניט ווייט פון קבר, האָט ער נאָר איין לעצטן וואונטש געהאַט:

זיינע צעוואָרפענע ליטעראַרישע ווערק זאָלן געזאַמלט און אַרויסגעגעבן ווערן ביי זיין לעבן **).

אין חודש שבט תר"ע (1910), איז זיין קראַנקהייט געפערלעכער געוואָרן. מען פירט אים אַריבער אין שפּיטאָל, דאָרט מאַכט מען אים אַן אָפּעראַציע, אָבער עס העלפט ניט.

דעם צווייטן אָדר 1910, פיר דעם זייגער בייטאָג, איז ליליענבלום געשטאָרבן.

זיין „לעצטער וואונטש" איז ביי זיין לעבן ניט דערפילט געוואָרן.

**) אין פיר יאָר אַרום נאָך זיין טויט (אָדער תרע"ד 1914) זיינען דערשינען די ערשטע פיר בענד פון זיינע ווערק.

עזריאל נתן פרענק

(אַן אָפּשאַצונג פון פאַרשטאָרבענעם יידיש־העברעאישן היסטאָריקער)

ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1865, אין שטעטל מדזיסלאַוו, קיעלצער גובערניע, ביי חסידישע עלטערן, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1924 אין וואַרשע.

דאָס איז אַלץ וואָס מיר וויסן פון זיין לעבן, פון זיין וואַקסן, פון זיין קעמפן און פון זיין אַנטוויקלונגס־גאַנג. הגם דער מהלך פון אַ פרום־חסידיש הויז אין אַ קליין שטעטל אין פוילן, ביז אַן אָנערקענטן פריידענקערישן זשורנאַליסט איז זייער אַ וויטער. אַזאַ מהלך איז פול מיט דערגער, מיט שטרויכלונגען, און קיין מענטש מאַכט אים ניט דורך אַזוי גרינג, אָן אָפּפער און אָן קאַמף. דעם דאָזיקן וועג בכלל, קען מען ביי אונז. ער איז ניט זעלטן אין אונזערע רייען, אין אונזער ליטעראַטור. אָבער יעדער גייט זיך דעם דאָזיקן וועג זיינעם פאַר זיך, אויף אַן אַנדער שטייגער. און פאַר דעם, וואָס האָט אים געהאַט דורכצוגיין, מיט פערציק פופציק יאָר צוריק, פאַר דעם איז ער געווען ניי, שטענדיק ניי און שווער, און האָט ערשט געמוזט דורכגעקעמפט ווערן. אָבער מיר וויסן דערפון גאָרניט. און ווי זאָלן מיר עס דען וויסן? פרענק איז דאָך דער עיקר געווען אַ זשורנאַליסט. און אַ זשורנאַליסט שפּילט אויך איצט נאָך בלויז די ראָל פון יענעם לעבעדיקן נפש, וואָס די אוראַלטע פלעגן איינבויען אין די פונדאַמענטן און אין די ווענט פון זייערע בנינים, כדי ס'זאָל זיין מזלדיק... אָבער איינגעבויט, איינגעמויערט און... פאַרגעסן.

ניין און פופציק יאָר האָט פרענק געלעבט, פון זיי האָט ער קנאַפּע דרייסיק יאָר געלעבט מיט זשורנאַליזם. געלעבט מיט זשורנאַליזם אַפילו דאַן, ווען ער האָט זיך געגערט פון לערעריי...

אַ טיפּישער יידיש־פּוילישער אינטעליגענט איז ער געווען. און דאָס הייסט: אַ פּוילישער פּאַטריאָט, וואָס שטרעבט צו פּוילישער פרייהייט. און אַ ייד, אַ פּוילישער פּאַטריאָט, דערהויפּט אַן אינטעליגענט, קאָן נישט אַנ־דערש פּאַטריאָטיש טעטיק זיין, סיידן ער געהערט אָן צו אַ נאַציאָנאַל־פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אָדער גרופּירונג. דאָס טוט ער. אַ גע־וויסע צייט שטייט ער אין נאָענטע באַציאונגען מיט די פירער פון די פּוילי־שע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. זעצט איבער פּאַר יידן פּוילישע רעוואָלוציאָ־נערע ליטעראַטור. האָט פיינט רוסן. און ניט בלויז רוסישע רעגירונגס־שליחים אין פּוילן, נאָר אויך יעדן סתם רוס. ער איז דעמאָלט איבערצייגט געווען, אַז די שענסטע מענטשן פאַרמאָגט פּוילן; די גרעסטע אידעאַליסטן פאַרמאָגט זי און די גרעסטע מאַרטירער דאָך אַוודאי. ווער זשע פאַרדינט נאָך מער ליבע און אַכטונג און מיטליד, ווי זי? אָט דער צושטאַנד זיינער האָט אָבער לאַנג ניט געהאַלטן. מיטן ערשטן יוגנטפלאַם איז אויך זיין ערשטע פּויליש־רעוואָלוציאָנערע היץ פאַרשוואונדן. ער דערזעט פלוצלונג אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז נאָך אומגליקלעכער ווי דאָס פּוילישע, וואָס פאַרמאָגט ניט וויניקער שיינע מענטשן, ווי דאָס פּוילישע און מאַרטירער האָט דאָס פיל מער ווי דאָס פּוילישע פאָלק; און דער עיקר: עס איז אים נאָענטער. עס איז הונדערט פּראָצענט זיין פאָלק, אַן ראיות און אַן פלפול און אָן יעדער פּי־לאָזאָפיע... און דאָ האָט ער אַ פריי אָפן פעלד צו אַרבעטן. און אַרבעט איז דאָ אַזוי פיל! אַלץ דאַרף ווערן איבערגעבויט, איבערגעאַנדערשט און צורעכט געמאַכט. און טאָקע שוין. פון יעדער ווינקל שרייט עס נאָך הילף, נאָך אויפ־מערקזאַמקייט, נאָך פאַרבעסערונג. —

און דער שטאַרקער געזעלשאַפטלעכער חוש וואָס ער פאַרמאָגט טרייבט אים צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. און דער פונק פון יענעם פייער, וואָס לאָזט דעם זשורנאַליסט ניט רוען, צעפלאַקערט זיך אַלץ מער. עס רופט אים צום קאַמף פאַר אַ באַוואוסטזיניק שענערן לעבן, ריינערן לעבן, ווי דאָס וואָס דאָס אָפיציעלע פּוילישע יידנטום האָט געלעבט. עס צינדן זיך אין אים אָן ווערטער פון פּראָטעסט. ער ווערט געצוואונגען אַריינצוקומען אין דער יידישער עפנטלעכקייט און זיך צו שטעלן קעגן שטראָם.

און דאָ קומט עס צו אַשטיקל טראַגעדיע.

פרענקן באַפּרידיקט ניט די וואַרשעווער יידישע פּרעסע: די „הצפירה". פאַר זיין טעמפּעראַמענט איז זי צו קאַלט. פאַר זיין עקסטרעמיטעט איז זי צו צוריקגעהאַלטן, צו פּשרהדיק. פאַר זיין אויסגעהאַלטנקייט איז זי צו וואַקל־דיק. און ער מוז זיך באַנוצן מיטן „המליץ". מיטן פּעטערבורגער „המליץ", וואו ס'איז קאָנצענטרירט געווען דער גאַנצער, אַזוי צו זאָגן, ליטווישער, אָדער יידיש־רוסישער זשורנאַליזם. און פּיינט האָבנדיק די רוסן, און אַלץ, וואָס עס איז רוסיש, איז „אַ ביסעלע" פון דער שנאה אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויך אויף דעם רוסישן יידן און אויף אַלץ, וואָס עס איז ביי די רוסישע יידן געשאַפן געוואָרן... און פּלוצלונג, פון „המליץ" אַרויסזאָגן שטראָף־רייד דעם פּוילישן יידנטום — ממש אַריינברענגען דעם שונא אין די טויערן פון דער אייגענער שטאָט. דאָס האָט אָבער געמוזט געשען און עס איז געשען. אין מיטן די ניינציקער יאָרן ווערט פרענק (פּענח) דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ", און דאָס פּוילישע יידנטום ווערט דאָרט דריי מאָל אַ וואָך אויסגעצויגן צו מלקות...

אַט אַזוי ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער צייטונג. און די צייטונג ווערט אים זיין אָפּגאָט, וועלכע ער איז וואָך־איין וואָך־אויס מקריב אַ שפּאַר ביסל בלוט פון האַרצן.

וואָרים פרענק שרייבט ניט „סתם", אַזוי זיך. ער קען ניט די קונסט פון שרייבן מיט אַ „גרינגן האַרצן", וואו דאָס וואָרט קומט בלויז פון מויל, אָדער פון דער פּעדער אַרויס, אָבער דער שרייבער בלייבט דערצו קאַלט. פרענק האָט נאָך געהערט צו יענער „אַלטער שול" זשורנאַליסטן, וואָס אַ געזעל־שאַפטלעך אומרעכט, און אַ קהלשע עוולה, אָדער אומאָרדענונג, רופט אַרויס זייער הייסעסטן פּראָטעסט, זייער העכסטן פּראָטעסט. אין לעבן איז זיי דאָס געגאַנגען!

און זיין פּראָטעסט, און זיין פאָרוואורף האָט פרענק אויסגעדריקט אין דער שאַרפסטער פאָרם, מיט די שאַרפסטע ווערטער, און פון גאַנצן האַרצן, מיט דער פעסטסטער איבערצייגונג; אָן ריקזיכט, אָן פּריוואַטע אָדער פּערזענ־לעכע חשבונות, צי פּניות. זיין געוויסן נאָר איז אים געווען זיין עצה־געבער. נאָר ער האָט אים דיקטירט זיינע טאַטן און זיינע רייד.

און האָט דאָס אים געמעגט שאַפן שונאים; און האָט דאָס געמעגט אַרויסרופן קעגן אים אַלע בייזע גייסטער — אים האָט דאָס ניט געשראָקן.

און טאָקע אַזוי. אויב מורא האָבן פאַר וועלף, דאַרף מען אין וואַלד ניט גיין... און אַ זשורנאַליסט, וועלכער וויל אויסמיידן אומצופרידנקייט מיט אים, דאַרף זיין פעדער צעברעכן... אַן אַלטער, אַן אָפּגעלעבטער, אַ פרעמ־דער, אָדער אַ „גרינער" שטאַנדפּונקט, אָבער פרענק האָט געהאַלטן פון אים. ער האָט זיך באַנוגנט מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער שטייט פאַר אַ גערעכטער זאַך; אַז דער אמת איז מיט אים, ביי אים. מער האָט ער ניט גענדאַרפט. אַזוי האָט ער באַהאַנדלט פאַקטן, אַזוי מענטשן, אַזוי — על כל פנים אין אַ משך פון אַ פאָר צענדליק יאָרן — אי געשריבן אי גערעדט. „זשורנאַליסטנשאַפט איז ניט קיין ברודערשאַפט". און קיינעם האָט ער ניט געשאַנעוועט. פאַר קיינעם קיין איינזען און ניט קיין שוינען — אויב ער האָט פאַרזינדיקט. אויטאָריטעטן אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ער בכלל ניט אָנערקענט. אַליין האָט ער געוואויגן און אַליין האָט ער געשאַצט. שטענדיק געבויט בלויז אויף זיך און געמאָסטן מיט אַן אייגענער מאָס. שטענדיק זיך געמיט ניט נאָכצוגיין נאָך קיין מערהייט, ניט נתפעל צו ווערן און זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון קיין אַנגענומענער מיינונג, אָדער שאַצונג. און האָט עס זיך געמעגט האַנדלען וועגן די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן צווישן יידן. קיין חילוק ניט: פוילישע אָדער רוסישע. קיין חילוק אויך ניט, אויף וואָסער אַ געביט.

אָבער מיט דער צייט, איז אָט דער שטייגער זיינער, אָט די געוואוינהייט זיינע, געוואָרן ביי אים אַ מין אינסטינקט. אַ צווייטע נאַטור. ער האָט שוין ניט געקאָנט זען קיין גוטס אין קיין אַנדערן. ער האָט שוין אומעטום געזען נאָר דאָס בייזע. ער איז אָפט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: „שאַדן־פריידיק". עס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, אויב ער האָט אויסגעפונען, ריכטיק צי ניט, אַ שוואַכע זייט אין צווייטן. און וואו און וואו אין וועמען לאָזט זיך ניט געפינען קיין שוואַכקייטן? דערפאַר האָט ער די לעצטע יאָרן, געלעבט כמעט אין אַ פוסטער אַטמאָספערע. ער פאַר קיינעם, קיינער פאַר אים. ער טרויט קיינעם ניט, קיינער טרויט אים ניט. דער צושטאַנד רייצט אים נאָך מער קעגן אַלע און אַלץ, וואָס קומט אין זיין אומפאַנגס־קרייז. און וואוהין נאָר זיין וואָרט, שריפטלעך אָדער מינדלעך האָט געגרייכט, דריקט ער אויס זיין באַציאונג — הגם ער פאַרמאָגט אויך, אין אַ גרויסער מאָס, די אייגנ־טימלעך פוילישע בויגעוודיקייט, צווייזייטיקע העפלעכקייט, און ווען נויטיק, אַראָפּלאָזן אַ שוואַרצע קרעפּע אויפן פנים... אַזוי, למשל, אַז פרץ איז גע־

שטאַרבן, און מ׳איז געקומען אין רעדאַקציע פון „הצפירה״ מודיע זיין דעם טרויער, האָט זיך פרענק אַזוי אומדערלויבט אויסגעדריקט וועגן דעם פאַקט, אַז עס איז געקומען צו פיזישע באַליידיקונגען צווישן אים און די אַנזאַגער. פון דעמאָלט אָן איז אים „שאַרגאָן״ און „פּראַסאַ שאַרגאָנאָווא״ די סימבאָלן פון עם־הארצות, חוצפה, פאַרדאַרבנקייט, אאַז״ו, אאַז״ו און וואָס מער איי־נער איז געוועזן אַריינגעטאָן אין יידישער ליטעראַטור, אַלץ מער האָט ער גע־דינט ווי אַ ציל פאַר זיינע פיילן. הגם ער האָט אויך איצט ניט אויפגעהערט, פון צייט צו צייט, צו שרייבן יידיש. פאַרוואָרפן אַ גוט־וואָרט מיט די פאַר־האַסטעסטע יידישיסטן — ווען ס׳איז נויטיק געווען... דאָס שאַפט אים ניט קיין ערע און ניט קיין פריינד. איז ער די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרביטערט. כמעט עלנט. דאָס ברענגט אים צו דער איינבילדונג, אַז אַלע זיינען אים שונאים. אַז קיינער אָנערקענט אים ניט. אַז מ׳פאַרפאָלגט אים. אַז מען וויל אים מאַכן פאַרגעסן. אַז מ׳פאַרהעצט אים. און דאָס מאַכט אים זיין שווער אָרעם לעבן נאָך שווערער...

***

אויף די פאַרשידנסטע געביטן האָט פרענק געאַרבעט. אין יאָר 1887 שרייבט ער פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען אין „האשכל״ — אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אויף העברעאיש, פון וועלכער ס׳זיינען אַרויס בלויז זעקס העפטן. ער שרייבט אויך צופעליק אין „הצפירה״. פון 1897 ביז 1902 איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „המליץ״ (פענח, נתן). ער אַרבעט מיט אין פּרצעס שטורעם־און־דראַנגפּולע „יום־טוב בלעטלעך״, אין דער „יידישער ביבליאָטעק״. ער שרייבט אויך פּובליציסטישע און היסטאָרישע אַרטיקלען אין וואַרשעווער „טאַגעבלאַט״, „היינט״. ער האָט געשריבן אין דער ווינער „יידישער וועלט״ (אונטער דער רעדאַקציע פון שרייבער פון די דאַזיקע שורות), אין „יוד״, אין דער „יידישער פאַמיליע״; ער שרייבט אויך מיט (1904—1905) אין ווילנער העברעאישן טאָגבלאַט: „הזמן״, אין וואַרשע־ווער: „הבקר״ (אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן). און אין יאָר 1911 קומט ער אַריין אַלס נאָענטער מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פון „הצפירה״, וואו ער בלייבט ביז די „הצפירה״ פאַרמאַכט זיך אין יאָר 1922.

און אין דער אייגענער צייט שרייבט ער פיל היסטאָרישע אַרבעטן. אין „השלח" שרייבט ער אונטער דער רעדאַקציע פון אחד־העם אַ גרויסן היסטאָרישן אַרטיקל: „לקורות החזקה". ער שרייבט אויך: „היהודים בפולין בימי מלחמת נפליון", „העירונים והיהודים בפולין", „לתולדות היהודים בנסיכות ורשה", „מחית מכירת משקים", אאַז"וו אויף העברעאיש. אַ וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעט איז אויך: „דער אינערלעכער לעבנס־שטייגער פון די יידן אין פוילן און אין ליטע אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט" (געדרוקט אויף רוסיש) אין דער „געשיכטע פון יידישן פאָלק און געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד", פאַרלאַג „מיר" אין מאָסקווע, 1914; „יידישע עלעמענטאַר־שולן אין פוילן" (1916); די מלחמה קעגן הפקרות אין אַמאָליקן וואַרשע" (1921) א. א. אויף יידיש. דאָס אַלץ איז געשריבן נאָך „קוועלן", לויט אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט צענדליקער יאָרן געזאַמלט, קלאַסיפיצירט און געאָרדנט.

די היסטאָרישע אַרבעטן זיינע זיינען אָבער ס'רוב דורכגעדרונגען מיט איינער פון די צוויי טענדענצן: אָדער אַז די פּאָליאַקן זיינען גאָרניט אַזוי שלעכט געווען צו יידן, ווי מ'איז געוואוינט אָנצונעמען, אָדער אַז די יידן זיינען ניט אַזוי שלעכט אומפּאַרטייאיש, ווי אַנדערע פּאָליאַקן באַהויפּטן. עס איז דאָ דערום דורכגעפירט געוואָרן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן אינעווייניק און קעגן אויסן. קומט נאָר צו ריידן וועגן די באַגרענעצונגען, וואָס די פּוילישע רעגירונגען אין 18טן יאָרהונדערט האָבן געשאַפן קעגן יידן, באַווייזט ער דערביי — לויט ערשטע קוועלן און געזיכערטן אַרכיוו־מאַטעריאַל — אַז פיל מאָל האָבן עס געוויסע גרופּן אין יידנטום אַליין פאַר־לאַנגט פון די פּוילישע רעגירונגען; אַז פיל מאָל איז דאָס בייזע געווען דער פועל־יוצא פון אַ וויכטיקן קאַמף צווישן יידן, וואו די רעגירונגען מיט זייער מאַכט, האָבן בלויז געהאָט צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, אין הסכם מיט אַ יידישן צד. און קומט נאָר צו יידישע מאָמענטן אין דער פּוילישער גע־שיכטע, דאַן וואַקסן ביי אים אויס, כמעט לעגענדאַרישע העראָען. אַזוי טוט ער מיט בערעק יאָסעלעוויטש *), אַזוי מיטן וואַרשעווער רב מייזעלס **) א. ד. גל. און דאָס טוט ער, כדי צו באַווייזן די גויים, וואָסערע פּאַטריאָטן יידן זיינען, בעת דער ייד איז ווירקלעך באַגייסטערט מיטן פּוילישן פּאַטריאָטיזם, געפינט ער אָפּשאַצונג און אָנערקענונג ביי די איידלסטע פון פּוילישן פאָלק. און אַזוינע פונקטן פון אייניקונג, זיינען אים שטענדיק די ציל־פונקטן וואוהין

די פּוילישע געשיכטע, אָדער די יידישע געשיכטע אין פּוילן, דאַרף שטרעבן. זיי דאַרפן אויך זיין די ציל־פּונקטן פאַר די פירער פון יידישן און פּוילישן פאָלק, אין זייער גאַנצער פּוילישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דאָס איז און דאַרף זיין דער זין פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער געשיכטע. אָבער דערביי דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן די „מלכי חסד״, וואָס פּוילן האָט פאַרמאָגט, און ניט פאַרגעסן ווער איז און ווער דאַרף זיין דער אמתער באַלעבאָס אין לאַנד... דערפאַר איז אים נאַציאָנאַלע, אָדער קולטור־אויטאָנאָמיע און אומבאַרעכטיקטע און אַ איבערטריבענע פאָדערונג; הגם פון דער אַנדער זייט, איז אים די פאָרמול פון „רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן״ אַן אַבסורד — ווייל מיר זיינען ניט אַ פרעמדע „מינדערהייט״ אין פּוילן, נאָר מיר געהערן צום עצם פאָלק, צו דער פּוילישער פּאָליטישער נאַציאָן. דערמיט דאַרפן אונדז זיין געזיכערט אַלע אונדזערע רעכט — ווי דאָס איז, מיט יאָרהונדערטער צוריק, געווען אין פּוילן...

אָבער פרענק איז אויך בעלעטריסט און איבערזעצער. ער שרייבט אין העברעאיש די דערציילונגען „מחיי החסידים בפולין״, „יצחק מאיר בילדותו״ און נאָך; ער זעצט איבער די גרויסע ראָמאַנען: „פרעה״ און „מירטאלא״ אויף יידיש; פאַרן „שטיבל־פאַרלאַג״ האָט ער איבערזעצט סענקע־וויטשעס: „מיט פייער און שווערד״ אויף העברעאיש. ער האָט אויך באַאַרבעט: „די אגדות פון זהר״ (העברעאיש) אין צוויי טייל. אָבער זיינע בעלעטריסטישע אַרבעטן, אָדער „פרענק אַלס בעלעטריסט״, בלייבט כמעט אומבאַמערקט.

אָבער ווי הויך ער זאָל אויך האָבן געשאַצט אַלץ, וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער, איז דאָך אים דער עיקר געווען די צייטונג. אין אַ משך פון צוויי צענדליק יאָר און מער וואַרפט ער כמעט יעדן טאָג צו אַ שטיק פון זיין בלוטיק לעבן. פריער אַמאָל דעם „המליץ״, די לעצטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר — דער „הצפירה״.

***

ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז פרענק איז געווען אַ ציוניסט — ניט אָנערקענענדיק קיינעם פון די ציוניסטן, קיין איינציקע טאַט פון ציוניזם; אַז ער איז געווען אַ העברעאיסט אין פשוטסטן זין פון וואָרט, ניט אָנערקע־נענדיק קיין איינציקן העברעאישן שריפטשטעלער, קיין איינציק העברעאיש

ווערק. ניט כדאי אויך זיך אָפּצושטעלן דערויף. ניטאָ דאָס וואָס צו אונטער־שטרייכן.

אַלס כאַראַקטער־שטריך אין אַ זשורנאַליסט, זאָל דאָ אָבער עפּעס אַנ־דערש נאָך אונטערשטראָכן ווערן, נעמלעך:

אין משך פון זיין אַרבעט אין „הצפירה" זיינען געווען ציטן, דערהויפּט בעת דער אומדערטרעגלעכער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן, ווען די עקזיס־טענץ פון דער פּאַרלאַזטער און אָוועקגעוואָרפענער העברעאישער צייטונג האָט געפאָדערט איבערמענטשלעכע אָפּפערווילוקייט. און פרענק האָט די דאָזיקע אָפּפערווילוקייט באַוויזן. די „שטענדיקע מיטאַרבעטער" פון דער צייטונג, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַלטן אין מזיל דעם פּזמון וועגן „ליבע צו העברעאיש", און וואָס יידן ווילן זיך זיי קיינמאָל ניט אויסצאָלן פאַר דעם פּזמון — זיי זיינען די ערשטע אַנטלאָפן פון דער צייטונג, לאַנג פריער, איידער וואַרשע איז געפאַלן פאַרן שונא... און פרענק איז געווען דער איינצי־קער מענטש, וואָס האָט אין משך פון יאָרן געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דער „הצפירה". פריער אַלס טעגלעכע צייטונג, דערנאָך אַלס וואָכנבלאַט. חדשים־לאַנג שרייבט ער אַליין דעם לייט־אַרטיקל, דעם פעליעטאָן, די נייעס, די דעפּעשן און אַליין לאָזט ער אויך אַרויס די צייטונג. און דאָס אַלץ פאַר אַ הונגער־לוין. ריכטיקער: פאַר הונגער אָן יעדן לוין, קיין לוין איז ניט געווען פון וואַנען צו נעמען, ניט פון וואַנען צו מאָנען. די אַזוי גערופענע באַלעבאַטים פון דער „הצפירה" זיינען אויך קיינער ניט געווען אין דער היים.

אָבער פרענק האָט דען געאַרבעט פאַר באַלעבאַטים? לעכערלעך! לויט זיינע פאַרעלטערטע באַגריפן איז דאָך די צייטונג געווען זיינע, ניט זייערע, זי האָט אָנגעהערט צו דעם, מיט וועמעס זאַפט זי איז איבער אַ צענדליק יאָר גענערט געוואָרן. זי איז געווען דעמס — ה'עמעס גייסט עָס איז אין איר געווען פאַרקערפּערט. פּונקט ווי דאָס בילד געהערט אייביק צו זיין מאָלער און ניט צו דעם, וואָס קויפט דאָס; פּונקט ווי די שיינע לאַנדשאַפט געהערט אייביק דעם וואַנדערער און ניט דעם לענדלאָרד... דעם באַלעבאָס פון דער צייטונג געהערט בלויז דער פּראָפיט — אויב ער איז דאָ. אָבער דער עצם צייטונג — דאָס געהערט דעם פּובליציסט, דעם זשורנאַליסט.

איז דאָך אַ צייטונג אַזאַ מין וועלט, וואָס מוז יעדער טאָג פון ס'ניי געשאַפן ווערן. געהערט זי דעם, וואָס שאַפט זי!...

און די „הצפירה“ פון לעצטן צענדליק יאָר האָט אָנגעהערט אים, פרענקן, יאָרלאַנג האָט ער דורך איר געגעבן דעם פוילישן יידן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע און פויליש־פּאָליטישע דערציאונג. יאָרנלאַנג האָט ער דורך איר געקעמפט מיט די בלוטיקע יידישע שונאים אין רוסלאַנד און פוילן. און יאָרנלאַנג שטייט ער דער צייטונג ביי, אין אירע נויטן. אָפט האָט ער זי מיט מסירת־נפש ביים לעבן דערהאַלטן.

און דאָך איז דער שלעכטער טאָג געקומען!

פוילן ווערט זעלבסטשטענדיק. זי שמידט אַליין איר גליק און איר אַנטי־סעמיטיזם. אַלץ, וואָס רוסיש איז, ווערט פון פוילן אָפּגעמעקט, נאָר אָן דעם רוסישן אַנטיסעמיטיזם האַלט מען זיך פעסט. דער קאַמף פון די יידן אין פוילן, פאַר זייערע נאַציאָנאַל און בירגערלעכע רעכט, נעמט אָן אַ באַשטימטע, פעסטע פּאָליטישע ריכטונג, צו וואָס פוילישע יידן זיינען ניט געוואוינט געווען. די אַמאָליקע קאַמפס־מעטאָדן: אַ ביסל פערזענלעכע שתדלנות, אַ ביסל לי־טעראַרישע אַפּאָלאָגעטיק און אַ ביסל מוסר, אין נאָמען פון „אַלטע טראַדי־ציעס“ — די אַלע מעטאָדן הערן אויף צו גילטן. אָן אָפענע פּאָליטישע טרי־בונע, אָפענער קאַמף און אָן אָפן מעסטן זיך מיט די כוחות — דאָס איז פרענקען צו־ווידער...

דער ציוניזם הערט אויך אויף צו זיין אָן אָביעקט פון סענטימענטן, און ווערט אַ סאָציאַלער פאַקטאָר אין יידישן לעבן. דער ציוניזם באַקומט אַ פּראַקטישן אינהאַלט, אַ פּראַקטישן פּראָגראַם מיט פּראַקטישע אויפגאַבן און פאָדערונגען; ער ווערט אויך אַ פּאָליטיש וועזן אין דער פּאָליטישער וועלט — צו וואָס פרענק פאַרהאַלט זיך... ווי־אַזאַל און ווי־מיט־ווענען...

און אַז די „הצפירה“ הויבט אָן אין יאָר 1920 ווידער צו דערשיינען צו אַ טאָגבלאַט און איז דער אָרגאַן פון די, וואָס פירן פאַקטיש אָן מיט יידישער פּאָליטיק אין פוילן און מיט דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין פוילן — ווערט עס אוממעגלעך, אַז פרענק זאָל אויך ווייטער זיין דער אַליין־שרייבער און אַליין־הערשער אין דער „הצפירה“. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, גייען אַלע דורך די פאַקטישע רעדאַקציע פון י. גרינבוים, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליטישער ריכטונג פון דער צייטונג. דאָס ערגערט אים. דאָס מאַכט אים בייז בלוט. און דאָס ערגסטע — דאָס מאַכט אים אומגערעכט קעגן אַלע יענע, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין זיין „רשות־היחיד“... אָבער

ער איז ניט אימשטאַנד דאָס נויטווענדיקע צו באַגרייפן. ער ווערט געטרייסט, ווען די „הצפירה" גייט ווידער אונטער אין יאָר 1921.

נאָך אויבנאויף געזען, געשעעט דאָ דאָס מערקווירדיקסטע:

ווי לאַנג ער איז אַליין געשטאַנען ביי דער צייטונג, האָט זי געלעבט. אַפילו אין די שווערסטע צייטן געלעבט. זי איז געשטאָרבן — בעת באַלע־באַטים האָבן זיך געמאָלדן. פיל בתים...

איצט איז ער געשטאָרבן — דער זשורנאַליסט, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו ליבן זיין צייטונג, צו לעבן און זיך אויסצולעבן אין איר.

וויפיל זשורנאַליסטן האָבן מיר נאָך אַזוינע?...

יעקב מזאה

(1925 — 1860).

אַ אידעאַל פון דורות־יידן איז אין אים פאַרקערפּערט געוועז. שיין און גרויס. אָבער שוין דאַן, ווען דער אידעאַל האָט אָנגעהויבן צו טונקלען און דער גלויבן אין אים האָט אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן. און דעם צער פון דורות האָט ער אויף זיך געטראָגן, און דאָס שוין דאַן, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן, און פאַר זיינע אויגן זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. דער ערשטער האָט אים ניט זיס געמאַכט דאָס לעבן, דער לעצטער האָט אים פאַר דער צייט אַרויסגעריסן פון לעבן.

דער אידעאַל פון יענע דורות משכילים, וואָס „בילדונג" איז ביי זיי געווען דאָס ציל און די באַרעכטיקונג פאַרן מענטשנס עקזיסטענץ. דער פאַנצער און דאָס שווערד אין יידנס קאַמף פאַר אַ נאָרמאַל יידיש־מענטשלעך לעבן. אַזוי אינם קאַמף קעגן אויסן, אַזוי אין קאַמף קעגן אינעווייניק. די בילדונג האָט אונדז געזאָלט באַשיינען קעגן דער אויסנוועלט. און צוציען וועט עס זי צו אונדז. אייגן וועלן מיר ווערן מיט די גויים דאָרט, וואָס האָבן איבער אונדזער גורל צו אַנטשיידן. און ווי אויף ברידער וועלן קוקן אויף אונדז יענע, וואָס שמידן איצט קייטן פאַר אונדז און מאַכן זיי פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער. די בילדונג וועט דאָס וואונדער באַווייזן; די קייטן וועלן פּלאַצן. פריי און מענטשנגלייך וועלן מיר דורך איר ווערן, אָבער אויך די אינעווייניקסטע קייטן זאָלן צעפאַלן פאַרן שם המפורש: בילדונג — דורך איר זאָל דער עולם פון די קהלס־לייט געבראָכן ווערן. דער רעליגיעזער עול — פאַרשווינדן. אַלע פינצטערע ווינקעלעך — באַלויכטן ווערן. אויף די ווייטע

און ברייטע וועגן זאָל דער שיין פאַלן און יידן וועלן אַרויס פון זייערע פיר ווינקעלעך און זיך לאָזן אין דער ווייטער, ליכטיקער וועלט אַריין. אויפהערן וועט די באַנק־קוועטשעריי און גראָב־פינגער דרייעריי. יידישע קינדער וועלן זיך אָנהויבן מפרנס צו זיין פון זייער מי, פון זייער חכמה, אָדער פון זייער מלאכה. און אַלע ווערטלאָזע ווערטן וועלן ביים ליכט פון בילדונג איבער־געשאַצט ווערן. די פירער פון פאָלק וועלן קענען פירן, וועלן וויסן וואוהין צו פירן. דאָס קען מען דערגרייכן נישט בלויז דורך יידישע לומדות. נאָר צו איר איז אויך נויטיק דאָס אַלגעמיינע וויסן. פאַרמאָגט ווער די ביידע קענט־שאַפטן, איז ער ראוי צו זיין פירער פון אַ געמיינדע. דערגרייכט ער אַ הויכע מדרגה פון ביידערליי וויסן — איז ער ראוי צו זיין פירער פון זיין דור.

איז מזאה ראוי געווען דערצו? „דער לייב פון דער דאַמאַלסטדיקער געזעלשאַפט: י. ל. גאָרדאָן, האָט אָנגערופן מזאה: „יוסף בן שמעון מיינער". דאָס איז געווען דער פאָזיטיווער טיפ אין גאָרדאָנס באַרימטער פאָעמע מיט דעם נאָמען: „שני יוסף בן שמעון". קענט איר דעם דאָזיקן יוסף בן שמעון?

אַן עלוי איז ער געווען. יאָר־איין יאָר־אויס שטייגט ער אַלץ ווייטער, אַלץ העכער; דרינגט ער איין אַלץ טיפער אין לערנען, אין יידנטום. „דער לויתן איז ער אין ים פון תלמוד". צו דרייצן יאָר האָט ער שוין קיין גלייכן אין שטאָט. אַפילו דער ראש ישיבה, אַפילו דער רב, האָבן שוין מער ניט וואָס מיט אים צו לערנען. אָבער אַזוי שטייגנדיק און שטייגנדיק קומט ער צום אמתן געדאַנק, אַז די הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אויסער יידן, האָבן דאָך מסתמא אויך געשאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז כדאי צו קענען... און ער שטייגט אַריבער די יידישע צאַמען, און קומט צו די פאַרשיידענע וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אויסער זייער זעלבסטשטענדיקן ווערט האָבן זיי אויך נאָך אַ ווערט, אַלס שטיצע פאַר דעם יידנטום: „אַסטראָנאָמיע — צום פעסטשטעלן דעם לוח". גריכיש און רוימיש — צום פאַרשטיין משנה און מדרשים און אַנאַטאָמיע פון בהמות און עופות — צו די דינים פון שחיטה און טרפות. געקומען דערצו — פאַרט ער, דער עלוי, אַוועק קיין פּאַדוא שטו־דירן. ער שטודירט אויס און קערט זיך אום צוריק מיט אַ שאַרפן פּראָגראַם, ווי איבערצואַנדערשן דאָס יידישע לעבן פון אונטן ביז אויבן; ווי דאָס אויסצורייניקן, געזונט צו מאַכן און אויף די פיס צו שטעלן. און אַ פּראָגראַם האָט ער אויך, ווי דאָס יידנטום קלוג צו רעפאָרמירן. און קומענדיק אויף אַן

אָרט, גילט זיין וואָרט און זיין אויטאָריטעט ווייט און ברייט אַרום. אָבער — ס׳לאָזט זיך אויס, אַז דאָס אַלץ איז אַ חלום.

יעקב מזאה — יוסף בן שמעון. ניט בלויז גאָרדאָן האָט אַזוי געקוקט אויף אים, האָט גרויסע האָפענונגען געלייגט אויף אים. דאָס איז געווען די מיינונג אויך פון הונדערטער אַנדערע. און ווי זאָל עס דען אַנדערש זיין? אַ מענטש מיט קאָלאָסאַלע פעאיקייטן, אַ גרויסן זכרון און אַ טיפן קאָפּ, אַ פּקח, אַ גלענצנדער רעדנער, אַ פיינער פּאָעטישער חוש, פול און פול מיט יידישער לומדות, און דערצו פול מיט אַלגעמיינעם וויסן. און די לעצטע מאַכט ניט ענג דער ערשטער. די וועלטלעכע קענטשאַפט גראָבט ניט אונטער די פונדאַמענטן פון דער יידישער, און אַ יוריסט איז ער, דערמיט אָנגעהעריק צו דער פיינסטער און פּאָרטשריטלעכסטער אינטעליגענטן־גרופּע, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט, האָט מען זיך דעמאָלט און שפּעטער געיחוסט מיט אים, זיך געשפּיגלט אין אים, געלייגט אויף אים די גרעסטע האָפענונגען:

ער וועט עס זיין די גאָלדענע קייט, וואָס וועט פאַרבינדן די יידישקייט מיט מענטשלעכקייט; וואָס וועט צוביגדן די רוסלענדישע יידן צו דער רוסישער קולטור — צו אַלגעמיינעם וויסן. אָבער דערביי — באַפעסטיקן די וואָרצלען פון יידנטום אין זייערע הערצער, אַזוי, אַז ניט ליבע און ניט האָס זאָלן ניט קענען זיי אונטערגראָבן, און אַ פירער וועט ער זיין — אַ פירער און אַ לערער. ביי זיין גרויס, מיט זיינע מעלות — אַ מוסטער פאַר זיין צייט און אַ ביישפּיל פאַר קומענדע צייטן.

אָבער אויך דאָס איז צעשוואומען ווי אַ חלום.

וואָרים בעת מזאה האָט אָנגעהויבן טעטיק צו זיין, נאָך אַלס סטודענט, זיינען די באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד שוין גאַנץ אַנדערע געווען, ווי דעמאָלט — בעת די בעסערע משכילים האָבן זייערע חלומות געזען, זייערע פּראָגראַמען געוועבט. ניט אויפן יידן האָט מען איצט שוין געדאַרפט ווירקן, ער זאָל וועלן לערנען „וועלטלעכע חכמות”, ריידן זייער שפּראַך, זיך צונויפלעבן מיט זייער קולטור און ווי ברידער באַפריינדעט זיין מיט די גויים — נאָר אויף די גויים האָט מען געדאַרפט ווירקן, אַז זיי זאָלן צולאָזן צו זייערע שולן, וואו מען האָט געלערנט „וועלטלעכע חכמות”; אַז זיי זאָלן צולאָזן צו דער רוסישער קולטור יידן און זיי אויפנעמען אין זיך; אַז דער פּרואוו פון יידן זיך צו דערנענטערן צו זיי, זיך צונויפלעבן מיט זיי, זאָל ניט אָנצינדן אין זיי דעם עשו... און אויך דאָס: אַ טיפע ענדערונג אין

די ווערט־שאַצונגען פון גוט און שלעכט, איז פאַרגעקומען. די דורכשניט־לעכע און אַפילו די גרויסע, האָבן געקוקט אויפן גאַנצן אַלטן דור יידן, ווי אויף אַ באַנדע פאַרברעכער, אידיאָטן, אכזרים, מוראדיקע פאַנאַטיקער, פאַר־דאַרבענע, פעאיקע אויף כלערליי שווינדלען און פאַלשקייטן. אָבער די געבילדעטע, די וואָס ריידן רוסיש — זיי זיינען די גרויסע אידעאַליסטן, אַרבעט־ליבנדע, אָרנטלעכע, אַנשטענדיקע, אומפעאיק צו באַגיין די קלענסטע עוולה. איצט אָבער האָט מען שוין געוואוסט, אַז ניט אַלץ אין נייעם דור איז פאָלקאָמען, אומשולדיק און ריין, און ניט אַלץ אינם אַלטן דור איז פאַר־ברעכעריש און טיראַניש און פלעקיק. מען איז שוין איצט איבערצייגט גע־ווען, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער געווינס פאַרן יונגן דור, ווען מען קען אין אים איינפלאַנצן כאָטש אייניקע בלויז פון יענע גוטע מידות, וואָס וואָרצלען טיף אין אַלטן דור. קיינער האָט מער שוין ניט געלייקנט, אַז אַ „געבילדעטער" פאַרוואַלטער פון אַ יידישער קאַזיאָנער „אוטשילישטשע", למשל, איז פיל פעאיקער און לייכטער אָפּצוטאָן אַ פסלנות, ווי אַ ראש־ישיבה; אַ קאַזיאָנער רב, ווי אַ דוכאָוונער רב — הגם די לעצטע זיינען, אין וועלטלעכן זין, מער בטלניש פון די ערשטע...

איצט, איז אנשטאט אָפּצורייסן מזוזות, אויפצוברעכן טיר און טויער און רופן יידן אין דער וועלט אַריין, אויף די גרויסע קולטור־געמאַרקן אין מערב, לאָזט ער די מזוזות געמאַך, גרינדעט גאָר און העלפט גרינדן חברות, וואָס זאָלן אָפּשיידן דעם יידן פון דער ציבישער, אומאויפריכטיקער וועלט. ער גרינדעט אַ חברה: „ברח דודי" (אַנטלויף, ליבער!) מיט אַן אָנווייז אויף מזרח, ער שטייט צו צו דער באַוואוסטער מאָסקווער חברה: „בני ציון". ער רעדט עפנטלעך. ער אַגיטירט אין מאָסקווע און אין דער פראָווינץ. נאָר אין מאָסקווע איז מען דאָך מיט אים פאַרזיכטיק. דער ראַבינער מינאָר, דער־לויבט אים ניט צו ריידן אין מאָסקווער שול — ווייל אַ יוריסט, ווער ווייסט? אפשר קראַמאָלע... אָבער יידן האָבן אים ליב. גאָרן נאָך זיינס אַ וואָרט.

און אויב די גויים, די קריסטן מיט זייער ליבעס־רעליגיאָן זיינען ניט אויפריכטיק, זיינען ציניקער, הייסט דאָס נאָך נישט אַז דאָס יידישע פאָלק באַשטייט פון לויטער צדיקים. זייער אומרעכט, פאַרדעקט ניט און פאַר־ענטפערט ניט אונזערע עוולות. און די עוולות זעט ער איינע און איינע און ווייזט אָן אויף זיי מיט די פינגער. דאָס טוט ער אין אַ לאַנגער סעריע אַרטיקלען („אלו הן האשמות"), וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין „המליץ" (1879).

דאָ רירט ער אָן אַלע שוואַכע זייטן פון דער יידישער טבע, פון יידישן רגלותן, פון יידישן האַנדלען און וואַנדלען. הן צווישן ייד און ייד, הן צווישן ייד און גוי, און רירט אָן די אַלע זייטן שטאַרק, מיט טעמפּעראַמענט. מיט ווייטיק און מיט גלענצנדער העברעאישער שפּראַך. פון צייט צו צייט שרייבט ער אויך אַנדערע אַרטיקלען. דערהויפּט וועגן נאַציאָנאַלע פראַגן. און די אַר־טיקלען זיינען שיין. זיי פאַרמאָגן איבערלעכע קראַפט. אָן געשוואָלענע פראַזן, אָן געשווינדלטן אימיטירטן פאַטאָס. אָן נעמען פון באַרימטע מענטשן און אָן „זע דאָרט און דאָרט" אין פרעמדשפּראַכיקע ביכער. עס קומט באַלד דערצו, אַז מזאהס אַן אַרטיקל ווערט געגאַרט. עס ווערט געזוכט. פון גרויסן שרייבער, ווי פון דורכשניטלעכן לעזער. אָבער בלויז זעלטן ווערט עס געפונען. געפינט מען עס אָבער—און מיט האַרצקלאַפּן ווערט עס געלייענט און איבערגעלייענט. וואָרעם אויך עסטעטישן גענוס פאַרשאַפט ער דעם לעזער. וואָרעם די אויפ־ריכטיקייט און די ערלעכקייט רעדט פון אים אַרויס. וואָרעם פון האַרץ צו האַרץ האָט דער מענטש גערעדט. ניט קאָקעטירט. ניט געזוכט ווען צו פאַרבלענדן. ניט אויסן געווען צו גילטן ניט פאַר דעם, וואָס ער איז אין אמתן געווען. אַפילו אין דער קלענסטער מאָס ניט. און ניט דעם זייטיקן דערפאָלג האָט ער געזוכט. אויסן געווען איז ער נאָר דאָס איינע: זיין וואָרט זאָל ווירקן דאָרט, וואוהין עס איז באַשטימט געווען. און פעסט, און איבערצייגט און מוטיק איז ער געווען בעתן שרייבן ווי בעתן רעדן. ער האָט עס דאַן אָפט געפילט, אַז ניט נאָר ברענגט ער אַרויס דאָס, וואָס אים טוט וואוילגעפעלן, נאָר אַז דורך אים בלויז ווערט אויסגעדריקט דאָס, וואָס די העכסטע גערעכ־טיקייט מוז לאָזן הערן די מענטשן. און אַזוינע ווערטער, ווי קאָנען דען פאַרשוויגן ווערן? קיין חילוק ניט, צי די ווערטער זיינען באַשטימט פאַר יידן, צי פאַר ניט־יידן. אַ „נשמה יתירה" רעדט דאַן פון אים אַרויס!...

דערפאַר דערלויבט ער זיך צו שרייבן אַזוינע אַרטיקלען: ווי „נקמת התולדה" (די נקמה פון דער נאַטור), וועגן דעם הונגער וואָס עס איז געקר־מען אויף רוסלאַנד איינגיכן נאָך דעם, ווי מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון מאָסקווע. ווער וואָלט עס זיך דערלויבט? דערפאַר הערט פון אים ניקאָלאַי דער צווייטער, אין זיין קרוינונגס־טאָג, אין די אויגן פון די העכסטע פאַר־שטייער פון לאַנד, אַז מיט באַגרענעצן זייערע רעכט, מיט פאַרפאָלגן יידן, מיט יידישע פאָגראָמען, וועט ער זיין טראָן ניט באַפעסטיקן. אַז קיין קרוין וועט זיך האַלטן בלויז דורכדעם, וואָס ער וועט זיך באַמיען צו פאַרשאַפן

גליק און ליבע אַלע זיינע אונטערטאַנען. וואָלט עס אימיצער זיך איינגע־שטעלט? ניקאָלאַי האָט עס מיט שטוינען אויסגעהערט. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט ער דערפֿילט, אַז דער מאָסקווער יידישער רב האָט אים בייזע נביאות געזאָגט. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט אים צו באַשטראָפֿן. דערפֿאַר הערט אים אַ וועלט, אויפֿן בייליס פּראָצעס, פּאַרטיידיקן דאָס יידישע פֿאָלק, פֿונם באַליידיקנסטן מיטלאַלטערלעכן בלוט־בלבול, און איז ווי היפּנאָטיזירט, ער־שטוינט. „עס איז וואונדערבאַר“, שרייבט באַנטש־ברויערוויטש, אין זיין באַ־ריכט וועגן בייליס פּראָצעס, „ווי זיין שטימעווירקט. שוין זיינע ערשטע ווער־טער זיינען ליידנשאַפֿטלעך און טיף. זיין שטימע קלינגט, ווי די שטימע פֿון אַ נביא. מ׳הערט אים, און אַן ענדערונג אין די געפֿילן מאַניפֿעסטירט זיך אין געריכט. אַלע געפֿעלשטע שריפֿטן, וואָס מ׳האָט אַנגעשלעפּט אין געריכט אַלס באַווייז קעגן זיין פֿאָלק, צעגלידערט ער, מיט זיין גרויסער געלערנטזאַמקייט, זאַך נאָך זאַך, פֿראַגע נאָך פֿראַגע. ס׳איז וואונדערבאַר, ווי געלערנט ער איז אין תנ״ך, אין תלמוד, אין קבלה און אין אַלעם דעם, וואָס הייסט יידישע ליטעראַטור. אָבער מער ווי אַלץ איז צו באַוואונדערן זיין געשיקטקייט צו דערקלערן זאַכן. אַלץ קומט אַרויס ביי אים אַזוי קלאָר, אַזוי אַן יעדער טעות, אַזוי לאָגיש...“ און איבערגעלעבט האָט ער דאָך ביי דעם פּראָצעס, פֿיל מער ווי בייליס. און געליטן ניט בלויז פֿאַר בייליסן, דעם פּרט, נאָר פֿאַרן גאַנצן יידישן כלל, וואָס איז געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, און אויסגע־הערט אַלע בלבולים, וואָס דער פּראָקוראָר און זיינע העלפֿער, האָבן געשאָטן אויף זיין קאָפּ. שפּעטער, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט געשטעלט דעם פּראָקוראָר, וויפּערן, פֿאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און אים געמשפּט פֿאַר זיינע פֿאַלשע באַשולדיקונגען, האָט מען אַרויסגערופֿן מזאה אַלס עדות. דאַן באַמיט ער זיך ניט צו פֿאַרערגערן דעם גורל פֿון דעם בלוטדורשטיקן פּראָקוראָר, מיט אַן אומגעלונגענעם וואָרט. די זאַך איז געווען פֿאַרשוואונדן און נקמה איז אים פֿרעמד געווען. און צומאָרגנס נאָכן פּראָצעס, האָט מזאה מיט צופֿרידנקייט דערציילט, אַז וויפּער האָט אויסגעמידן אַ האַרבע שטראָף; אַז ער האָט זיך „בוקם געווען“ אַן אים דערמיט, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז מיר, יידן, פֿאַדערן ניט קיין בלוט, און זיינען אים מוחל...

און נאָך דעם אַלעם, קען ער זיך ניט. ער איז ניט איינגעגלויבט אין זיך און האַלט ניט פֿיל פֿון זיינע טאַלאַנטן. מעמואַרן האָט ער געשריבן. און ער צווייפֿלט, צי האָבן זיי עפּעס אַ ווערט. לייענט ער זיי פֿאַר פֿאַר פֿריינד,

לייענט זיי פאַר מבינים און פאַר הויז־אייגנגייער. און נעמט קיינמאָל ניט ערנסט די גוטע מיינונגען, וואָס ווערן אים אַרויסגעזאָגט. אַזוי זאָגט ער אַמאָל זייגעם אַ נאָענטן, נאָכן לייענען אַ שטיקל פון די מעמואַרן:

— נעכטן איז ביי מיר געווען ביאַליק. ער האָט געזאָגט: גוט! וואָס זאָגט איר?

אַזוי ווייט!

אָבער דאָס איז געווען זיין שבת. איין זיבעטל בלויז, און אפשר ווייניקער, פון זיין לעבן. אַליין האָט ער עס געוואָלט אַזוי. וואָרעם אַלס יוריסט מיט זיין וויסן, מיט זיין גענייאַלן רעדנער־טאַלאַנט און מיט זיין פּאָפּולערקייט — אַ גליקלעך לעבן האָט ער זיך געקענט דערווערבן. ווי אַלע זיין גלייכן, אָדער אַפילו קלענערע פון אים. ער איז אָבער, בפועל ממש, מקריב זיין פּריוואַט־אינטערעס פאַר די אינטערעסן פון יידן, פון דער מאָסקווער יידישער קהילה. און אין יאָר 1893, ווערט ער „קאַזיאָנער רב” אין מאָסקווע — נאָך דעם, ווי דעם פריערדיקן ראַבינער, מינאָר, האָט די רעגירונג אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די העזה זיך משתדל צו זיין, מ׳זאָל עפענען די שול, וואָס די מאָסקווער אַדמיניסטראַציע האָט אין זעלבן יאָר געהאַט פאַרחתמעט — ווייל נאָכדעם ווי מ׳האָט אין יאָר 1891 אַרויסגעטריבן כמעט אַלע יידן פון מאָסקווע, איז אַזאַ גרויסן שול מער ניט נויטיק געווען.

דאָס איז געווען פאַר יידן, אין רוסלאַנד בכלל און דערהויפּט אין מאָסקווע, איינע פון די בלוטיקסטע תקופות. די רשעות, די נגישות און די „געזעצלעכע” פאַרפאָלגונגען האָבן קיין זין ניט געהאַט און קיין שיעור ניט געהאַט. יעדער טאָג מיט זיינע גזירות, יעדער טאָג מיט זיינע ענויים. וואָס נעכטן איז דערלויבט געווען, האָט מען היינט פאַרבאָטן. וואָס איין אַדמיני־סטראַציע האָט געזאָגט כשר, האָט די אַנדערע געזאָגט טריף. מעגן אָדער ניט־טאָרן, איז אָפן און פרעך אינגאַנצן אָפּהענגיק געווען דערפון, וואָס פאַר יידן איז ערגער. אַפילו שולן צום דאַווענען האָט מען פאַרמאַכט. אַפילו שולן פאַר קינדער האָט מען פאַרשלאָסן. לוסטיק האָט מען זיך געמאַכט איבער אונז. געפּייניקט און באַליידיקט און מיט די פיס געטראָטן. דער אַליינהער־שער אין פּעטערבורג און זיין ברודער דער תליון און אַליינהערשער אין מאָסקווע, האָבן עס ביידע אונטערגענומען: אויסצורייניקן מאָסקווע פון יידן. און מיט אַלע מיטלען האָט מען גערייניקט. פאַר כאַפּן אין מאָסקווע איין יידן

אָן וואוינרעכט, איז מען באַלוינט געוואָרן ווי פֿאַר כאַפּן צוויי רויבער. לויט אַ געזעצלעכע פֿאַראָרדענונג, איז דער פּרייז געווען פֿעסטגעשטעלט.

אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ אָרט און פֿאַר אַזוינע טיראַנען טראָגן דעם עול פֿון טויזנטער מענטשן אויף זיך! משתדל זיין זיך פֿאַר זיי! אַ שווערע, דערנידעריקנדע און אַ האָפֿנונגסלאָזע אַרבעט. אָן פּערספּעקטיוון, אָן אַ פֿאַר־נעם, אָבער ער טוט זי. זיין צייט איז ניט זיינע, נאָר זי געהערט אָן דעם קיבוץ, וועמען ער האָט צוגעזאָגט טריי צו דינען. דינט ער. מיט דער אי־בערגעבנקייט צו וועלכער זיין גרויס האַרץ איז פֿעאיק געווען. ווערט דעם ראַבינערס הויז אַ מין טרערן־אינזל, אינמיטן דעם ווילד ברויזיקן ים, וואו טויזנטער און טויזנטער יידן ראַנגלען זיך צווישן טויט און לעבן. אַהין קומט יעדער מיט זיין קריוודע. יעדער מיט זיין אומגליק. יעדער מיט זיין געבראָכן געמיט. אַפֿילו יענע, וואָס האָבן קיין האָפֿענונג ניט, דורך אים געהאָלפֿן צו ווערן, קומען אויך צו אים — כאָטש מיטגעפֿיל צו טרעפֿן. און מזאה פּילט מיט, מזאה טרייסט. ער באַגלייט די באַליידיקטע און געבראָכענע מיט אַ ברכה אין מויל, מיט אַ טרער אין אויג.

און אַזוי איבער דריי צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד (1893—1925!) פֿעלקער האָבן אין דער צייט געהאַט יאָרן פֿון מלחמה און יאָרן פֿון שלום. יידן אָבער, דערהויפּט אין רוסלאַנד, האָבן געהאַלטן אין איין מלחמה האַלטן פֿאַר זייער עקזיסטענץ. פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, דורך ניקאָלאַי דעם צווייטן ביז זינאָוויעוו דעם ערשטן. נאָר נעמען האָבן זיך געביטן, פֿירמעס האָבן זיך געענדערט. פֿאָקונגען זיינען געווען פֿאַרשידן. אָבער דער עצם אינהאַלט איז כסדר דער אייגענער. גזירות און נגישות, פּאָגראָמען און שחיטות, מלחמה און באָלשעוויזם — סיי ווי: „דער ייד ווערט פֿאַרברענט!" חרוב, פֿאַרקריפּלט. אויסגעראָטן. צער — דער ים! און טאָמער בעט ער אויס אַמאָל אַ טראָפּן הילף, לינדערט עס דען? קאָן דאָס דען באַפֿרידיקן? געוויס ניט! ווערט טאָקע דער מענטש געבראָכן פֿאַר דער צייט. די טויטלעכע לעבנס־באַדינגונגען מאַכן אים קראַנק, נירן, בלינדקייט. היילן זיך, ענדערן דעם קלימאַט, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט. ציען זיך זינלאָזע טעג, חדשים, יאָרן... און ווערט אַ דריי־סיק יאָריקער סך־הכל געמאַכט — אַ סך־הכל פֿאַר אַלע יידן אין רוסלאַנד — באַקומט ער דורך נולן.

האָט געלעבט אַמאָל אַ גלויבן אין דער אַלמאַכט פֿון בילדונג: זי וועט מוחות לייטערן, הערצער ווייכן און מענטשן זייער צלם אלהים אומקערן, קומען

זינגלאָזע רדיפות, אונטערדריקונגען, העצערייען און האַס, האַס און האַס, וואָס ווישן אָפּ דעם דאָזיקן גלויבן. לעבט אַ גלויבן אין פּאָליטישן קאַמף. דורך אים „וועסטו קומען צו דיין רעכט". קומט דער קאַמף, ברענגט ער פּאָגראָמען, שחיטות, און רויב־טיר־געהויל ; ניט בלויז דערוועלבט דער ייד דורכן קאַמף גאָרניט, נאָר ער פאַרלירט נאָך דאָס ווערטפולסטע אין לעבן — און אויך דער גלויבן פאַרשווינדט. לעבט אַ גלויבן אין אינסטינקטיוון פאָלקס־יושר. אין דער גערעכטיקייט פון פאָלקס־הערשאַפט, אין דעמאָס מיט זיין דעמאָקראַטישער דריי־איינקייט: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט; דער זיג פון די לעצטע, זאָל אויך אונזער זיג זיין. און אַז דער זיג איז געקומען — בלויז איין בליק, און שוין קומט דער דונער, מאַכט ציטערן די לופט, מאַכט חרוב די ערד, פאָלק און פאָלק, דאָרף און שטאָט, און דעם יידן איבער אַלע. און וואָס זאָל דען נאָך דער גלויבן אין דער ערלעכקייט פון דעמאָס זיך האַלטן ? מאַכט האָט ליב ניט בלויז צו הערשן, נאָר אויך צו אונטערדריקן. דאָס איז איר טבע. און גראָד מאָסקווע, און פאַר יידן ליפערט לעבעדיקע צייכן :

אין יאָר 1893 שטייט מזאה פאַר מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ; סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש ראָמאַנאָוו, און בעט פון אים רחמנות, ניט צו רעקווירירן די יידישע סינאַגאָגע און זי איבערלאָזן אין רשות פון יידן, צו זייערע צוועקן. און אין יאָר 1923 שטייט דער זעלבער מזאה, אויפן זעלבן פלאַץ, מיט דער זעלבער בקשה, פאַר דער זעלביקער סינאַגאָגע, פאַרן באַל־שעוויסטישן קאָמיסאַר ראָזענפעלד־קאַמעניעוו...

פאַר די ראָמאַנאָווס האָט ער צוגעזען, ווי דער עקסטרעמער אַנטיסעמי־טיזם האָט אַרויסגעטריבן פון מאָסקווע די יידן, וואָס זיינען אים ניט געווען וואוילגעפעלן. און פאַר די קאָמעניעווס האָט ער צוגעזען, ווי דער עקסטרעמער סאָציאַליזם, האָט אַרויסגעטריבן פון מאָסקווע אַלע יענע יידן, וואָס זיינען אים ניט וואוילגעפעלן... און די צאָל פון די לעצטע איז גרעסער, ווי די צאָל פון די ערשטע.

אין באָגאָליעפּאָווס צייטן, זעט ער טויזנטער יידישע סטודענטן, וואָס די טירן פון אַלע הויכשולן זיינען פאַר זיי געשלאָסן — ווייל זיי זיינען ניט קיין קריסטן. און אין לונאַטשאַרסקיס צייטן זעט ער טויזנטער און טויזנטער יידישע סטודענטן, וואָס די טירן פון אַלע הויכשולן זיינען פאַר זיי געשלאָסן — ווייל זייערע יידישע עלטערן זיינען ניט קיין קאָמוניסטן... אַן אַנדער פאָקונג, אָבער דער זעלבער אינהאַלט, דער זעלבער פועל־יוצא.

אָבער ווער קען עס דען אויסשעפּן אַלע פּאַראַלעלן ?

און די לעצטע אונטערדריקונגען שטייגן אַריבער די ערשטע. און וואָס ווייטער אַלץ שווערער, אַלץ ערגער, און אויך פאַר אים פּערזענלעך ערגער. פּאַרן באָלשעוויזם, און אַפילו שוין בעתן באָלשעוויזם, נאָר ביי לענינס לעבן — ווייל ער האָט פּיינט געהאַט די יעווסעקעס, — האָבן די בלוט־שונאים פון זיין אַפּשטאַמונג פריער, אָדער פון זיין אַמט און קלאַס איצט, איבער אים פּערזענלעך קיין שליטה ניט געהאַט. האָט ער אויך פון פּערזענלעכע נגישות ניט געוואוסט. ער האָט אָפט געליטן דחקות, אָפט געהונגערט, אָבער אינאיינעם מיט אַלע. זאָגט מען דאָך, אַז „אַן אַלגעמיינע צרה, איז אַ האַלבע נחמה״. איז אָבער לענין געשטאָרבן. די יעווסעקעס הויבן אָן ביסלעכווייז געפינען גויישע אויערן פאַר זייערע רייד. הויבט זיך אָן אַן אַגיטאַציע קעגן „יידישן מיטראָפּאָליט״. און אַז דער לאָנדאָנער ראַבינער הערץ, פּראָטעסטירט קעגן די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין רוסלאַנד, הייסט עס: מזאה האָט עס יענעם אונטערגעהעצט קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. אמת, מזאה האָט זיך אין פּאָליטיק ניט געמישט — דאָס גאַנצע לעבן ניט, — דאָס האָבן אַלע געוואוסט. אַפילו די מאָסקווער טשעקאַ. אַפילו די יעווסעקציע. אָבער פאַר די גויים אַ תירוץ איז עס דאָך געווען !...

האָט זיך אָנגעהויבן די העצע. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען אים באַנבלט. באַטאַדלט. אין פאַרדאַכט געשטעלט. איצט איז שוין ניט שווער געווען צו אים צוצוגיין. די אינקוויזיציע האָט געווירקט אויפן מענטשלעכן קערפּער מיט מאַטעריעלע מיטלען. די יעווסעקציע טוט דאָס אייגענע. זי לעגט אַרויף אויף זיין דירה אַן אָפּצאָל פון 1,500 גאָלד־רובל אַ חודש. אַ סומע — וואָס ניט ער, ניט די חרובע מאָסקווער קהילה, איז ניט אימשטאַנד צו צאָלן. וואַרפט מען אים אַרויס פון זיין וואוינונג. קיין פרייע דירה איז אין מאָסקווע ניט צו באַקומען. מוז ער זיך שיידן מיט די קינדער, מיט זיין ביבליאָטעק, און אַ קראַנקער, אַן אָרעמער באַזעצט ער זיך מיט זיין פרוי אין קאַנצעלאַריע, וואָס ביי דער סינאַגאָגע, וואָס איז לחלוטין ניט צוגעפּאַסט פאַר קיין וואוינונג. ער פילט זיך דאָ ווי לעבעדיק באַגראָבן. אָן מיטלען.. אָן לופט, אין אַ גרויסן אָרון... אַליין לייענען קאָן ער אויך ניט. די קינדער, וואָס זאָלן אים דערין העלפן, זיינען ניט מיט אים. די קראַנקהייט ווערט שטאַרקער. דאָס האַרץ ווערט שוואַכער. און דעם 18טן דעצעמבער, עלף אין אָוונט, גייט ער אַוועק פון דער „בעסטער״ פון אַלע וועלטן.

נאָכוואָרט

(אַ התנצלות פון קאָמיטעט)

דאָס דאָזיקע בוך האָט געזאָלט דערשיינען צום ערשטן יאָרצייט נאָך שמואל ראָזענפעלד, אָבער דער קאָמיטעט האָט באַגעגנט אַ סך שוועריקייטן אויף זיין וועג, און דאָס בוך האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ יאָר צייט: די שוועריקייטן זיינען געווען דער עיקרשט מאַטעריעלע.

און די שוועריקייטן זיינען געקומען פון דעם, וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס טומלט מיט באַנקעטן, מיט יובילייען, מיט פּאָמפּעזע לוויות און מעמאָריאַל אָוונטן איז געשטאַנען אין גאַנצן אַן אַ זייט.

מען דאַרף האָבן כסדר אַ צד, אַן אָרגאַניזאַציע מיט אייגענע מענטשן ביים לעבן, כדי מען זאָל האָבן אין צייט אַ יובילייִ, אַ באַנקעט אאַז״וו. אָבער נאָך מער, שטעלט זיך אַרויס, דאַרף זיך איינער באַוואָרענען מיט אַ צד, מיט אַן אָרגאַניזאַציע און מיט אייגענע מענטשן נאָכן טויט.

און שמואל ראָזענפעלד האָט עס ניט געטאָן, ער האָט זיך ניט באַוואָרנט מיט אַ צד, מיט אַן אָרגאַניזאַציע, ניט ביים לעבן און נאָך וויניקער ביים טויט.

דער קאָמיטעט, וואָס גיט אַרויס דאָס דאָזיקע בוך באַשטייט פון דריי מענטשן, קיין איינער פון זיי איז ניט קיין פּאַרטיי־ציוניסט, די דריי מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען געווען בלויז זיינע פּערזענלעכע פריינד.

און עס איז געווען אַ כבוד און אַ גרויסער גייסטיקער געַנוס צו זיין שמואל ראָזענפעלדס אַ פריינד; איר האָט געהאַט פאַר זיך ממש דעם לעבעדיקן מוסטער פון אַ יידישן תלמיד־חכם, פון אַ יידישן פּקח און פון אַ יידישער עטישער פּערזענלעכקייט.

און דער וואָס איז געוואָרן שמואל ראָזענפעלדס אַ פריינד איז ער געבליבן זיינען אַ פריינד ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן און נאָך זיין טויט.

און שמואל ראָזענפעלד פון זיין זייט, האָט געקענט זיין אַ פריינד, ער

האָט געקענט זיין אַ פריינד אָן טומל, אָן חניפה, אָן סענטימענטאַליטעט און אָן וועלכע עס איז פניות.

שמואל ראָזענפעלד איז געווען אַ ציוניסט פון דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס אָן, ער איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער פובליציסט אין העברעאיש און יידיש. דער ערשטער געדרוקטער באַריכט אין בוך־פאָרם וועגן צוויי ציוניסטישע קאָנגרעסן פון דעם 2טן און 3טן קאָנגרעס אין יידיש איז געווען זיינער, ער איז געווען אַ שטיקל צייט דער רעדאַקטאָר פון דעם יידיש־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „די וועלט“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון ד״ר טעאָדאָר הערצל; ד״ר הערצל איז פאַקטיש געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט, לכל הפחות, אָפיציעל. שמואל ראָזענפעלד איז מיט אַ קליינעם איבעררייס געווען דער ציוניסטישער פובליציסט גוטע פיר צענד־ליק יאָר, דאָס הייסט כמעט זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן האָט ער געדינט דעם ציוניזם מיט זיין שאַרפער פעדער, מיט זיין גרויסער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און עטישקייט.

צוואַנציק יאָר האָט ער געדינט טריי דעם ציוניזם אין אַמעריקע.

דער קאָמיטעט ווייס ניט נאָך איינעם, וואָס האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ערלעך געדינט דעם ציוניזם ווי שמואל ראָזענפעלד.

און שמואל ראָזענפעלד האָט קיינמאָל קיין אַמט ניט געטראָגן אין דעם ציוניזם, ער האָט דעם ציוניזם קיין סענט ניט געקאָסט, זיין דינסט דעם ציוניזם איז ריין, אַבסאָלוט ריין פון וועלכע עס איז פערזענלעכע חשבונות און וועלכע עס איז אַנדערע חשבונות.

און אָט דעם געטרייסטן ציוניסט האָט דער ציוניזם אין אַמעריקע ניט באַמערקט, אינגאַנצן ניט באַמערקט, ווייל ער האָט זיך קיינעם ניט געוואָרפן אין די אויגן און דעם ציוניזם אויך ניט.

האָט ער געלעבט ווי אַ פאַרגעסענער ביים לעבן און איז געשטאָרבן ווי אַ פאַרגעסענער.

שמואל ראָזענפעלד איז געווען אויך אַ העברעאישער פובליציסט, ער האָט פאַקטיש אָנגעהויבן ווי אַ העברעאישער פובליציסט און האָט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן געשריבן העברעאיש אין אַלע העברעאישע אויסגאַבעס, אַפילו אין דער אַרבעטער־צייטונג אין ארץ־ישראל, אין „דבר“.

און אויך די העברעער, וואָס טוען און יובלען זייערע שרייבער, וואָס טוען און גיבן אַרויס זייערע ביכער, אויך זיי האָבן פאַרגעסן דעם ערשטן

העברעאישן ציוניסטישן פובליציסט, פאַרגעסן ביים לעבן און פאַרגעסן נאָכן טויט.

***

מיר דערציילן עס ראשית כל ווי אַ התנצלות, אָבער דער עיקרשט ווילן מיר אָנווייזן אויף דער קראַנקהייט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע.

אָפט קומט אונדז אויס צו זען ווי מספידים זוכן ממש מיט ליכט אַ שטיקל שבח צו זאָגן אויף איינעמס אַ לוויה, און זיי מוזן זיך העלפן מיט שבחים, וואָס פאַסן ניט פאַרן נפטר. דער נפטר האָט ממש ניט געהאַט און האָט קיין שום פאַרדינסט ניט, די איינציקע פאַרדינסט זיינע איז דאָס, וואָס ער האָט זיך געקהלט און אומעטום געהאַט אַ צד.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען צווינגט אַרויף אויף דער יידישער ליטעראַטור מענטשן, וואָס זיינען גאָר קיין שרייבער ניט.

אָבער דעם אמתן שרייבער פאַרזעט מען אָפט אינגאַנצן.

און דאָס האָט פּאַסירט מיט שמואל ראָזענפעלדן, דעם ערשטן פובלי־ציסט אין יידיש און העברעאיש, איינעם פון די ערשטע ציוניסטן, וואָס האָט געטריי געדינט דעם ציוניזם דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן.

יאָ, ניט אַזאַ בוך האָט באַדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן צום אָנדענק פון דעם מענטשן מיט דער ריינסטער פעדער, דעם מענטשן מיטן קלאָרסטן קאָפּ און דעם גרויסן יידישן תלמיד־חכם ; מען האָט באַדאַרפט אַרויסגעבן, לכל־הפחות, פיר־פינף בענדער פון זיינע שריפטן אין יידיש און אין העברעאיש.

און אין ביידע ליטעראַטורן אונדזערע שווינדלט און גריבלט עס ניט מיט גרויסע טאַלאַנטן, עס איז אין ביידע ליטעראַטורן נאָך פאַראַן אַ גאָר גרויסע באַדערפעניש אין אַ זאַמלונג פון שמואל ראָזענפעלדס ווערק, זי וואָלט באַ־שיינט ביידע ליטעראַטורן אונדזערע.

אָבער אַפילו די ליטעראַטור האָט פאַרגעסן איינעם פון אירע שענסטע קינדער.

איז דער קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון דריי פריינד פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, געווען געצוואונגען צו באַגרענעצן זיך בלויז מיט דריי מאָנאָ־גראַפיעס און מיט אַ ביאָגראַפיע פון זייער מחבר.

אין צייטונגען, אין זשורנאַלן און אין זאַמלביכער זיינען צעזייט און צעשפּרייט ממש הונדערטער עסייען שמואל ראָזענפעלדס, עסייען געשריבן

מיט גרויסער פּינקטלעכקייט, מיט גרויסער קלאָרקייט און שאַרפקייט, און זיי בעטן זיך מען זאָל זיי צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן זיי אין אַ בוך־פאָרם, ניט צוליב דעם כבוד המת, נאָר צוליב דעם ערנסטן ליטעראַרישן ווערט זייערן.

דער קאָמיטעט, וואָס האָט באַגעגנט אַ שרעקלעכע, כמעט אומפאַר־שטענדלעכע גלייכגילטיקייט צו די שאַפונגען פון איינעם פון אונדזערע שענסטע גייסטער מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט גאָר ניט געקענט אַפילו קלערן וועגן אַן אויסגאַבע פון אַ זאַמלונג פון ראָזענפעלדס ווערק אין עטלעכע בענדער, ער האָט זיך געמוזט באַגנוגענען בלויז מיט דריי פּרעכטיקע מאָנאָגראַפיעס.

און כדי די שולד זאָל ניט פאַלן אויף דעם קליינעם קאָמיטעט איז די דאָזיקע התנצלות געשריבן געוואָרן.

אָבער ניט איינגאַנצן צו אַראָפּקייקלען פון זיך די מעגלעכע באַשולדי־קונג איז די דאָזיקע התנצלות געשריבן, זי איז געשריבן אויך מיט דער בפירושער כוונה צו אויפדעקן איינע פון די קראַנקהייטן פון אונדזער יידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע.

און אַז דאָס איז אַן ערנסטע קראַנקהייט איז גאָר קיין ספק ניטאָ: דאָ ווערט ניט באַוווּהט דער אָדער יענער שרייבער, דאָ ווערט אָפּט באַוווּהט און געקריוודעט די ליטעראַטור, סיי די יידישע און סיי די העברעאישע, ווייל ניט די אמתע שעפערישקייט באַקומט דאָס, וואָס זי פאַרדינט, נאָר די פּסיידאָ־שעפערישקייט באַקומט גאָר די לאָרבער־קרענץ, וואָס זי האָט בשום אופן ניט פאַרדינט.

עס איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו ברענגען קאָנקרעטע ביישפּילן, אָבער זיי זיינען דאָ לרוב.

***

און נאָך עפּעס:

אונדזער ביכער־מאַרק שווימלט און גריבלט ממש פון מעמאָריאַל־ביכער, יובילייי־ביכער, סואווענירי־ביכער, לאַנדסמאַנשאַפטן־ביכער און אַנדערע בי־כער פון דעם מין, וואָס האָבן אָבער קיין שום ליטעראַרישן ווערט ניט, אָדער זייער ליטעראַרישער ווערט איז דער מינימאַלסטער; זיי ווערן אַרויסגעגעבן פון פריינד לכבוד געזעלשאַפטלעכע קאָכלעפלס, לכבוד האַלבע און פערטל שרייבער, וואָס קהלן זיך.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא ווען מיר וועלן באַהויפּטן, אַז אַט די דאָזיקע „ליטעראַטור" קאָסט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פיל צענדליקער טויזנטער אַ יאָר.

און עס איז בפועל ממש אַרויסגעוואָרפן געלט, ניט נאָר ווערן אונדזערע ליטעראַטורן ניט באַרייכערט פון זיי, נאָר זיי ווערן בפירוש דערנידעריקט, זיי באַקומען אַ מין ליטעראַרישן שטרוי, וואָס איז בלויז אַ באַלאַסט, בלויז אַ הויקער אויף זייערע פּלייצעס.

פאַרן געלט, וואָס ווערט אויסגעגעבן יערלעך אויף דעם דאָזיקן ליטעראַרישן שטרוי קען מען אַרויסגעבן אַ שלל גוטע ביכער, ביכער, וואָס קענען באַרייכערן אונדזערע ליטעראַטורן און צוביינדן דעם יידישן לייענער צו דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

און לא די וואָס אַזעלכע ביכער שאַדן די ביידע ליטעראַטורן אונדזערע, פאַרשטעלן זיי דעם וועג פאַר אַנדערע ביכער, פאַר ביכער פון אמתער ליטעראַרישער קוואַליטעט, וואָרעם זיי עסן ממש אויף די קהלשע געלט און פאַר די גוטע ביכער בלייבט גאָרניט.

סוף כל סוף האָט דאָך קהל איין קעשענע, און ווען די קעשענע ווערט אויסגעליידיקט פאַר שטרוי־ליטעראַטור בלייבט גאָרניט פאַר אמתער ליטעראַטור.

מיר ווייסן, אַז מען וועט טענהן — שמואל ראָזענפעלד איז ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכער מענטש, ער האָט זיך ערגעץ ניט באַוויזן, און גיין אויסזוכן למד־וואָווניקעס איז קיינער ניט מחויב.

איז עס ניט ריכטיק — שמואל ראָזענפעלד איז געווען דער אמתער געזעלשאַפטלעכער מענטש.

עס איז ממש ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע יידישע פראַגע אויף וועלכער ער האָט זיך ניט אָפּגערופן, יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז געווען זיין שרייבערישע ליידנשאַפט, ער איז געווען איבערגעגעבן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט מיט לייב און לעבן, יעדע יידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגע, אָדער פּראָבלעם פלעגן אים פאַרכאַפּן, ער פלעגט ליידנשאַפטלעך זוכן אַן ענטפער אויף זיי, און דער ענטפער איז אַלע מאָל געווען אַ קלאָרער, אַן ערלעכער און אויפריכטיקער.

און ער האָט זיך באַוויזן אומעטום, ער איז ניט געווען קיין למד־וואָווניק און קיין רואה־ואינו־נראה, ער פלעגט זיך באַווייזן טאָג־איין טאָג־אויס אין

דער יידישער און אין דער העברעאישער פּרעסע, אין יידישע און העברע־אישע זשורנאַלן און אין יידישע און העברעאישע זאַמל־ביכער.

דאַרף מען אַ מער עפנטלעכן פּלאַץ ווי די פּרעסע איז? און דאָ איז ער געשטאַנען כסדר אויף דער וואַך, מען האָט אים דאָ שטענדיק געפונען ווי דעם געטרייסטן שומר, ווי דעם איבערגעגעבנסטן וועכטער פון יידישע געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן.

ער איז געווען דער געזעלשאַפטלעכער יידישער מענטש.

מער ניט, ער איז אין דער קיך, וואו מען קאָכט די יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט און די יידישע פּאָליטיק,ניט געווען, דאָס איז אמת, ער האָט זיך ניט געקהלט.

און ניט געקהלט האָט ער זיך, ווייל ער האָט געוואָלט זיין ריין פון פּניות, פון פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פון גוט־ברודער־שאַפט און פון פּלייצע־קלאַפּעניש.

ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם.

ווייל ער האָט געזען אין זיין לאַנגער שרייבערישער קאַריערע וויפיל גוט־מיינענדיקע זשורנאַליסטן, שרייבער און כלל־טוער האָבן זיך אויסגע־גליטשט, זיי זיינען געוואָרן קהלשע קליאַמקעס, קאָכלעפלס, קאָקוס־מענטשן, פּאָליטישנס, פּשרה־מענטשן.

ער האָט געזען ווי פּרינציפּלאָזע מענטשן האָבן געקעמפט כלומרשט פאַר פּרינציפּן, אין דער אמתן אָבער האָבן זיי גאָר געקעמפט פאַר אייגענע אינטערעסן, אָדער פאַר די אינטערעסן פון אַן אַנדערן, וואָס יענעמס אינטערעסן קענען ווערן אויך זיינע אינטערעסן.

ער האָט געזען ווי ערלעכע, ריינע מענטשן זיינען געוואָרן אין פּראָצעס פון קהלן זיך פּניה־מענטשן, מענטשן, וואָס האָבן כסדר אין זינען עפּעס אַ זייטיקע זאַך, אָבער קיינמאָל ניט דעם ענין גופא.

פלעגט ער זיך אַליין היטן, אויף זיך אַליין האַלטן אַן אויג, ער זאָל חלילה ניט נכשל ווערן, ער זאָל חלילה ניט ווערן אַ צד, אַן אונטערפּאָרער אויף אַ פרעמדן וואָגן און אַ טרעגער פון פרעמדע פּעקלעך.

יאָ, ער איז געווען דער אמתער געזעלשאַפטלעכער מענטש ביי יידן, מער ניט וואָס אונדזערע געזעלשאַפטלעכע מענטשן פאַרשטייען אַנדערש געזעלשאַפטלעכקייט, זיי פאַרשטייען זי צו פּערזענלעך...

***

האָט שמואל ראָזענפעלד, וואָס האָט זיין גאַנץ פּרוכטבאַר לעבן געדינט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און דער יידישער פּאָליטיק געלעבט אַ פאַרגעסענער און איז געשטאָרבן אַ פאַרגעסענער.

האָט דער קליינער קאָמיטעט, וואָס האָט אונטערגענומען די דאָזיקע אויסגאַבע, זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרעקשנטער גלייכגילטיקייט.

אָבער ער האָט דאָך געפונען געציילטע מענטשן און איין אָרגאַניזאַציע, וואָס זיינען אים אַנטקעגנגעקומען.

און די דאָזיקע איינצלנע מענטשן און דער דאָזיקער איינצלנער אָרגאַניזאַציע דריקט דער קאָמיטעט אויס זיין דאַנקבאַרקייט.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך זיין דער שטילער, באַשיידענער דענקמאָל פאַר דעם שטילסטן, באַשיידנסטן און ערלעכסטן יידישן שרייבער — שמואל ראָזענפעלד.

דער קאָמיטעט האָפט, אַז ווען דאָס יידישע פאָלק וועט קומען אַ ביסל צו זיך נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועלן זיך געפינען נאָך פריינד און פאַרערער פון דעם פאַרשטאָרבענעם שמואל ראָזענפעלד און זיי וועלן צונויפנעמען די עסייאיסטישע פּערל און די ערנסטע אַרבעטן פון שמואל ראָזענפעלד און זיי אַרויסגעבן.

דער קאָמיטעט איז זיכער אין דעם.

וואָרעם וויפיל שמואל ראָזענפעלדס האָבן מיר געהאַט?

ניו-יאָרק, דעם 29טן אַפּריל, 1947.

אינהאַלט:

זייט

א. שמואל ראָזענפעלד — אַ ביאָגראַפיש־קריטישע סקיצע — פון ד״ר א. מוקדוני — — — — — — — — 3—65

ב. ר׳ ישראל סאַלאַנטער — זיין טעטיקייט און זיינע נאָכפאָלגער (צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אין „פריינד״ אין 1909) — — — — — — — — 66—118

ג. ר׳ מנשה איליער (בן פורת) — אַן איינזאַמער דענ־קער (צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אין „צו־קונפט״ אין 1913) — — — — — — — 119—152

ד. מ. ל. ליליענבלום — זיין לעבן און אויפטאָן (צום ערשטן מאָל דערשינען אין פעטערבורג אין 1919 אין פאַרלאַג „חברה מפיצי השכלה בישראל״) 153—227

ה. עזריאל נתן פרענק — אַן אָפּשאַצונג פון פאַר־שטאָרבענעם יידיש־העברעאישן היסטאָריקער (דערשינען אין „צוקונפט״ אין 1924) — — — — 229—238

ו. יעקב מזאָה (דערשינען אין „צוקונפט״ אין 1925) 239—248